STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06550

A LIKHT GEYT OYF

Noah Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח גאָלדבערג

אַ ליכט גייט אויף

אַרויסגעגעבן פון
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור-פאָנד

ניו-יאָרק, 1948.

צילן און אויסגאַבעס פון „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד“

די צילן:

1) פאַרעפנטלעכן ווערק פון יונגערע יידישע שריפטשטעלער און אויך די ווערק פון די, וואָס זיינען פריצייטיק אַוועק פון אונז.

2) בעקענען יידן אומעטום מיט דער יידישער וואָרט-שאַפונג אין אַמעריקע.

3) שטיצן און דערמוטיקן אַלע פּראַקטישע פרואוון צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור.

ביז איצטיקע אויסגאַבעס:

בעריש ווײַנשטיינס
ר י י ש ע (עפּאָפּייע)

ברוך גלאַזמאַנס
ב ר ו י ט (ראָמאַן)

זישע לאַנדויס
פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט פ אָ ע ז י ע

ב. ריווקינס
אַ ג ל ו י ב ן פ אַ ר א ו מ ג ל ו י ב י ק ע

מלך במעלניצקים
ר ז א ו ן א ו מ ר ן

נח גאָלדבערגס
אַ ל י כ ט ג י י ט א ו י ף (נאָוועלע)

פון דעם אייגענעם מחבר „פשוטע מענטשן“, דערציילונגען, 1942.

נח גאָלדבערג · נאָוועלע



אַ ליכט גייט אויף

דערשיינט אין 1400 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג קאָמפּ., נ. י.
הויפּטפּאַרקויף: „צוקונפט" ביכער אַגענטור.
פֿאַדערבלעטער און באַצירונגען פֿון יעקב ליכטנשטיין.

NOAH GOLDBERG

A LICHT GEIT OIF

NOVELE

Copyright, 1948
By David Ignatoff Literary Foundation, Inc.
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.
Grenich Printing Corp.
New York 1, N. Y.
166

מײַן זון ראָבערט

מיט ליבשאַפֿט געווידמעט

אָפּטײלונגען:

דער אַרויספֿאָר

אױפֿגעבראָכענע ערד

טאָמס טויט

אײגן ברויט

דער אַרויספֿאָר

דאָס איז אַ בוך וועגן אַ יידן, אַן עקשן, אַ בוך וועגן ערלעכער מי.

אַ מענטש — גרשון איז זיין נאָמען — פאַרט מיט אַן אַנגעלאָדענעם וואָגן כל־טוב, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיין „האָומסטעד", אין דעם וואָקזאַל־שטעטל. גרשון זיצט אויפן וואָגן און טראַכט וועגן אַ סך זאַכן. ער טראַכט — מען דאַרף האָבן אַזאַ שטעטל אין דער פּריירי. אָבער וואָס גיכער מען אַנטלויפט פון דאָרט — אַלץ בעסער.

די מענטשן אין שטאָט ווייסן ניט, אַז די אַמעריקאַנער פּריירי האָט ליב דעם מענטשן. זי האָט ליב דער מענטש זאָל זען די פונאַנדער־געוואָרפענע גרויס פון די פּריירי־שטחים.

גרשונס שטייגער איז געווען ניט צו טרייבן די פערד. פערד האָבן אַליין ליב צו טאָן זייער אַרבעט, איז אויב זיי ווילן גיין פּאַמעלעך — זאָלן זיי!

וויפיל ליכט עס איז דאָ צעשפּרייט און פונאַנדערגעגאָסן איבער דער גרויסער פּריירי. ליכט באָדט זיך דאָ אין ליכט אָן אַ שיעור! יאָ, די פּריירי האָט ליב דעם מענטשן, האָט ליב זיין אויג און זיין מי, און צאָלט ווי אַ געטרייע מאַמע, פאַר אַלץ וואָס דער מענטש גיט איר.

ביי גרשונען איז רעכט, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין ניו־יאָרק אין אַ שבת, פּונקט צען אַזייגער אינדערפרי.

ד. א. ליטעראַטור־פאָנד.

קאַפּיטל 1

שבת, אַרום צען אינדערפרי, האָט זיך צעטראָגן אַ גרילצנדיקער פייף איבערן קאָרידאָר. פונם פייף איז גרשון אויפגעשפרונגען פון בענקל, אַ געשריי געטאָן צום ווייב: „דער בריוו־טרעגער!" — און הענדום־פּענדום אַראָפּגעלאָפן די שטיגן. אין אַ ווײַלע אַרום, איז ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוריקגעקומען, און אין זיין האַנט האָט זיך געבלייכט אַ דיקער, לאַנגער קאָנווערט, מיט אַ צוריק־אַדרעס פון דעם וואַשינגטאָנער אַגריקולטור דעפּאַרטמענט.

מיט אויבנאויפיקער פרייד, און אין דער זעלבער צייט — מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער אין האַרצן, אַז ס'איז אַ שלעכטע בשורה, איז ער געשטאַנען אינמיטן קיך, געהאַלטן דעם בריוו אין האַנט, אים געדרייט אויף אַלע זייטן, באַטראַכט די קרום־אָפּגעווירעטע פּאָסט־צייכנס און ניט געוואָגט צו עפענען.

אָבער סוף־כל־סוף האָט ער אויפגעריסן דעם צוגעקלעפּטן זייטל־קאָנווערט. אַרויסגענומען פון דאָרט אַ לאַנגן בריוו, צוזאַמען מיט אַ דאָ־קומענט, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז זיין, גרשון פרידמאַנס, פאַרלאַנג איז באַוויליקט געוואָרן, און די ערד, וואָס די רעגירונג גיט אים אויף צוויי און אַ האַלב דאָלאַר אַן אַקער, געפינט זיך אינם שטאַט מאָנטאַנאַ, און ער זאָל פאָרן אָנקוקן דאָס לאַנד.

אַז ער האָט איבערגעלייענט די לעצטע פּאָר ווערטער, איז אין שטוב געוואָרן אַי פריילעך, אַי אומעטיק. דערהערט, אַז דער טאַטע האָט „לאַנד געקויפט", וועט ווערן אַ פאַרמער, און זיי וועלן זיין אויף אַ פאַרם — האָט דאָס די קינדער זיינע אַזוי צענומען, אַז אייבעלע האָט אָנגעכאַפּט מערעלען פאַר די צעפּלעך, איז נאָכגעלאָפן נאָך איר און געשריען:

— געדיאַפּ! מיר האָבן אַ פאַרם! געדיאַפּ!

גרשון איז געווען אַן אַמעריקאַנער בירגער און געגלויבט אין זיין רעגירונג. ער האָט געוואוסט, אַז וואַשינגטאָן גיט לאַנד — איז דאָך ניט שייך צו פאָרן אָנקוקן. אויב יאָ פאָרן, איז באַזעצן זיך. און, איבער־לייענענדיק דעם בריוו מיט די אינסטרוקציעס און דעם דאָקומענט, וועלכן ער האָט בלויז געדאַרפט חתמענען ביי אַ „נאָטאַרי פּאַבליק" און

צוריקשיקן, האָט ער אַ געשריי געטאָן, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן פאַר־טרייבן די ווייטקייט פונם דערמאָנטן געגנט:

— אָ־האָ! אַזש אין מאָנטאַנאַ! נישקשה פון אַ מהלך! נאָר צוריק־גערעדט: ווּעמען אַרט דאָס? וואָס ווייטער פונדאַנען — אַלץ בעסער! אַבי איך זאָל ניט דאַרפן זיין אין ניו־יאָרק און אַרבעטן אין פאַרשטיקטע שעפּער...

מיטן אָנקומען פונם בריוו איז ביילקעס גורל פאַרזיגלט געוואָרן, און צום ערשטן מאָל אין איר פאַרהייראַטן לעבן האָט זיך אַ חשד אַריינ־געגנבעט צו איר אין האַרצן, אַ פאַרדאַכט, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: אפשר, ווער ווייסט?... גרשון איז נאָך אַ יונגער, געזונטער מאָן?... פונדעסטוועגן האָט זי מיט אַן אַרויפגעצויגענער גלייכגילטיקייט אויפן פנים געפרעגט אים:

— איז ווען רעכנסטו צו פאָרן אַהין אָנקוקן דאָס לאַנד?

ווי אַ צעטומלטער איז גרשון אַרומגעגאַנגען פון איין חדרל אינם אַנדערן און די ענגקייט אין די צימערלעך איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געראַמקייט. די פאַרב אויף די ווענטלעך איז, דוכט זיך, העלער און שענער געוואָרן אין זיינע אויגן. דער סופיט — העכער. אַפילו דער גערויש פון גאַס, וואָס האָט זיך אַהער פאַרקליבן, איז אים אָנגענעם געווען צו הערן. נאָר, אַ קוק־טוענדיק אויף די בלאַסע קינ־דערלעך, איז דאָס אַלעס ווי רויך צעשוואומען און מיט אַנטשלאָסנקייט אין קול האָט ער געענטפערט:

— מיר דוכט זיך, אַז אַ באַן גייט אַהין צוויי מאָל אַ מעת־לעת. וועל איך אַרויספאָרן דינסטיק. ס'איז מזלדיקער... איצט איז דאָך ניט שייך צו פטרן צייט אומזיסט! מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. דאָס פעלד איז מסתמא אַ ווילדע און וואו צו זיין איז געוויס אויך ניטאָ. ס'וועט אויסקומען שווער צו האָרעווען...

אינם טאָג פון אָפּפאָרן האָבן אין שטוב געהערשט אַ יום־טובדיקייט מיט אַ תשעה־באָב אינאיינעם.

ביים טיש האָבן די קינדער געלאַכט, געשטיפּט און גערעדט מער צום טאַטן ווי צו דער מאַמען. פון דעם איז געווען צו זען, אַז אַפילו די קינדער האָבן דערפילט — עפּעס רוקט זיך אָן ערנסטער מאָמענט, גנבעט זיך מיט יעדן טיק־טאַק פונם זייגער, אַ מאָמענט, ווען דער טאַטע וועט זיך אויפשטעלן, אָנטאָן דעם הוט, זאָגן: „גוד־באַי", וועט אַוועקגיין, און זיי וועלן אים ניט זען אַ לאַנגע־לאַנגע צייט...

ביילקע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דאָס איבערגעטריבענע לאַכן

פון די קינדער, באַנומען זייער פלאַפּלען, האָט זי מיט פאַרגנבעטע בליקן אַ קוק געטאָן אויפן מאַן און אַריינגעלייגט נאָך אַ שטיקל פלייש צו אים אין טעלער:

— עס, עס... טרינק נאָך אַ ביסל ווײַן... דעם קאָמפּאָט זאָלסטו ניט איבערלאָזן... ס׳איז פון ראָזשינקעס מיט פלוימען... דאָרטן וועסטו דאָס ניט האָבן... עס אָפּ און פטר ניט אַזויפיל צייט מיט די קינדער... וועסט נאָך פאַרשפּעטיקן די באַן... ס׳איז בעסער, אַז מען קומט אויפן סטיישאַן אַ ביסעלע פריער...

ער האָט ניט געקאָנט פאַרליידן דעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט גע־רעדט און דאָס קוקן אויף אים, ווי אויף אַ יינגל:

— לאָז מיך ריידן מיט זיי! מעגלעך, אַז אַ יאָר, צי מער, וועל איך זיי ניט אָנזען... נישקשה, די באַן וועט אָן מיר ניט אָפּגיין. עס ברענט ניט! עפּעס טרייבסטו, ווי דו וואָלסט וועלן וואָס גיכער פטור ווערן פון מיר!...

אין אירע ליכטיק־בלויע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט:

— ביסט, דוכט זיך, שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, און ריידן רעדסטו אַזעלכע נאַרישקייטן! מיינסט אַוודאַי, כ׳וויל דו זאָלסט אַוועק־פאָרן? אַזוי גוט וועט דאָס מיר זיין אָן דיר? צייט זאָלסט ווערן אַ ביסעלע קליגער...

אים האָט פאַרדראָסן הלמאַי ער האָט אין דער לעצטער מינוט פאַר־לוירן דעם גלייכגעוויכט, ניט געקאָנט באַהערשן זיך, און אַזוי שאַרף גערעדט צו איר. האָט ער איצט געוואָלט פאַרגלעטן זיין אומגעהובלטקייט און אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף איר רונדן אַקסל:

— נו, נו! וויין ניט, קעלבעלע מיינס. כ׳האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט. ווייסט דאָך, קוים זאָג איך עפּעס — קומט דאָס אַרויס קאַפּויער... געוואָלט האָב איך יאָ זאָגן, אַז ס׳ווילט זיך ניט אַוועק־פאָרן און איבערלאָזן דיך מיט די קינדער. נאָר אַז מען מוז, איז ניט שייך. נו, איצט איז שוין טאַקע צייט צו גיין. ס׳ווערט שפּעט.

דאָס ווייב האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אויף איר קוקנדיק האָבן אויך די קינדער אָנגעהויבן וויינען. ביי גרשונען איז דער טאַטישער געפיל לויז געוואָרן. ס׳האָט אים באַנומען ביים האַרצן. נאָר ער האָט זיך פאַרמאַסקירט מיט אַן אַרויפגעצויגענער שטרענגקייט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין?! איך פאָר דאָך ניט לעבר הים! און בין נאָך ניט געשטאָרבן... צוליב אייך וועל איך די באַן פאַר־שפּעטיקן...

אַפּריער איז אַרויס גרשון מיט צוויי וואַליזעס אין די הענט. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגעןביילקע מיט די קינדער. אויפן ראָג־גאַס האָבן זיי זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָפּגעוואַרט ביז אַ „טעקסי״ האָט זיך צוגע־קערעוועט צום טראָטואַר און אַוועקגעפירט די גאַנצע משפחה צום „גרענד סענטראַל סטיישאָן״. אַהין זײַנען זיי אָנגעקומען גאַנץ שפּעט־לעך. כמעט אין די לעצטע מינוטן. האָט גרשון, אויף גיך, אָנגעהויבן געזעגענען זיך מיט די קינדער און דערנאָך מיטן ווייב:

— אייבעלע, זאָלסט גיין אין סקול און פאָלגן דער מאַמען, און דו, מערעלע, זײַ אַ גוט מיידעלע און טו, וואָס די מאַמע וועט דיר הייסן. נו, ביילקע, זײַ געזונט, גיב אַכטונג אויף זיך, אויף די קינדער, און שרייב אָפט בריוו. — ער האָט איר אַ לעצטן קוש געטאָן און איז אַרײַנגעלאָפן אין וואַגאָן פונקט דאַן, ווען די באַן האָט שוין כמעט אָנגעהויבן רירן זיך פון אָרט.

קאַפּיטל II

צוויי טעג האָט זיך די באַן געדרייט צווישן שטעט און שטעטלעך, דורכגעשניטן וועלדער, פעלדער און אויפן דריטן טאָג אָפּגעשטעלט זיך אין גרעיג סיטי. דאָ איז גרשון אַראָפּ. די וואַליזעס דערווײַלע איבער־געלאָזט אין דער אַלטפרענקישער סטאַנציע, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ „פּאָלסטאַנעק״ אין רוסלאַנד, און אַוועק באַטראַכטן דאָס שטעטל, אַ שמעק טאָן, וואָס מען קאָן דאָ אויפטאָן...

די הויפּט־גאַס — אַ לאַנגע און ברייטע. פון איין זייט האָבן זיך רחבותדיק צעלייגט צו איין און צו צוויי שטאָקיקע הײַזער, מערסטנס הילצערנע, מיט ביימער און פּאַסאַדן פאַר די פענצטער. אויף דער אַנדערער זייט — אַ „דזשענעראַל סטאָר״, וואו מען האָט געקאָנט אײַנקויפן פון אַ קנעפּל־צו־אַ־העמד, ביז אַ שניידמאַשין, העק, זעגן, כאָמוטן, זאָטלען, הראַבליעס און אַלץ וואָס אַ פאַרמער דאַרף האָבן. אַ ביסל ווײַטער — אַ צוויי־שטאָקיקער האָטעל, וואָס איז אויך געווען אַ שענק. אָפּגעזונדערט פון דעם בנין האָבן געדרעמלט צוויי קליינע קראָמען: אַ כינעזישע לאָנדרי און אַ שניידער־שאָפּ, אָדער „קלינינג־סטאָר״.

באַמערקט אַ פּאָר אויסגעמאָלענע הויזן אויפן שילד איבערן „קלינינג סטאָר״, איז גרשונען אַ געדאַנק אָנגעלאָפן: מסתמא אַ ייִד! און גלייך געוואָלט אַרײַנגיין און דערקונדיקן זיך צי זיין געדאַנק האָט אים ניט אָפּגענאַרט. ער איז אָבער געווען דורשטיק און מיד פונם וועג. איז ער

קודם אַריין אין האָטעל און אָפּגעשטעלט זיך ביים „קאָונטער" וואו מען האָט פאַרקויפט בראַנפן און ביר. אַ מיטליאָריקער גוי, מיט רויטע באַקן פון צופיל ווינט און טרינקען, האָט אים באַגריסט:

— האַי! אַ פרעמדער, וואָלט איך שווערן! איז וואָס וועסטו טרינקען?

— אַ קאַלטע גלאָז ביר. עס איז דאָ ביי אייך גאַנץ וואַרעם. אָבי איך האָב געמיינט, אַז נאָר אין ניו־יאָרק איז הייס.

— הייסט עס — אַ ניו־יאָרקער! — האָט דער שענקער און האָטעל־אייגנטימער אויפגעכאַפּט גרשונס ווערטער און אָנגעגאָסן אים אַ גלאָז ביר. — איז וואָס זשע האָט עס געבראַכט אַ מענטשן פון דער ווייטער איסט? קיין געשעפטן צו עפענען זיינען דאָ ניטאָ, און קיין גאָלד־מינען — אויך ניט. זיי געפינען זיך גאָר אין קאַליפאָרניע...

גרשון האָט אַ פאַרשנדיקן קוק געטאָן אויף אים, פאַרבייגט די שטעך־ווערטלעך און געטראַכט: זאָל ער מיט אים פאַרפירן אַ שמועס, צי ניט? און באַגרייפנדיק, אַז אין אַ פרעמד שטעטל איז בעסער, ווען מען רעדט זיך צוזאַמען מיט מענטשן, האָט ער פאַרזיכטיק געענטפערט:

— די רעגירונג האָט מיר לאַנד געגעבן אויף דעם „פינף־מייליקן קריק", וואָס דאַרף זיין ניט ווייט פון דאַנען. איך וויל ווערן אַ פאַרמער, אַ האָומסטעדער...

— אַ פאַרמער גאָר? — האָט אים דער שענקער איבערגעשלאָגן די רייד און באַטראַכט גרשונען פון קאָפּ ביז די פיס. — וואָס הייסט ווערן אַ פאַרמער? אַ פאַרמער ווערט מען דען? פאַרמער ווערן געבוירן — פאַרמער. קוקסט טאַקע אויס צו זיין אַ גאַנץ געזונטער, אָבער אַ פאַרמער צו זיין איז ניט קיין קלייניקייט! פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג מוז מען האָרעווען מיטן שוויס און ביז מען קריגט עפּעס אַרויס פון דער ערד — קריכן די אויגן פון קאָפּ! מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט אַ ייד. איז אַזאַ איינער דאַרף גאָר זיין אַ שניידער, צי אַ ביזנעסמאַן. אָט איז ביי אונדז פאַראַן אַ ייד, עפּלבוים. אויך ער איז געקומען מיטן געדאַנק: באַאַרבעטן די ערד, און געבליבן אַ שניידער!...

הייסט עס, אַז דער געדאַנק האָט אים ניט אָפּגענאַרט. דער שניידער איז טאַקע אַ ייד, האָט גרשון אַ טראַכט געטאָן, און ווענלדיק מאַכן אַ סוף צום שמועס, באַצאָלט פאַרן ביר און פאַר אַ צימער אויף צוויי טעג. דערנאָך האָט ער געבראַכט אַהער די וואַליזעס, איז אַרויף צו זיך אין צימערל, אָפּגעוואַשן דעם פּנים, אויסגעטאָן די קליידער און אָוועקגעלייגט זיך אָפּרוען אַ ביסל.

נאָך האַלבן טאָג איז ער אַריין צו עפּלבוימען. די שניידער־קראָם, אַ שמאָלע און אַ טיפע, איז פאַרוואַליעט געווען מיט מאַנטלען, אַנצוגן, נייע און געניצטע. האַרט ביי אַ ווענטל — אַ זינגער־מאַשין מיט באַ־גילדעטע אותיות. אַ ייד אין די פופציקער, מיט אַ געגאָלט פּנים, איז געזעסן אַן איבערגעבויגענער און עפּעס געשטעפּט. דערזען גרשונען אַריינקומען, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די ברילן פון דער נאָז, צעלופּעט די אויגן, אַ ווײַלע געקוקט, און דעם גאַסט די האַנט געגעבן:

— שלום עליכם! אַ ייד, דוכט זיך. איז פון וואַנען? ווי אַזוי האָט איר דאָס פאַרבלאָנדזשעט אין דעם העק?

— עליכם שלום! פון וואַנען זאָל אַ ייד קומען? מיר זיינען דאָך עפּעס „פרייע בירגער פון דער וועלט", האָב איך זיך דערשלעפּט אַהער אַזש פון ניו־יאָרק! כ׳בין אַ האָמסטעדער. מיין לאַנד איז אויפן „פינף־מייליקן קריק"...

דער שניידער איז גאָר נתפעל געוואָרן:

— פון ניו־יאָרק גופא, זאָגט איר? איז וואָס הערט זיך עפּעס אין ניו־יאָרק? ווי לעבט זיך דאָרטן אונדזערע יידעלעך? שוין אַ יאָר צוועלף, זינט איך בין דאָרטן ניט געווען. ניו־יאָרק! איר האָט עפּעס אַ באַגריף וואָס ניו־יאָרק איז? שטעלט זיך פאָר: איר גייט אַריין אין דילענסי סטריט, אין אַטאָרני סטריט, עסעקס סטריט. ווי זאָגט מען — אַ באָרד אויף אַ באָרד! הײַנט אָרטשאַרד סטריט? איר זענט עפּעס אַ מבין וואָס פאַראַ אַנטיקן און מציאות מען פאַרקויפט דאָרט אויף די פושקאַרטס? נו, און דער, ווי הייסט ער דאָרט, נו, דער... דער וויליאַמסבורגער ברידזש איז שוין פאַרטיק? טאַקע? דערציילט, דער־ציילט עפּעס פון ניו־יאָרק. איר פאַרשטייט, מיסטער? אַליין בין איך טאַקע דאָ, אָבער מיין נשמה איז דאָרטן! דערציילט, און וועגן אייער פאַרמעריי וועלן מיר שפּעטער ריידן... אפשר ווילט איר עפּעס עסן, צי טרינקען? שעמט זיך ניט. ניין? דערציילט זשע...

גרשון האָט באַטראַכט דעם באַריידעוודיקן יידן, וואָס האָט אַזוי געבענקט נאָך ניו־יאָרק, זיינע נייגעריקע אויגן, וואָס האָבן ממש געבעטן זיך, אַז דער גאַסט זאָל עפּעס זאָגן, דערציילן; דאָס ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך: שטיין אַנטקעגן דעם אורח אָדער גאָר זעצן זיך צוריק צו דער מאַשין; און גרשון האָט זיך צעשמייכלט:

— וואָס זאָל זיך דאָרטן הערן? ניו־יאָרק איז ניו־יאָרק! די היצן, די פאַרשטיקטע רומקעס, די פייער־עסקעיפּס, די פלאַכע אָנגעגליטע דעכער, וואו מען שלאָפט אין די הייסע זומער־נעכט; די ליינס וועש

אין די יאַרדס — אַלץ ווי געווען, און שטייען אויף די זעלבע ערטער וואָס פריער. נאָר לעצטנס איז אין אַ סוועט־שאָפּ אַ גרויסער פייער געווען, מער ווי צוויי הונדערט מיידלעך זיינען פאַרברענט געוואָרן.

— אַזוי ? ! צוויי הונדערט מיידלעך, נעבעך ! — האָט דער שניי־דער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. — פאַרברענט אויף טויט ? ווי זאָגט איר ? אין אַ סוועט־שאָפּ טאַקע ? איי־איי־איי ! ס׳איז דאָך דאָרטן געוואָרן סכנות־נפשות ! . . .

— אָט טאַקע צוליב די אַפּטע שרפות, מיט די פאַרשטיקטע רומ־קעס, — האָט גרשון ווייטער דערציילט, — האָב איך אָנגעהויבן קלאָ־פּאָטשען ביי דער רעגירונג, מען זאָל מיר געבן ערד. איר פאַרשטייט ? אין ניו־יאָרק האָב איך אַ פרוי מיט צוויי קינדער, זאָלן לעבן. יאָרן שווער געאַרבעט, געשפּאָרט, געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני און באַשלאָסן צו ווערן אַ פאַרמער. איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין שקלאַפן אין סוועט־שעפּער. מיט אַלע כוחות וועל איך זיי אַרויסרייסן פון יענעם גיהנום . . .

עפּלבוים, דער שניידער, האָט פאַררויכערט אַ שוואַרצן, לאַנגן סיגאַר און ביים רויכערן אים געדרייט פון איין מויל־ווינקל צום אַנדערן :

— דאָס וואָס איר זאָרגט זיך אַזוי וועגן אייער פרוי מיט די קינדער איז זייער פיין פון אייער זייט. ס׳איז מיר געפעלן. איז זאָגט זשע מיר, אויב איך מעג אייך פרעגן : מיט וויפיל געלט זיינט איר דאָס געקומען אַהער אין גרעיג־קאַונטי צו ווערן אַ פאַרמער ?

אויף אַזאַ פראַגע האָט זיך גרשון ניט געריכט און, ווי אַ שולדיקער, וואָס ער פאַרמאָגט אַ קנאַפּע סומע, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און פאַר־שעמט געענטפערט :

— פינף הונדערט דאָלער.

— וואָס ! — האָט דער שניידער אויסגעשריען. — מיט פינף הונדערט טולער ווילט איר ווערן אַ האָומסטעדער ? איידער איר וועט זיך אַרומקוקן וועט פון אייערע פּאָר טולער קיין זכר ניט בלייבן ! פאָלגט מיך : נעמט די נעקסטע באַן און פאָרט אַהיים ! מיט זעקס יאָר צוריק האָב איך אַהער געבראַכט דריי טויזנט. געקויפט לאַנד, געוואָלט ווערן אַ פאַרמער און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך ! וואָס זאָג איך, אַ טייך ? אַ בלאָטע האָט זיך אויסגעלאָזט ! און איר ? מיט פינף הונדערט ? ס׳איז אַ געלעכטער, ווי איך בין אַ ייד !

אַ פאַרצווייפלטער איז גרשון געשטאַנען און געטראַכט : אפשר איז דער ייד טאַקע גערעכט ? מעגלעך, ס׳איז גלייכער אומצוקערן זיך

צוריק איידער דאָס געלט וועט צעקריכן? ווייל, אָט שטייט דאָך פאַר אים אַ מענטש, וואָס האָט געבראַכט גאַנצע דריי טויזנטער און גאָרניט געקאָנט באַווייזן, איז וואָס וועט ער קאָנען טאָן מיט די בידנע פינף הונדערט?... איידער ער וועט זיך אַ קער געבן, קויפן אַ פערד, אַ בהמה, אַן אַקער־אייזן — וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. היינט געהילץ אויף אַ שטיבל, אויף אַ באַרן? גאָט מיינער! וואָס טוט מען?

ס׳איז געוועזן הייס. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע, אָפּגעווישט דעם פנים, נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אויף עפּלבוימען און געזען, אַז ווערליק זיין געשטעל, איז ער ווייט פון צו קאָנען זיין אַ פויער. אַ דאַרער און אַ שוואַכער, האָט אים בעסער געפּאַסט דער פינגערהוט — איידער דער אַקער־אייזן. און אָפּמעסטנדיק, ביי זיך אין גדאַנק, זיינע געזונטע כוחות קעגן דעם שניידערס — איז אים שוין פאַרשטענדלעכער געוואָרן, הלמאַי פון די דריי טויזנטער איז „געוואָרן אַ בלאָטע״... פונם גרויסן אונטערשייד צווישן אים און עפּלבוימען, איז גרשון שטייפער און תקיפער געוואָרן ביי זיך:

— זאָרגט זיך ניט, מיסטער עפּלבוים. די ערד וועל איך ניט אָפּטרעטן! כ׳בין אַ יונגער, געזונטער מענטש און האָב ליב צו באַ־אַרבעטן די ערד! מיין טאַטע איז געווען אַ פויער, אַליין געזייט און געשניטן. דאָס זעלבע וועל איך אויך טאָן. גאָט וועט העלפן... פונ־דעסטוועגן, אויב איר ווייסט וואו איך קאָן איינהאַנדלען אַ פערד מיט אַ בהמה, פאַר מיין „קאַפּיטאַל״ — וואָלט איך אייך דאַנקבאַר געווען.

— ווי איך זע, — האָט עפּלבוים אַרויסגעלאָזט אַ דינעם בלויען רויך פון מויל, — זיינט איר אַן עקשן אַ ייד, אַן איינגעשפּאַרטער. איר ווילט דווקא ווערן אַ פאַרמער. נו, דאַרף מען אַ טראַכט טאָן. איר פאַר־שטייט? אַן עקשן האָב איך ליב! איך אַליין בין טאַקע אַ „שמאַטע״. יעדערער קאָן מיר איינריידן און אָפּריידן צען מאָל. אָבער אַן עקשן איז עפּעס אַנדערש. מיט אַזאַ איינעם ווילט זיך אַמפּערן ביז טאָג! און כאָטש מיך פאַרדריסט הלמאַי כ׳קאָן אַן עקשן ניט איבערשפּאַרן — קוועל איך אָבער ביי זיך אָן, וואָס יענער האָט כאַראַקטער און לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע...

פון אַ טיר, וואָס האָט געפירט צו אַן אַנדערזייטיקער וואוינונג, איז אַריינגעקומען עפּלבוימס פיר־און־צוואַנציק־יאָריקע, גוטאויסגע־פּאַשעטע טאָכטער. באַמערקט גרשונס געזונטן גוף, זיין פעסטן שטעל, האָבן זיך אין אירע קעציש אויגן פייערלעך צעשפּילט. איז זי צוגעגאַנגען צום טאַטן און שטיל געפרעגט:

— פּאַ, ווער איז דאָס דער פרעמדער?

עפּלבוים האָט אַ ביס געגעבן דעם עק־ציגאַר און אַ קאָסן קוק געטאָן אויף דער טאָכטער. דער קוק האָט געהייסן: ביסט שוין דאָ? דער־שמעקט סמעטענע, אַ בראָך אין דיינע קעצישע אויגן, אַ? נאָר אויס העפלעכקייט צום גאַסט, האָט ער גאָרניט געזאָגט און אָנגענומען די ראָלע פון אַן איבערגעגעבענעם טאַטן, וואָס וויל נעבעך פאַרהיטן דאָס אומ־שולדיק קינד פון אַ צרה:

— דאָס איז מיסטער פרידמאַן. אַ נייער האָומסטעדער אויפן „פּינק־מייליקן קריק". ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך אין ניו־יאָרק...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און געכאַפּט זיך, אַז גרשון וואַרט אויף אַן ענטפער, האָט עפּלבוים אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און אים אַוועקגעלייגט אויפן ברעג ניי־מאַשין, וואָס איז פונם שטענדיקן לייגן דאָרט ברענענדיקע ציגאַרן — אויסגעקאַרבט געוואָרן מיט שוואַרצע און טיפע צייכנס:

— יאָ. איך האָב זיך דערמאָנט: מאָרגן וועט זיין אַן אָקשן־סעיל. מען וועט אויספאַרקויפן דזשענקינס פאַרם, וואָס איז אַרום אַ זעקס מייל פון דאַנען. איז גייט צום האָטעל־ און סאַלון־קיפּער. ער איז אויך דער שעריף פון שטעטל, וואָס וועט דורכפירן דעם אָקשן. רעדט זיך דורך מיט אים... אפשר...

ביי גרשונען האָבן די אויגן אויפגעלויכטן: אַ ליציטאַציע! אפשר וועט גאָט העלפן און... באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו עפּלבוימען, אים די האַנט אַ דריק־געטאָן. און צוזאָגנדיק צו קומען אַהער אַ צווייטן מאָל, דורכריידן זיך, כאַפּן אַ שמועס וועגן ניו־יאָרק, האָט ער אַ נויג־געגעבן דעם קאָפּ צום שניידערס טאָכטער, וואָס איז נאָך געשטאַנען אַ פאַר־רויטלטע, מיט אַ פאַרצויגענעם נעפּל אין די אויגן און שעלמיש גע־שמייכלט צו אים, און אַנגענומען די קליאַמקע פון טיר. אַ פונק האָפענונג האָט אַ שעמעריר געטאָן ביי אים אין מוח: אפשר? ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך...

די גאַס, די הייזער און פאַסאַדן זיינען איצט געלעגן אין זוניקע ליענטעס. די טראָטואַרן — פּוסטע, ניט קיין צופיל באַטראָטענע, האָבן מיט אַ שטילער צופרידנקייט אויסגעלעקט גרשונס טריט... אַ הונט מיט אַן אַרויסגעשטעלטן צונג איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן, נאָכגעקוקט דעם נייעם פאַרשוינס פאַרבייגייענדיקע קאַלאָשעס פון די הויזן: זאָל ער אַ שפּרונג־טאָן, אָנכאַפּן זיי מיט די ציינער, צי ניט? און פויל אַ וואָרטשע געטאָן.

גרשון האָט געוואוסט: אויב אויפֿן אָקשן וועט זיך אים איינגעבן צו קויפֿן כאָטש איין בהמה, מיט אַ פֿערד — וועט זיך די אַרבעט ערשט אָנהויבן. האָט ער איצט קיין צופֿיל צייט ניט געוואָלט צעטאָכלעווען, איז אַריין אין האָטעל־סאַלון, אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ רונד טישל און געוואַרט, אַז מיסטער פּאַרסאָן, דער בעל־הבית, וועלכער איז אויך געווען דער שעריף פֿון שטעטל, זאָל אַרויסקומען פֿון זיין שטוב־צימער.

אַחוץ גרשונען איז דאָ איצט קיינער ניט געווען. דער גרויסער זאַל, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ סאַלון — איז געווען אָרעם מעבלירט. מחנות פֿליגן זיינען אַרומגעפֿלויגן און איבערגעלאָזט אומצאָליקע שוואַר־צע פּינטעלעך אויף די טישלעך־פֿלאַכן און אויפֿן הויכן שטייענדיקן שפּיגל. די הילצערנע שטולן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס, האָבן עדות געזאָגט, אַז אין די אָוונטן איז דאָ גאַנץ טומלדיק און פֿריילעך...

פּאַרסאָנס רויט פּנים איז מיטאַמאָל ווי אויסגעוואַקסן נעבן גרשונען:

— וואָס איצט, פֿרעמדער?

אַ ווײַלע האָט זיך גרשון געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו ענטפֿערן און דערנאָך, מיט געמאַכטער וואויליונגערישקייט אין קול, אַ זאָג געטאָן:

— אַ ברענדי! אָבער פֿאַר אייך אויך. איך וועל באַצאָלן. ס'איז אומעטיק צו טרינקען אַליין. אַ מענטש דאַרף האָבן מיט וועמען צו מאַכן אַ לחיים...

— גאַנץ גערעכט, פֿרעמדער, — האָט זיך פּאַרסאָן דערפֿרייט פֿון גרשונס אַנצוהערעניש און אָפֿנהערציקייט, — דו רעדסט ווי אַ קלוגער מאַן. ביסט מיר געפֿעלן. דערצו ביסטו נאָך אַ דזשענטלמאַן אויך און טראַקטירסט מיט אַ שנאַפּס! נו, זאָל זיין אַזוי! איז צו וואָס זאָלן מיר טרינקען?

— וואָס הייסט צו וואָס? — האָט גרשון לאַנג ניט געטראַכט. — מירן טרינקען צו אונדזער באַקאַנטשאַפֿט, ווייל, ווי איך זע, זייט איר אַן ערלעכער, פֿאַרשטענדיקער מענטש און אייער באַקאַנטשאַפֿט איז מיר אָנגענעם...

אינדערלופֿטן זיינען צוויי כּוסות אויפֿגעגאַנגען און אָנגעשלאָגן זיך איינע אָן דער אַנדערער. אַ דינער גלעזערנער געקלאַנג האָט אַ קורצן שניט געטאָן די שטייענדיקע לופֿט. ווען ביידע מענער האָבן אַריינגע־גאָרגלט די ערשטע גלעזלעך בראַנפֿן, איז גרשון ביי זיך אַביסל דרייסטער געוואָרן און אָנגערופֿן יענעם ביים נאָמען:

— מיסטער פּאַרסאָן, גיסט אָן נאָך צו איינע. אַלץ איין שוואַרץ יאָר! אַ מענטש לעבט ניט אייביק... און איך פאַרזיכער אייך, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אונדז אַזאַ גוט ביסל ברענדי ניט געבן...

— זייער ריכטיק. וואָרט נאָר, ווי אַזוי האָסטו זיך פאַרשריבן אין בוך? דוכט זיך — דזשאו פרידמאַן? יאָ! זייער ריכטיק, דזשאו, זייער ריכטיק! כל־זמן אַ מענטש לעבט, דאַרף ער קיין חזיר נישט זיין און לעבן ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַז טרינקען, זאָל זיין געטרונקען; עסן — זאָל זיין געגעסן. פון דעם האַלט איך אַלע מאָל. פאַרשטייסט? אַהין נעמט מען גאָר ניט מיט...

צום דריטן גלעזל האָבן זיך שוין ביידע צעוואָרעמט, און פּאַרסאָן האָט אים אַ פרעג געטאָן, אַזוי זיך, פון נייגעריקייט וועגן:

— זאָג נאָר, דזשאָו, צוליב וואָס ביסטו געקומען אַהער אין גרעיג סיטי? עפּעס אַ סטאָרקע, צי טאַקע ווערן אַ פאַרמער? זאָג דעם אמת, פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט שעמען און ניט באַהאַלטן. כ׳וועל דאָס אַלץ איינס וויסן. איך בין דאָ דער שעריף... פאַרשטייסטו דאָך, אַז קיין סודות זיינען פאַר מיר ניט פאַרבאָרגן...

איינזעענדיק, אַז מיט בלויזע רייד וועט ער זיך ניט אַרויסדרייען, האָט גרשון אַרויסגענומען דעם וואַשינגטאָנער דאָקומענט פון קעשענע. אויך דעם טייסטער אַרויסגעשפּיליעט פון בוזים און דאָס אָוועקגעלייגט אויפן טיש:

— ווי איר זעט, האָב איך לאַנד אויפן פינף מייליקן קריק. לויט די פּאַפּירן, קומט אויס, אַז דאָס לאַנד איז ניט ווייט פון דאַנען. אוודאי וויל איך ווערן אַ האָמסטעדער! איר פאַרשטייט, מיסטער פּאַרסאָן? אין ניו־יאָרק האָב איך אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך, און איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָלן ווערן שקלאַפן אין סוועט־שעפּער און אין סלעק־צייט אויסגיין פון הונגער. האָב איך צוזאַמענגעקליבן פינף הונדערט דאָלער און בין געקומען פּרוּוון מזל...

— הייסט עס, טאַקע אַ פאַרמער און בלויז מיט פינף הונדערט דאָלער! — האָט פּאַרסאָן די אייגענע אויגן ניט געגלויבט און אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף גרשונען, ווי ער וואָלט ביים גרויסשטאָטישן מענטשן אויפן פּנים דעם אמת געזוכט:

— פינף הונדערט! — איז וואָס וועסטו אויפטאָן מיט דעם?

— איך ווייס, — האָט זיך גרשון פאַרענטפערט פאַר זיין קליינער סומע, — אַז מיט דעם געלט קאָן מען קיין סך ניט אויפטאָן. אָבער מער האָב איך ניט. נאָר ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ געזונטער אַרבעטער

און ניט קיין פוילער. ווינטערצייט רעכן איך פאַרדינגען זיך צו עמיצן פאַר אַ „האַנט״. און אפשר וועט זיך געפינען דאָ אַ פאַרמער, וואָס וועט וועלן פאַרקויפן אַ פאָר פערד מיט אַ פּאָר בהמות פאַר גלייכן געלט. איך דאַרף מאַכן אַ לעבן פאַרן ווייב מיט די קינדער. צוריקפאָרן וויל איך ניט...

— ווער רעדט דאָס פון צוריקפאָרן ? — איז דער שעריף ווייכער געוואָרן און ווידער אָנגעפילט די כוסות, איצט שוין אויף זיין רעכענונג. — ווי איך זע, ביסטו אַ האָרעפּאַשנער ייד. איך האָב פיינט די הענדלער, וואָס טוען גאָרנישט און ווערן רייך... אָבער אַ בראַוון יידן, וואָס וויל אַרבעטן, אַזאַ האָב איך ליב און... ס׳איז גוט, וואָס דיין לאַנד איז שוין סאָרווייעט, ווי איך זע פון דיינע פּאַפּירן. איז קום אויף דזשענקינס פאַרם. מאָרגן, אַרום האַלבן טאָג, וועט מען איר אַפּאוקשענען... מעגלעך, אַז דאָרט וועסטו עפּעס קאָנען איינקויפן...

קאַפּיטל III

אַמאָל איז דזשענקינס פאַרם געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקע: געהאַט אַ סך בהמות, פערד און חזירים, פאַרמאָגט דריי הונדערט אַקער לאַנד. נאָר זינט דער אַלטער דזשענקינס, און דערנאָך דאָס ווייב, זיינען פון דער וועלט אַוועק, איז די פאַרם אַריבער צו זייער בן־יחיד, ביל, אַ שיכור, איבערהויפּט אַ פאַרקאָכטער קאָרטן־שפּילער און אַ פוילער דערצו. האָט די פאַרם אָנגעהויבן גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ. די בהמות מיט די פערד האָט ער ביסלעכווייז פאַרשפּילט. צום סוף איז די פאַרם אַזוי איינגעשרומפּן, אַז ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן די „מאָרטגיידזשעס״ מיט די „טעקסעס״. האָט עס די באַנק איבערגענומען און איבערגעגעבן דעם „מאַרשל״ אויף אַן אויספאַרקויף.

די ליציטאַציע איז אויסגעפאַלן אויף אַ שבת. ס׳איז געווען אַ הייסער, שטיקנדיקער טאָג. פון אינדערפרי אָן האָט די זון געסמאַליעט, געברענט און געבראָטן. פונדעסטוועגן איז דער „מאַרשל״ געקומען פריער פאַר אַלעמען און אַוועקגעשטעלט אַ טיש מיט צוויי בענקלעך אינמיטן הויף. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינצלנע פאַרמערס. געקומען זיינען זיי פון די פעלדער, פון דער אַרבעט, אין בלויע, פאַרשטויבטע און צעריסענע אַרבעט־קליידער און מיט ליידיקע קעשענעס. און די, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ פּאָר דאָלער ביי זיך, האָבן זיך שטאַרק ניט

גענויטיקט אין דעם, וואָס מען האָט דאָ געקאָנט איינהאַנדלען. זיינען זיי געשטאַנען אין גרופּקעס און מיט ווייטער מורא אין די הערצער געקוקט אויפן „מאַרשל״, וואָס איז דאָ אַרומגעגאַנגען מיט אַ זיכערן טראָט פון אַ בעל־הבית...

אַרום עלף אַזייגער איז שוין אויך גרשון דאָ געווען און אַוועקגעשטעלט זיך אַן אַ זייט, ווי ער וואָלט בלויז זיין אַ צושויער און קיין זאַך ניט אויסן געווען.

באַמערקט אַ פרעמדן, אָנגעטאָן אין גרויסשטאָטישע קליידער, האָבן אים די פּאַרמערס באַלד אַרומגערינגלט, אים באַטראַכט, ווי ער וואָלט פון אַן אַנדער וועלט אַראָפּגעפאַלן. דערוויסנדיק זיך, אַז אויך ער איז אַ האָומסטעדער און האָט שוין „סאָרווייעט״ לאַנד, ניט ווייט פון דאַנען, האָבן זיי אים די האַנט געדריקט און יעדערער האָט נביאות געזאָגט:

— „אַ גרויסשטאָטישער מענטש וועט קיין האָומסטעדער ניט זיין״...

שוין צוגעוואוינט צו הערן אַזעלכע שטעכווערטלעך און אָנצוהערענישן, האָט גרשון ווינציק אַכט געלייגט אויף זייערע רייד, און אַן אומרואיקער, וואָס פּאַרסאָן איז נאָך אַלץ ניטאָ, איז ער אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צו דער פּאָמפּע, כלומרשט אַ טרונק געטאָן וואַסער און אין דער אמתן געכאַפּט אַ בליק אויפן שליאַך, מיט וועלכן דער שעריף האָט געזאָלט אָנקומען.

ערשט שפּעטער, ווען דער הויף איז שוין היפּשלעך אָנגעפילט געוואָרן מיט פּאַרמערס, וואָס זיינען געקומען מער פון נייגעריקייט וועגן, ווי עפּעס איינקויפן, האָט זיך אין טויער אַריינגעקערעוועט דעם שעריפס שוואַרצע בריטשקע אויף פיר דינע און הויכע רעדער, צוגעשפּאַנט צו צוויי יונגע ברענענדיקע פערדלעך.

אויף גיך אַראָפּ פון דער בריטשקע, איז דער שעריף צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דער „מאַרשל״ איז איצט געזעסן אַן איבערגעבויגענער און אַריינגעקוקט אין אַ לאַנגן, אָנגעשריבענעם פּאַפּיר. אַ ווײַלע האָבן ביידע מענער עפּעס גערעדט אין דער שטיל. נאָר באַלד איז דער מאַרשל אויפגעשטאַנען און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער איבערן טיש:

— אינם נאָמען פון געזעץ און פון דעם שטאָט מאָנטאַנאַ איז דער אָקשן געזעצלעך דערעפנט!

דער שעריף איז דערווייל אַריין אין שטאַל און אַרויסגעפירט אַ פּיריאָריקע קליאַטשע, מיט אַ גלאַנציק־שוואַרצער פעל, מיט קליינע אויערלעך און קלוגע אויגן. דערנאָך — צוויי שווערע אַרבעט־פערד, מיט טיפע

דאָלינעס אין די ברייטע הינטנס. אויך — צוויי בהמות, מיט אַרום אַ טוצן הינער אַרויסגעטריבן פון דאָרטן, אַז אַלע זאָלן קאָנען זיי אָנקוקן, און געזאָגט צום מאַרשל:

— אַחוץ אַן אַלטן וואָגן מיט אַן אַקער־אייזן און אַ צעבראָכענער בראָנע האָט דער בעסטערד מער גאָרניט איבערגעלאָזט...

דערויף האָט דער מאַרשל גאָרניט געענטפערט, ווידער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און געוואָלט פרעגן: ווער וועט געבן דעם ערשטן אָנבאָט? ער האָט גערעכנט צו פאַרקויפן יעדע באַשעפעניש באַזונדער. אָבער דער שעריף איז אים דעם וועג פאַרלאָפן און געווענדט זיך מער צום עולם, ווי צום מאַרשל:

— וואָס ווילן מיר דאָ שטיין אַ גאַנצן טאָג אין אַזאַ היץ? ביי יעדערן פון אונדז איז דאָך פאַראַן אַ סך אַרבעט אויפן פעלד... עס איז ניטאָ קיין צייט אויף צו פאַרקויפן יעדע „קלייניקייט" באַזונדער! עס וועט נעמען אַ גאַנצן טאָג! איז אפשר געפינט זיך דאָ עמיצער, וואָס וועט אָפּקויפן אַלץ אין האָלסייל? ווי זאָגט איר, באַיעס?!

צווישן עולם איז געוואָרן אַ שושקעריי. יעדערער האָט געוואָלט זאָגן, אויסשרייען, אַז פאַרסאָן איז אַ שאַכער־מאַכער און אַ גנב. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז פון צייט צו צייט מוזן זיי אָנקומען צו אים נאָך אַ טובהלע און בכלל ניט געוואָלט גיין אַנטקעגן זיין וואָרט, וואָס איז דאָ, אין דעם געגנט, געווען „געזעץ", און האָבן סוף כל סוף געענטפערט:

— „אַוודאי איז ניטאָ קיין צייט צו פּטרן... דער שעריף איז גערעכט"...

צופרידן פון זייער ענטפער, וואָס ער וועט דאָ ניט דאַרפן אָפּבידעווען אַ טאָג און קאָנען פאַרפרי אַהיים פאָרן, האָט דער מאַרשל שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— איז ווער וויל אָפּקויפן דעם גאַנצן „סטאָק" און געבן דעם ערשטן אָנבאָט?

די פאַרמערס זיינען פאַרשטומט געוואָרן און טעמפּ געקוקט אויפן מאַרשל. אַזאַ איינער, וואָס זאָל אָפּקויפן דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג אויף אַמאָל איז דאָ ניט געווען. געזען, אַז קיינער באָט ניט אַן קיין פּרייז, האָט גרשון קוים אַרויסגערעדט: „איך גיב דריי הונדערט דאָלער". און איז רויט געוואָרן פון בושה, דערפילט אַ ברי אין האַלדז און אַ פאַרשעמטער, ווי ער וואָלט אין עפּעס שולדיק געווען, האָט ער דעם קאָפּ

אַראָפּגעלאָזט און ניט געוואַגט אויפהויבן די אויגן פון דער ערד און באַגעגענען זיך מיט די בליקן פון די פּאַרמערס...

דערהערט דעם שוואַכן אָנבאָט, וואָס איז געקומען פונם יידן, האָבן די פּאַרמערס די קעפּ אויפגעהויבן, געוואָרפן שפּיזלדיקע בליקן אויף אים, און ס'איז געווען צו זען, אַז קיין גוטס ווינטשן זיי ניט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיך ווי פון הימל אַראָפּגעיאָוועט און וויל אָפּקויפן אַלץ אויף אַמאָל. נאָר דער מאַרשל האָט געהאַלטן אין איין דונערן מיטן האַמער:

— דריי הונדערט איז דער ערשטער אָנבאָט! דריי הונדערט! דריי הונדערט! ווער גיט נאָך אַ הונדערטער? דער סטאָק איז אַ גוטער. ווער וועט געבן נאָך אַ הונדערטער? אויב ניט קיין הונדערטער, איז אַ פּופּציקער! איין פּופּציקער! די קליאַטשע אַליין איז ווערט דאָס געלט... נאָך אַ פּופּציקער! אויב ניט — נאָך אַ פינף־און־צוואַנציקער! איר פאַרשטייט דאָך, אַז ס'איז כמעט אומזיסט... ווער גיט נאָך אַן אָנבאָט? קיינער ניט? דריי הונדערט צום ערשטן מאָל. נאָך אַ פינף־און־צוואַנציקער ווער גיט?... דריי צום צווייטן — דריי הונדערט צום דריטן מאָל!

גרשון איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָפּגעציילט די דריי הונדערטער. אונטערגעשריבן דעם נאָמען אויף אַן אויסגעפּילטער אָנקעטע, און די פּאַרמערס, כאָטש טיף אין די הערצער האָט יעדערער אים געשאָלטן, געווונטשן אַלדאָס בייז, האָבן זיי דאָס אָבער עפנטלעך ניט געקענט אַרויסווייזן. איז מען צוגעגאַנגען און אים ווידער די האַנט געדריקט:

— האָסט געקויפט אַ באַרגעין, פרעמדער. אַפּנים, אַז יידן האָבן מזל...

אַז די פּאַרמערס זיינען אַוועק, יעדערער צו זיך אויפן פעלד, צי אויפן פאַרם, האָט גרשון באַמערקט, ווי אַן עלטערער נעגער מיט אַן אָפּגעטראָגענעם ברייטן הוט אויפן קאָפּ, האָט אַ פינצטערן קוק געגעבן אויף אים, פאַרלייגט אַ קלומיקל אויף די פּלייצעס און איז אַרויס פון הויף. הינטערן טויער האָט זיך דער מענטש אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און צוריקגעטריבן דעם הונט, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, און האָט אַליין ניט געוואוסט אין וועלכער זייט צו פאַרנעמען זיך, וואו אָנהויבן צו גיין זוכן אַ נייע שטעלע, אַ נייע היים, אַז ער זאָל האָבן וואו דעם אַלטן קאָפּ אַוועקצולייגן.

גרשון האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַ „האַנט". אַוודאי געאַרבעט דאָ אויפן פאַרם, און צוליב דעם, וואָס ער, גרשון, האָט

אָפּגעקויפּט דעם לעבעדיקן „סטאַק״, איז יענער געוואָרן היימלאָז. דערפון האָט זיך גרשון דערפילט ווי אַ שולדיקער אין יענעמס אומגליק. ס׳האָט אים באַנומען ביים האַרצן. איז ער צוגעגאַנגען צום שעריף און אָנגעוויזן אויף דעם אַוועקגייענדיקן אַרבעטער:

— מיסטער פּאַרסאָן! זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז דאָס דער נעגער, וואָס איז אַוועק פון דאַנען אַזאַ דערשלאָגענער?

דער שעריף, וואָס האָט געהאַלטן אין אַריינשטייגן צו זיך אין דער בריטשקע, האָט צוריק אַראָפּגענומען די פוס פון טרעפּל:

— אַ, דער? דו ווייסט ניט? דאָס איז דאָך טאָם! אַ היפּשע פּאָר יאָר דאָ געאַרבעט. איצט האָט ער דאָ מער ניט וואָס צו טאָן. נו, פאַר־שטייסט דאָך — גייט זוכן אַן אַנדער אָרט...

אַ ווײַלע האָט גרשון געטראַכט וואָס צו טאָן און דערנאָך ווידער געפרעגט:

— אפשר וואָלט ער געאַרבעט ביי מיר כאָטש עטלעכע וואָכן? איך וועל האָבן אַ סך וואָס צו טאָן. ער וועט קאָנען אַביסל אַרויסהעלפן. אמת, קיין סך קאָן איך ניט צאָלן. אָבער, מירן שוין ווי עס איז דורכקומען. נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס אַביסל מיין שולד...

— איך דענק, אַז דו ביסט גערעכט. טאָם איז אַ פיין מען. אַן ערלעכער און אַ פלייסיקער אַרבעטער. ער קען דעם גאַנצן געגנט ווי אויף דער לאַדאָניע!

און ניט וואַרטנדיק אויף גרשונס ענטפער, האָט דער שעריף אָנגע־הויבן רופן:

— טאָם, טאָם!

דערהערט אַז מען רופט אים, האָט זיך טאָם אָפּגעשטעלט, אויס־געדרייט דעם קאָפּ. געקוקט אויפן פאַרם, פון וואַנען דאָס רופן איז צו אים דערגאַנגען, און מיט צווייפלדיקע טריט צוריקגעקומען און אָפּגעשטעלט זיך לעבן שעריפס בריטשקע:

— וואָס ווילסטו, מיסטער שעריף?

— טאָם, — איז דער שעריף געוואָרן אַ פאַרמיטלער צווישן דעם נעגער און דעם יידן, — זיי באַקאַנט מיט אַ נייעם האָומסטעדער. דאָס איז מיסטער דזשאָ פרידמאַן. ער וויל, דו זאָלסט ביי אים אַרבעטן אַ פּאָר וואָכן. ער האָט סאַרווייעט לאַנד אויפן פינף מייליקן קריק. איז פאָר מיט און ווייז אים וואו דער פינף מייליקער קריק געפינט זיך.

— העלאָ, באָס! — האָט טאָם אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ צום יידישן פאַרמער, — אויב דו ווילסט מיך האָבן, האָב איך גאָר ניט דאַגעגן.

אַלץ איינס ניטאָ וואוהין צו גיין זוכן אַ נייעם דזשאָב. די פּאַרמערס זיינען דאָ אָרעמע און דאַרפן ניט קיין „נייע הענט". אַ פּאָר וואָכן איז אויך גוט דערוויילע...

גרשון איז צוגעגאַנגען נעענטער און געענטפערט מיט אַזוי פיל ברודערישקייט אין קול, ווי ער וואָלט אים שוין געקענט פון יאָרן און יאָרן:

— אויב אַזוי, איז גוט. שפּאַן איין די פערד. איך וועל צופאָרן אין ווילעדזש. מען דאַרף איינקויפן אַ סך זאַכן. ווייסט דאָך ווי דאָס איז, אַז מען הויבט אָן פון אָנהויב?.. דו בלייב דאָ דערווייל און היט די קליאַטשע מיט די בהמות. אפשר וועסטו קאָנען די הינער צוזאַמענ־נעמען אין אַ שטייג? איך וועל זיך לאַנג ניט זאַמען. דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג.

שפּעטער אַ ביסל האָט זיך זיין וואָגן אַריינגעשניטן אין שטעטל און אָפּגעשטעלט זיך לעבן „דזשענעראַל סטאָר". דאָרט האָט ער איינ־געהאַנדלט פּראָוויאַנט פאַר זיך און פאַר טאָמען. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעפאָרן צום האָטעל, צוגעבונדן די פערד צו אַ סלופּיק, אַראָפּ־געטראָגן די וואַליזעס צו זיך אויפן וואָגן און, אָפּדאַנקענדיק פּאַרסאָנען פאַר דער טובה, וואָס יענער האָט אים געטאָן, האָט ער פאַרקערעוועט די פערד צוריק צו דזשענקינס פאַרם.

און טאָם, אַ מענטש מיט אַ צעקאָרבטן פּנים פון ווינט און יאָרן, האָט געוואוסט וואָס דאָס מיינט פאַר אַ „האָומסטעדער" ערשט צו באַ־זעצן זיך אויף לאַנד, און דורך די פּאָר שעה, וואָס גרשון איז דאָ ניט געווען, האָט ער געפונען אַ זאָטל, אַ כאָמוט, אַ פּאָר עמער, שלייעס, אַ לאָם, אַ טישל — און דאָס אַלץ אָנגעגרייט אויף איין אָרט. אויך די הינער אין אַ „טשיקן־קופּ" אַריינגענאַרט. און ווען גרשון איז צוריקגעקומען, האָט ער אַלץ אויפן וואָגן אַרויפגעלייגט, אַרויפגעשטעלט. אַפילו דעם אַקער־אייזן, די בראָנע און כמעט אַ גאַנצן זעקל האָבער ניט פאַרגעסן מיט־צונעמען און, ניט אַרויסרייידנדיק קיין איבעריק וואָרט, איז ער צולעצט אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, גענומען די לייצעס אין די הענט, און דער וואָגן האָט זיך גערירט פון אָרט.

דער וואָגן, אַ שווער אָנגעלאָדענער, האָט זיך געוויגט פון איין זייט אויפן אַנדערן. די רעדער, ניט קיין אָנגעשמירטע, האָבן געסקריפּעט, געשניטן טיפע קאָלייעס אין ווייכן זאַמד און אויף זייער רעדלדיקן לשון גערופן דעם פּאַרמער, וואָס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט רייטנדיק אויף דער קליאַטשע און נאָכגעטריבן די בהמות, אַז ער זאָל נאָכהאַלטן און ניט בלייבן הינטערשטעליק.

אַז זיי האָבן זיך אַרויפגעשלאָגן אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו פּרענקס רענטש, און פון דאָרט — צו די „קריקס", וואו גרשונס שטיקל לאַנד האָט זיך געפונען, איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג. און כאָטש אויפן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן וואָלקנדלעך, איז אָבער די לופט געשטאַנען אַ רירלאָזע, אַ פאַרגליווערטע און, ווען ניט די זון, וואָס האָט איצט אויפגעהערט אַזוי צו בראָטן ווי פריער, וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז דער אָוונט האַלט אין צופאַלן.

אויף ביידע זייטן וועג האָבן זיך אויסגעלייגט פאַרזייטע פעלדער מיט קלאָווער, קוקורוזע און גאָלדענע זאַנגען קאָרן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפּלעך צום הימל, ווי זיי וואָלטן ביי אים אַ טרונק וואַסער געבעטן. דאָ און דאָרטן איז אָנגעשוואומען אַ דריי־פיסלדיקער ווינט־פּאָכער אויף אַרויסצובאַקומען וואַסער פון דער ערד, רויט־געפאַרבטע הויכע „באַרנס", און האָבן צו וויסן געגעבן, אַז דאָ געפינט זיך אַ רענטש און אַ ביסל ווייטער — אַ האָומסטעד.

אַ שווייגנדיקער איז גרשון געזעסן אויפן זאָטל, געהאַלטן די לייצעס און בעת מעשה געוואָרפן אָנדערזייטיקע בליקן אויף די פאַרבייגעפאַרענע פאַרמס און איז מקנא געווען יענע פאַרמערס, וואָס וואוינען שוין דאָ פון לאַנג מסתמא, און אַפילו ניט אומגעקוקט זיך אויפן אַלטן נעגער, וואָס איז געזעסן אויף דער קאָזלע אויך אַזאַ שווייגנדיקער ווי גרשון און אָנגעטריבן די צוויי פערד.

דאָס ניט אומקוקן זיך אויף טאָמען איז ניט געקומען צו אים אויס שלעכטסקייט אָדער פאַראורטייל. אדרבה, גרשון איז אַלע מאָל געווען אַ גוטער ב׳נאַטור און ליב געהאַט דעם אַרבעטנדיקן מענטשן, נאָר איצט איז ער געווען פאַרטאָן אין ווייטע געדאַנקען וועגן דעם ווייב מיט די קינ־דער אין דערהיים, וועגן דער שווערער אַרבעט, וואָס אים וועט אויס־קומען צו טאָן ביי זיך אויפן לאַנד. אויך ברעקלעך פרייד האָבן אים אַרומגענומען: ער איז שוין אַ בעל־הבית! האָט אייגענע דריי פערד, צוויי בהמות, אַביסל הינער און אַ געדונגענעם אַרבעטער...

ס׳האָבן זיך אים אָנגעהויבן וועבן בילדער אין דער פאַנטאַזיע: ער האָט שוין אויפגעבויט אַ שטוב, אַ פּאַלאַץ!.. מיט ברייטע, הויכע פענצטער... די זון גייט גאָר קיינמאָל ניט אַוועק פון זיי... דאָס פעלד איז פאַרזייט מיט ווייץ און קאָרן... ביילקע מיט די קינדער זייגען ביי אים אויפן פאַרם... זי מעלקט די בהמות. די קינדער לויפן אַרום, שרייען, שפּרינגען, שפּילן זיך מיט אַ ביקל, מיט אַ הונט און אים דוכט זיך, אַז ער הערט זייערע פרישע, געזונטע געלעכטערס.

געפֿאָרן איז ער אַ מייל נאָך אַ מייל, פֿאַרגעשטעלט זיך זאַכן ווי אין דער אמתן און גאָר ניט באַמערקט, ווי די זון האָט זיך אָנגעהויבן טוקן אַלץ נידעריקער און נידעריקער צום האָריזאָנט; ניט געזען, ווי פֿונדערווייטנס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן סילועטן פֿון עטלעכע בערג מיט פֿלאַמיקע קעפּ, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין די רויטע זון־שטראַלן און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די בערג וואָלטן פֿון דורות אָן געברענט און ווערן ניט פֿאַרברענט.

— העי, באָס! — האָט אים טאָם אויפֿגעוועקט פֿונם חלומען און אַריינגעפֿירט אין דער ווירקלעכקייט, — ווי איך זע, ווילסטו ניט איך זאָל טרייבן די פֿערד, ווי אַנדערע פֿאַרמערס טוען דאָס. זעסטו? דאָס איז גוט! ווייל צו דיין לאַנד איז נאָך וויטלעך. דער שעריף האָט מיר געזאָגט וואו ס׳ליגט. איך קען דעם גאַנצן געגנט.

ערשט איצט האָט זיך גרשון געכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָט ער נאָך גאָרניט גערעדט צום אַלטן, איז ער צוגעריטן צו אים נעענטער און באַמערקט: ביי טאָמען, אונטערן הויכן רונצלדיקן שטערן האָבן צוויי גוטמוטיקע אויגן געשמייכלט, אנשטאָט אַ באָרד האָבן פֿון דער מאָרדע אַרויסגעשטאַרצט ווייסע שטעכלקעלעך. דער הוט אויפֿן קאָפּ האָט אָנגעוואוירן דעם שוואַרצן קאָליר און איז פֿאַרברוינט געוואָרן:

— הערסט, טאָם? אין דעם געגנט בין איך קיינמאָל ניט געווען. פֿונדעסטוועגן, וואָס מער איך קוק זיך צו, אַלץ אייגענער און באַקאַנטער ווערט ער מיט מיר. קיין זאַך איז מיר ניט פֿרעמד, פּונקט ווי איך וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן. כ׳קאָן דאָס ניט באַנעמען. מעגלעך, ס׳איז דערפֿאַר, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אויף אַ דאָרף און האָב אַלע מאָל ליב געהאַט וועלדער, פֿעלדער און דאָס פּויערשע לעבן...

— דו רעדסט טאַקע ווי אַן אמתער פּויער! ווייל אַ פֿאַרמער דאַרף ליב האָבן די ערד. נאָר צוליב וואָס דאָס אומזיסטיקע ריידן, אַז צום פֿינף מייליקן קריק איז נאָך דאָ אַ גוטע צוויי שעה פֿאָרן. מירן אָנקומען אַהין אַ שטיק אין אָוונט און אפֿשר נאָך פֿאַרכאַפּן אַ שטיקל נאַכט אויך. אָבער, אין אַ שעה אַרום דאַרף מען זיך פֿאַרנעמען לינקס, צו פּרענקס רענטש. דיין לאַנד ליגט ניט ווייט פֿון זיינער...

— דאָס פֿאַרלאָז איך זיך אויף דיר. איך זע, אַז דו קענסט טאַקע דעם גאַנצן געגנט. אָבער איין זאַך וואָלט איך דיך וועלן בעטן: זאָלסט מיך ניט רופֿן „באָס"... רוף מיך: דזשאָ. איך האָב פֿיינט דאָס וואָרט „באָס"! וואָס פֿאַר אַ „באָס" בין איך דיר! איך בין אַן אַרבעטער, אַ פּויער אַזוי ווי דו און אַנדערע פּויערים!...

— גוט, באָס־דזשאָו, גוט, — האָט טאָם איבערגעחזרט דאָס וואָרט „גוט", — איך האָב זיך איינגעוואוינט צו רופן יעדערן „באָס"... ווייסט דאָך, אַז אַ נעגער איז אַ נעגער... נאָר אויב דו ווילסט דווקא, אַז איך זאָל דיך רופן דזשאָו — וועט זיין ווי דו ווילסט, באָס. מיר מאַכט דאָס ניט אויס, באָס...

פונם כסדרדיקן טרייסלען טרייסלען זיך און שאָקלען זיך אויפן וואָגן האָבן די הינער ניט געקאָנט איינשלאָפן. די בהמות האָט אפּנים געצויגן צוריק צום שטאַל, פון וועלכן מען האָט זיי אַרויסגענומען, האָבן זיי אַלע ווײַלע געדרייט די קעפּ אויף צוריק, געמוהוקעט און פויל נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן. דזשענקינס הונט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַרויסגעהאַנ־גענעם צונג, איז שטיל געגאַנגען לעבן די צוויי פערד און אַפילו מיט אַ האַווקע ניט געלאָזט וויסן, אַז ער איז דאָ.

דער אָפּקלאַנג פון פערדישע קאָפּיטעס, דאָס קאַטשעריי פון פיר רעדער און דאָס טויבע טופּען פון בהמהשע טריט, האָבן זיך צעטראָגן איבערן סטעפּ און אָפּגעשלאָגן מיט אַ מאָנאָטאָנעם ווידערקלאַנג: טיפּ־טאָ, טיפּ־טאָ...

— וואָס דענקסטו צו זייען, באָס־דזשאָו? קאַרטאָפל טויג דאָ ניט: ס'טרעפן זייער קאַלטע וועטערן, שרעקלעכע שניי־שטורעמס, אַפילו אין סוף מאַי. ס'וועט אויספרירן. און אויב עס וועט זיך דיר יאָ איינגעבן אַ קראָפּ קאַרטאָפל, וועט דאָס זיין וואַסערדיקע אָדער פאַרגלייזטע.

גרשון האָט אַ הוסט געגעבן, אַ געשריי געטאָן אויף אַ בהמה, אַז זי זי זאָל אויפהערן צו דרייען דעם קאָפּ אויף צוריק און נאָכגיין דעם וואָגן, און דערנאָך געענטפערט:

— איך רעכן, אַז קאָרן, ווייץ, הירזש און קלאָווער דאַרפן דאָ וואַקסן. מעגלעך, אַז קוקורוזע קאָן מען דאָ אויך זייען. נאָר ווער דאַרף דאָס איצט קלערן פון זייען? פריער פון אַלץ דאַרף מען אויפשטעלן אַ שטיבל, אַ באַרן. איך וויל וואָס גיכער אַריבערברענגען מיין פרוי מיט די קינדער. סעי, טאָם, אפשר וועסטו קאָנען פאַרבלייבן ביי מיר? אמת טאָקע, איך בין ניט קיין גביר, און קיין סך וועל איך ניט קאָנען צאָלן. אָבער כ'וועל דיר פאַרגיטיקן אויף אַן אַנדער וועג. געלט איז ניט אַלעס...

— איך ווייס, אַז דו ביסט ניט קיין רייכער. דער שעריף האָט דאָס מיר דערציילט. כ'ווייס אויך, אַז לאַנג וועסטו מיך ניט קאָנען האַלטן, אָבער ס'אַרט מיך ניט. ביסט מיר געפעלן, און איך האָב ליב העלפן אַן אייגענעם מענטשן צו שטעלן זיך אויף די פיס.

באַלד האָט ער דערזען אַן אויסגעפּאָרן װעגעלע, װאָס איז אָפּגע־לאָפן אויף לינקס, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אַ צי געגעבן די לייצעס, און די פערד האָבן זיך אָפּגעקערט. פון ביידע זייטן זיינען אויפגע־גאַנגען הויכע גראָז־שטעקעלעך. די פּריירי האָט זיך דאָ אויסגעשפּרייט ווי אַ ים און אַנטפּלעקט אַ פּיל־פּאַרביקן טעפּיך.

ווי פון אונטער דער ערד איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן פּרענקס רענטש, מיט אַ הויכן באַרן און מיט אַ געפליגלטער פּאַמפּע, וואָס האָט מיט אירע שטאָלענע פליגלען געגלאַנצט אין די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. אויך אַ שטוב מיט עטלעכע לאַנגע און נידעריקע שטאַלן האָבן זיך באַוויזן. אין דעם געדיכט־ארומגעצאַמטן הויף האָבן זיך הינט צעבילט, געריסן זיך אויף די העלדזער, און עס האָט זיך אויס־געדוכט, אַז׳ אָט־אָט וועלן זיי פון הויף אַרויסלויפן און צערייסן דעם פּאַרבייפאָרנדיקן יידישן פּאַרמער...

נאָר דזשענקינס הונט, וואָס איז געגאַנגען לעבן גרשונס פערד, האָט זיך פאַר די דאָזיקע כלבים ניט אָפּגעשראָקן און געענטפערט מיט אַ היל־כיקן בילן און איז יענע קיין בעל חוב ניט געבליבן. גרשון האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן זאָטל, געוואָלט זען ווער עס בילט און ניט געקאָנט, האָט ער געפרעגט דעם אַלטן:

— מיר דוכט זיך, אַז איך האָב געהערט דזשענקינס הונט בילן. ער איז דאָ מיט אונדז?

— יאָ! אָבער ניט דזשענקינס. איצט איז ער דיינער...

גרשון האָט זיך דערפרייט, וואָס נאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש איז צוגעקומען צו זיין באַלעבאַטישקייט:

— איז ער די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ הונט? ווייסטו כאָטש, אַז אַ פאַרם אָן אַ הונט, איז ווי אַ פּאָליס־סטיישאָן אָן אַ דעטעקטיוו!..

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, — האָט זיך געהערט אַ ניט־צופרידנ־קייט אין דעם אַלטנס קול, — אַז אַ פאַרם ווערט פאַרוואַרלאָזט, וועט אַ הונט אַליין ניט בלייבן דאָרט. אין אַזאַ פאַל, וואָלט איך אויך געטאָן דאָס זעלבע און נאָכגעגאַנגען וועמען עס איז... ווייסט דאָך, אַז יעדע־רער זוכט אַ היים, אַ ביסן ברויט און אַ פריינט. אָבער, זעלטן ווער עס געפינט דאָס... אַממיינסטן ווערט מען אַנטוישט...

— ביסט גערעכט, טאַם. אויך איך האָב דאָס זעלבע ניט איינמאָל געפילט. כ׳פאַרשטיי דיך זייער גוט. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? מיר האָבן דעם גאַנג פון לעבן ניט געפּלאַנירט. דאָס האָבן אַנדערע געטאָן,

און ביי דעם אָרעמאַן גאָרניט אָנגעפרעגט... אים געהייסן גיין, ווי דעם אָקס אין סאָכע, און ער גייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאָלגט בלינד־דערהייט...

דאָס וועגעלע האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון אונטער די רעדער, וואָס האָבן זיך אַלע ווײַלע אָנגעשלאָגן אויף דערנער, שטיקלעך צווייגן און שטיינער. ס׳איז טונקל געוואָרן. די בערג, וואָס האָבן זיך פריער געזען פונדערווייטנס, האָבן זיך איצט דערנענטערט און פון מינוט צו מינוט געוואָרן העכערע, שוואַרצערע און סודותדיקערע.

האַ־האָ! — האָט טאָם אָנגעשריען אויף די פערד און אָפּגע־שטעלט זיי. אַראָפּ פון וואָגן, און צוגעגאַנגען צו זייערע פּנימער. ער האָט אָנגענומען איינעם ביי אַ ציימל: גערדיאַפּ! און געשפּאַנט גלייך מיט די סוסים, כדי צו דערקענען דעם סימן, וואו גרשונס שטיקל לאַנד האָט זיך געזאָלט אָנהייבן.

אומגעפער נאָך אַ האַלבער שעה פירן די פערד נאָך זיך, האָט טאָם אָנגעהויבן ריידן:

— אָט דאָ ערגעץ דאַרף דאָס זיין. נאָר צוליב מיינע אַלטע אויגן קאָן איך ניט זען אַקוראַט וואו. אַמאָליקע יאָרן האָב איך אַפילו ביינאַכט אין אַ וואַלד געקאָנט זען בעסער איידער אַנדערע מענטשן בייטאָג אין אָפענעם פעלד...

און גרשון, שוין אַביסל אַ באַזאָרגטער, האָט אים געענטפערט:

— אין בריוו שטייט געשריבן, אַז עס דאַרף זיין אַן אַריינגעקלאַפּטער ווייסער שטעקן אין דער ערד. דערביי — אַ ווייסער, קיילעכדיקער שטיין, מיט אַ שוואַרץ אויפגעשריבענעם „5", וואָס מיינט, אַז דאָ הייבט זיך אָן דער „פינף מייליקער קריק".

טאָם האָט די פערד אָפּגעשטעלט. אויך גרשון איז פון זאָטל אַראָפּ, און ביידע מענער האָבן אַוועקגעבראָדיעט אין טיפן גראָז, איינער אין איין זייט און דער צווייטער — אין אַנדערן. געגאַנגען זיינען זיי פּאַמע־לעך, מיט די פיס געשאַרט די גראָז, געגלאָצט מיט די אויגן און געניש־טערט דעם באָדן:

— טאָם! האָסט געפונען?

— ניין, באָס! ניט געפונען. אפשר וועסטו געפינען? דיינע אויגן זיינען אינגערע און זעען בעסער אין דער פינצטער...

ס׳איז אַוועק אַ מינוט, פינף, צען — און פונם שטעקן מיטן שטיין איז קיין סימן ניט געווען, ווי אין וואַסער וואָלט דאָס אַריין! און ביידע זוכער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז זיי זיינען פאַרקראָכן אויף

אַ פרעמד לאַנד און געוואַלט אומקערן זיך צום וואָגן און אָנהויבן פון דאָס ניי. נאָר אָט האָט טאָמס שפּיץ־נאָז פון שוך, אָנגעשלאָגן זיך אָן עפּעס האַרטעס, האָט ער זיך איינגעבויגן, מיט די הענט פונאַנדערגעשאַרט די גראָז און דערטאַפּט אַ קיילעכדיקן שטיין, וואָס האָט אַרויסגעבלייכט אין דער פינצטער.

— העי, באָס, איך האָב געפונען דעם שטיין! ס׳איז דאָ! — און ער איז אַוועק צו די פערד, זיי אַראָפּגעקערעוועט אויף רעכטס, וואו דער שטיין איז געלעגן.

גרשון האָט געוואָלט אויסשרייען „דאַנקען גאָט”, אָבער גאָרניט געזאָגט. אַ שווייגנדיקער איז ער צוגעגאַנגען צום וואָגן. פון דאָרט אַראָפּגעשלעפּט אַ קאָלדרע. אויך זיין מאַנטל אַראָפּגענומען און מיט דעם צוגעדעקט די פאַרשוויצטע פערד, וועלכע טאָם האָט שוין באַוויזן אויסצושפּאַנען. דערנאָך — אויף די בהמהשע הערנער שטריק אָנגעטאָן, די אַנדערע עק־שטריק צו אַ זייט־וואָגן צוגעבונדן און מיטאַמאָל געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט:

— איך האָב פאַרגעסן צו קויפן האָבער אין שטאָט. וואָס וועלן די חברה קייען אַ גאַנצע נאַכט? מילא, די בהמות וועלן זיך באַגיין מיטן גראָז. אָבער וואָס טוט מען מיט די פערד? זיי זיינען דאָך אָנגעהאַרעוועטע!..

— זאָרג זיך ניט אַזוי, באָס־דזשאָו! — האָט אים טאָם באַרואיקט, — ביי דזשענקינען אין שטאָל האָב איך דערטאַפּט כמעט אַ פולן זעקל האָבער און דאָס צו דיר אויפן וואָגן אַרויפגעלייגט. אויך עטלעכע אַלטע, אָבער גאַנצע טאָרבעס זיינען פאַראַן. איצט זעסטו, אַז אַ מענטש דאַרף ניט זאָרגן?...

— ניט אַנדערש, אַז דו ביסט אַ מלאך, — האָט גרשון גוטברודעריש אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יענעמס אַקסל, און צוליב דער פינצטערניש ניט געקאָנט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע לעצטע פאָר ווערטער האָבן געמאַכט אויפן אַלטן, — ביי אונדז, יידן, איז פאַראַן אַ ווערטל, וואָס זאָגט זיך: „גאָט פאַרלאָזט ניט”...

טאָם האָט צוגעבונדן די קליאַטשע צום אַנדער זייט וואָגן. אין דריי טאָרבעס אָנגעשאָטן האָבער און דאָס אַרויפגעטאָן די פערד אויף די קעפּ. אויך די בהמות צו ביסלעך היי געגעבן פרעסן:

— נאָנסענס, באָס־דזשאָו, נאָנסענס! ביי גאָלי! קיין מלאך ביז איך שוין גאָרניט! אַ סימן האָסטו: עס ווילט זיך עסן... מיר דוכט זיך, שוין צייט עפּעס איבערבייסן, אויב דו האָסט ניט פאַרגעסן צו קויפן עסנוואַרג...

— עסן? — האָט גרשון געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט, ווי ער זאָל זיי וועלן דערוואָרעמען, — דאָס פאַרגעס איך קיינמאָל ניט! אכילה ליגט מיר שטאַרק אין זינען . . . ניט נאָר עסן, אַפילו אַ טרונק בראַנפן איז אויך פאַראַן. כ׳האָב איינגעקויפט אַ סך פּראָוויאַנט. ס׳וועט זיין געננג אויף עטלעכע וואָכן מסתמא. אָבער, ווי קאָן מען עסן אין דער פינצטער? ווער קאָן דערטאַפן, וואו דאָס ליגט אין וואָגן אונטער אַזוי פיל פעק און פעקלעך?

נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט ריידן איז שוין טאַם דערביי ניט געוועזן, און גרשון האָט ניט געוואוסט, וואו דער אַלטער איז פּלוצים אַהינגעקומען. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערהערט ווי אימיצער ברעכט, קנאַקט צווייגן. און אים האָט זיך אויסגעוויזן: אַ שווער־לייביקע חיה טרעט אויף טרוקענע שטיקער האָלץ און ברעקלט דאָס אונטער אירע טריט.

דאָס קנאַקן פון די צווייגן און דער אַפּהילך דערפון האָט אויף גרשונען אַן אימה אַנגעוואָרפן און ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס ער איז ניט געוועזן קיין שרעקעוודיקער, האָבן ביי אים הענט און פיס געציטערט: אפשר אַ בער? . . . ער איז געשטאַנען אין דער פינצטער און ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. שרייען — טאַם? וועט דאָך די חיה גלייך וויסן, וואו ער געפינט זיך און אים צערייסן אויף פּיץ־פּיצלעך. אָבער באַלד איז דער אַלטער צוריקגעקומען מיט פולע אָרעמס צווייגן, טרוקענע ווי ביין, און דאָס אַוועקגעלייגט ניט ווייט פונם וואָגן. דערנאָך האָט ער אַביסל צווייגן אַרויפגעלייגט איינע אויף די אַנדערע, אונטער זיי — אַ זשמעניע היי אָנגעצונדן. די צווייגן האָבן זיך צעטרעשטשעט און אָנגעהויבן שיסן מיט פונקען, וואָס זיינען אין די מיליאָנען צום הימל געפלויגן, און די פינצטערניש אַרום פייער האָט אין אַ רונדן קרייז אָפּגעטראָטן הינטערווײַלעכץ, ווי די נאַכט וואָלט אָפּגעגעבן כבוד דער פּלוצים געוואָרענער ליכטיקייט . . .

ווי אַן אויסגעגאָסענער פון קופער איז טאַם געשטאַנען לעבן פייער. די לאַנגע, שאַרפע פייער־צונגען האָבן געלעקט די נאַכטיקע חשכות. די פונקען זיינען געשפרונגען הויך און אין חלל פאַרפאַלן געוואָרן. לעבן וואָגן זיינען די פערד געשטאַנען, פריילעכע געשמיסן מיט די עקן און געקייט דעם האָבער.

— ווען וועלן מיר עסן, באָס?

גרשון איז אויפן וואָגן אַרויפגעקראָכן, אַראָפּגענומען אַ פּאָר בלעכענע פושקעס קאָנסערווירט פלייש, אַ לאַנגן ברויט, אַ פלעשל

בראַנפן, אַ שטיקל געטריקנטן קעז, אַלץ לעבן פייער אַוועקגעלייגט און גערופן דעם אַלטן, וואָס איז ווידער פאַרשוואונדן:

— העי, טאָם, קום עסן! וואו ווערסטו דאָס נעלם אַלע ווײַלע? דער פייער וועט קלעקן ביז מירן אָפּעסן. דערנאָך וועלן מיר זיך לייגן שלאָפן. מאָרגן וואַרט אויף אונדז אַ גרויסער טאָג אַרבעט!

דער אַלטער האָט זיך צוריקגעקערט מיט נאָך אַ גרעסערן בינטל האָלץ ווי פריער און אַנגעבייזערט זיך אויף גרשונען, ווי אַן עלטערער אויף אַ אינגערן:

— איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געזאָגט, באָס! ס'איז ניט ריכטיק פון דיין זייט! אַ פאַרמער דאַרף וויסן, אַז אין דער פרייַרי זיינען פאַראַן אַ סך חיות. ס'איז בעסער אין דער ליכטיק. פאַר פייער האָבן זיי מורא . . .

פון קעשענע האָט דער בעל־הבית אַרויסגענומען אַ מעסערל, וואָס האָט געהאַט אין זיך אי אַ פראַפּן־ציער, אי אַ „קען"־עפענער, און אויפ־געקאָרקעוועט דאָס פלעשל בראַנפן, אויפגעעפנט די שאַכטלעך פלייש, און ביידע מענער האָבן זיך גענומען צו דער סעודה. דעם בראַנפן האָבן זיי געטרונקען פון פלעשל. אַפריער — איינער אַ זופּ, דערנאָך — דער צווייטער, אַזוי ביז מען האָט אָפּגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן.

קאַפּיטל IV

עס האָט לאַנג ניט גענומען און פונם אָרט וואו טאָם איז געשלאָפן האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער כראָפּען, וואָס האָט זיך ביים סוף פאַר־ענדיקט מיט אַ דינעם פאַרגייענדיקן פייף און צעשניטן די נאַכטיקע שטילקייט. דער הונט, וואָס איז מיט פאַרמאַכטע אויגן געלעגן לעבן אים, האָט אָפּנים ניט געקאָנט פאַרליידן דאָס כראָפּען און אַנגעשטעלט די אויערן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שלאָפנדיקן, דערנאָך איז ער אויפ־געשטאַנען, אַ געגעץ געטאָן, אַוועקגעקראָכן אונטערן וואָגן און אויס־געצויגן זיך.

ביי גרשונען זיינען אַלע חושים וואך און אַנגעשפּיצט געווען. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך אַרום זיך. ער איז געלעגן אויפן רוקן, אַרויפגעקוקט צום בלוי־שוואַרצן הימל און געזען: בלענדנדיקע שטערן האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פּיצינקע שטערנדלעך, וואָס האָבן, ביים פליען, געצייכנט בליציקע, קרומע ווירעס אויפן הימל און זיינען ערגעץ

פאַרפאַלן געוואָרן. העט שפּעטער איז אויפן מזרח אויפגעגאַנגען אַ גרויסער העלער שטערן און געהאַנגען אַזוי נידעריק, ווי מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

ווי נאָר דער שטערן האָט זיך באַוויזן, האָבן זיך, אין די בערג, קאַיאָטעס צעקלאָגט, צעוואָיעט. אַ היענע האָט זיך „צעלאַכט״ מיט אַ דינעם פאַרגייענדיקן געלעכטער, וואָס האָט זיך געקייקלט איבער דער פּרייריע. נאָר פּלוצים איז דאָס אָפּגעשטאָרבן. די שטילקייט איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, ווי אומדערוואַרט עס איז געקומען דאָס וואָיען פון די קאַיאָטעס און דאָס לאַכן פון דער היענע, און איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום אין אַ געהיימען פּחד.

גרשון האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט און געטראַכט: אומעטום איז די וועלט פול מיט לעבן. אין ניו־יאָרק זיינען די נעכט, זומער־צייט, הייסע און שטיקנדיקע. ווינטער־צייט — קאַלטע, לאַנגע און אָנגעפּילטע מיט עלנטקייט. נאָר דאָ, אין סטעפּ, איז דער עלנט נאָך עלנטער און נאָגנדיקער ווי אין שטאָט. דערצו איז דער אַרום איין שטיק געפאַר, אַ געפאַר, וואָס פּויזעט אויף ווייכע אומזעבאַרע פיס, און מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס פאַר אַ חיה עס שטייט הינטער די פעלזן און לויערט אויף איר קרבן.

נאָך אַ היפשער ווײַלע פון טיפער שטילקייט האָבן זיך די קאַיאָטעס ווידער צעקלאָגט אין דער נאַכט אַריין. גרשון איז אומרואיק געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעזעצט, געוואָלט אויפשטיין, נאָר דערזעענדיק, אַז דער הונט איז געלעגן אונטערן וואָגן און פון די קאַיאָטעס קיין וועזן ניט געמאַכט, און אויך די פערד זיינען געשטאַנען און גלייכגילטיקע געקייט דעם האָבער, האָט ער זיך צוריק געלייגט אויף זיין אָרט.

דער פייער האָט געברענט, געשפּריצט מיט פונקען און צעטריבן די פינצטערקייט. אָבער וואָס אַ רגע, אַ מינוט, אַ שעה, איז ער געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. איינצלנע האָלאָוועשקעס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט און אָנגעהויבן רויכערן. די אָנגעגליטע קוילן אויף זיי זיינען געוואָרן שוואַרץ, דערנאָך — אַשיק־גרוי, און די שטיקלעך האָלץ, וואָס האָבן נאָך געברענט האָבן אויך אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן קוראַזש און קוים־קוים געפלעמלט. אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז דער פייער האָט אָנגעהויבן קאַפּטשען אנשטאָט ברענען.

דאָס איז אָבער געווען געננוג. באַלד האָט ערגעץ אַ גרין־גאָלדיקן בליאַסק געטאָן אויף טאָג, און דער האָן, וואָס איז געזעסן אין שטייג מיט די אַנדערע הינער, האָט דעם ערשטן קריי געגעבן און אָנגעזאָגט,

אַז אויף דער פּריירי איז אַ נייער טאָג אויפגעגאַנגען — שוין צייט אויפשטיין און נעמען זיך צו דער אַרבעט...

אין ניו־יאָרק וואָלט גרשון געוויס געשלאָפן אַביסעלע לענגער. אַפילו מיט אָפענע אויגן איז גוט צו ליגן אין די פרימאָרגנס, כדי אויס־צוגלייכן די ביינער פון דער נאַכטיקער ניט־דערשלאָפנקייט. דערפאַר, אָבער, האָט ער דאָ מער ניט געקאָנט איינליגן, און ווי נאָר דער האָן האָט אויסגעקריי, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, ווי ניט־גוטע וואָלטן אים פון דער ערד אויפגעריסן.

גרשון האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעריבן די אויגן און דערזען, אַז דער אַרום איז נאָך געלעגן אין אַ נאַכטיקן מאַנטל. ער האָט אַ קרומען קוק געטאָן אויפן וואָגן: וואָס, צום טייוול, האָט אים דער האָן אויפ־געוועקט פונקט דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געלעגן אין בעסטן שלאָף? צוריק איינשלאָפן האָט ער שוין מער ניט געקאָנט. די דעמפּע גראָזן האָבן אים געבריט דאָס לייב מיט נאַסער קאַלטקייט. איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום אויסגעלעבטן פייער, צוזאַמענגעקליבן די אָפגעפאַלענע קאַלטע האָלאָוועשקעס, אויך פרישע צווייגלעך אָנגעלייגט אויף זיי, און, ווען דאָס פייער האָט ווידער אויפגעלעבט, האָט ער זיך געשטעלט טרי־קענען די קליידער, וואָס זיינען נאַס געוואָרן פונם גראָז.

אויך דער הונט האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן זיך, אַ גענעץ געטאָן, צוגעגאַנגען צום בעל־הבית און הכנעהדיק אַרייַנגעקוקט אים אין די אויגן. דעם הונטס אומעטיקער און איבערגעגעבענער בליק האָט גרשונען דאָס האַרץ געוואַרעמט, האָט ער זיך איינגעבויגן און געגלעט זיין פּליושענעם קאָפּ:

— ווייט, ברודערקע, זיינען מיר פאַרגאַנגען פון אונדזערע היימען...

פון גרשונס רייד האָט זיך טאָם אויפגעכאַפּט און מאָדנע אָנגעקוקט דעם „באָס“ זיינעם, וואָס האָט גערעדט צום הונט ווי, להבדיל, צו אַ מענטשן און דערצו נאָך אין אַזאַ אומבאַקאַנטן לשון . . . איז ער צוגע־גאַנגען צום פייער:

— אַפּנים, אַז דו ביסט ניט געשלאָפן, באָס־דזשאָו ? ס׳איז טאַקע קאַלט צו ליגן אין טוי. עס טרייסלט מיך פון קעלט. אַך, סאַראַ נעפּל עס איז היינט! ווען דו וואָלסט געהאַט אַ טשייניקל, צי אַ טעפּל, וואָלט איך געבראַכט וואַסער און אויפגעקאָכט אַביסל וואַרעמס.

— מיר איז אויך קאַלט, טאָם! אויב דו פוילסט זיך ניט, קריך אַרויף אויפן וואָגן. לעבן קאַזלע וועסטו געפינען אַ טאָפּ, אַ טשייניק און עטלעכע קענדלעך קאָפע מיט אַ זעקעלע צוקער. אָבער וואו וועלן מיר

נעמען וואַסער אין דער ווילדערניש. עס קוקט אויס, אַז אויך וואַסער האָב איך געדאַרפט מיטברענגען . . .

— וואָס, וואָס. קיין מדבר איז דאָ ניט! דאָ איז דאָך דער פינף מייליקער קריק. דאָס איז אַזאַ ריוו, וואו עס פליסט אַ ריינער, גוטער וואַסער, און דו זאָרגסט זיך גאָר וועגן אַ ביסעלע וואַסער צום טרינקען?...

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט ער גענומען דעם טשייניק און איז אַוועק. דער פּאַרטאַגיקער נעפּל, וואָס איז אויפגעגאַנגען הויך איבער דער ערד, האָט אים איינגעהילט ביז איבערן קאָפּ אין אַ זילבערנעם ליילעך. אַ ווײַלע האָט זיך נאָך געהערט ווי דער טשייניק־דעקל קלאַפּט זיך אינם טשייניק. נאָר באַלד איז דאָס קלאַפּן פאַרטויבט געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער נעפּל האָט פאַרשלונגען דעם אַלטן נעגער, וואָס איז אַוועק זוכן דעם קריק.

טאָם האָט געבראָדיעט אין נעפּל, כמעט געקראָכן אויף אַלע פיר, און צום קריק ניט געקאָנט דערקלײַבן זיך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער קריק געפינט זיך אויף רעכטס, אויף לינקס, צי אפשר גאָר פון פאָרנט. אַ קעלט האָט אים דורכגענומען. די קליידער זײַנען נאַס גע־וואָרן און געקלעפּט זיך צום לײַב.

דערזען, אַז זײַן אַרבעט איז אומזיסט, דעם קריק וועט ער ניט געפינען, האָט זיך טאָם אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, געוואָלט שוין אומקערן זיך און אַפילו ניט געוואוסט דעם וועג צום וואָגן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט פאַרלוירן און אָנגעהויבן גיין צוריק. דאָס איז אים ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. דאָך האָט ער זיך דערשלעפּט און אַ פאַרמאַטערטער אַוועקגעשטעלט דעם טשייניק לעבן פייער:

— אַזאַ פּאַסקודנער נעפּל! ניט געקאָנט געפינען דעם קריק. מען וועט מוזן צוואַרטן ביז דער נעפּל וועט אַוועקגיין.

גרשונען האָט דאָס ניט געאַרט. מילאַ, וועט מען טרינקען קאַווע שפּעטער אַביסל. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אינם אויפגייענדיקן טאָג. עס האָט ערשט אָנגעהויבן ליכטיקן. די בערג, וואָס מיהאָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געזען, זײַנען מיט יעדער מינוט אַרויסגעוואַקסן אַלץ הע־כערע און העכערע. איבערן קאָפּ פונם העכסטן באַרג איז געהאַנגען אַ ווייסער וואָלקנדל, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן מיט אַ גאָל־דענעם פלאַם. זײַנע ברעגעס זײַנען באַפאַרבט געוואָרן מיט בלוי, פיאָלעט און פורפור־קאָלירן און אויסגעזען, ווי דער זוים פון אַ קלייד.

אַפנים, אַז ווייט הינטער די בערג איז אויפגעגאַנגען די זון, האָט גרשון אַ טראַכט געטאָן און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום מזרח.

ער האָט געוואָלט זען ווי זיין פעלד קוקט אויס, און ניט געקאָנט. דער נעפּל האָט זיך אָנגעהויבן קייקלען און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ מוראדיקע גרויסע סטאַדע ווייסע בערן וואָלטן זיך קוים־קוים באַוועגט אויף זייערע שווערע לאַפּעס.

לאַנג האָט זיך שוין דער נעפּל ניט געהאַלטן. ווי נאָר די זון האָט זיך אַרויסגעהויבן אַביסל העכער, איז דער נעפּל פאַרשוואונדן און אָפּגעדעקט אַ בערגיק לאַנד מיט פּליטקע און טיפע טאָלן. אמת, אויך אַ היפּש שטיק־ערד איז דאָ געלעגן, באַוואַקסן מיט הויכע, שטייפע און ווילדע גראָזן וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז קיין מענטשלעכע האַנט האָט די ערד קיינמאָל ניט באַרירט. פון דאַנען האָט זיך דער סטעפּ אויס־געצויגן אַ ווייטער, אַ ברייטער און אַ טיפער, מיט אַן אויג ניט צו כאַפּן זיינע ברעגן.

טאָם האָט ווידער גענומען דעם טשייניק און אַוועק צום קריק. דאָס מאָל לאַנג ניט געזאַמט זיך און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פולער כלי וואַסער און אים אַרויפגעשטעלט אויפן פייער. פונם טשייניק־העלדזל האָט זיך אַביסל וואַסער אַרויסגעגאָסן און אַ פּאָר האָלאָוועשקעס האָבן זיך צעשריען מיט אַ דינעם דזינג.

ווען דאָס וואַסער האָט אויפגעקאָכט און אָנגעהויבן שלאָגן מיט אַ דורכזיכטיקן דאַמף, האָט טאָם אַריינגעשאָטן אַ ביסל קאַווע. מאָמענטאַל איז דאָס וואַסער פאַרברוינט געוואָרן און איבער דער פּריירי האָט פאַרשמעקט מיט שטאָטיש־לעבן.

— הע, באָס! — האָט טאָם געזאָגט, — דער קריק איז דאָך נאָענט! אַ וואַסערע פינף אָדער זעקס הונדערט שפּאַן פון דאַנען. אַפילו קיין ברונעם וועסטו ניט דאַרפן גראָבן . . . און קאָנען אויפשטעלן דיין שטיבל מיטן באָרן האַרט לעבן וואַסער. אַזאַ גליק האָט נאָך קיין האָומסטעדער ניט געהאַט. ס׳טרעפט: אַ פאַרמער גראָבט און גראָבט אַ ברונעם, נאָר צו קיין וואַסער קומט דאָס ניט. און דאָ? גרייט וואַסער, קום און שעפּ וויפיל דיין האַרץ גלוסט ! . . .

גרשון האָט אים לפנים־וועגן געענטפערט:

— מאַכסט אַ טעות, טאָם. דער נעפּל לייגט זיך דאָ אַ שווערער, אַ דיקער און האַרט ביי דער ערד. ס׳איז אַ סימן, אַז דאָס לאַנד איז נידע־ריק און פייכט. מען וועט מוזן אויפזוכן אַ העכערן אָרט.

אויפֿגעבראַכענע ערד

קאַפּיטל V

גרשון האָט געוואָלט איבערצייגן זיך צי דער קריק איז טאַקע נאָענט און וואָס פאַר אַ טעם דאָס וואַסער האָט. פאַראייינס אויך אָפּפרישן זיך דאָס פּנים. האָט ער אַ רוף געטאָן דעם הונט מיט אַ צוגעטראַכטן נאָמען:

— פּרינץ!

דער נייער נאָמען איז דעם הונט פרעמד געווען, און ער האָט ניט געוואוסט צי דער מענטש מיינט דאָס אים אָדער ניט. איז ער געלעגן אויפן בויך, געקוקט, נאָריש געשמיסן מיטן ווידל און ניט גערירט זיך פון אָרט. נאָר ווען גרשון האָט נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן „פּרינץ״, און אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער, האָט דער כלב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען טאַקע אים. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און נאָכגעגאַנגען יענעמס טריט.

באַלד איז גרשון שטיין געבליבן לעבן אַ גאַנץ טיפער ריווע, באַוואָקסן מיט גראָז־שטעקעלעך פון ביידע זייטן. אַ בלוי וואַסערל האָט זיך האַסטיק געהוידעט אַראָפּ־שטראָם, געדרייט, געקאַרטשעט זיך, אַריבערגעשפּרונגען שטיינער און שטיינדלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן וועג. גרשון האָט אָפּגעזוכט אַ פלאַכן ברעג, אַראָפּגענידערט, אָנגעטרונקען זיך מיטן פרישן וואַסער, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים און אָנגעקוואָלן פון דער שאַרפער קילקייט.

פון דעם, וואָס גרשון האָט דאָ דערזען, איז אים אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן: בערגלעך מיט טאָלן! אפשר וועט מען קאָנען אויסשיילן אַ צען, פופצן אַקער גלייכן באָדן. און ווער ווייסט צי די ערד איז אַ גוטע? מעגלעך, אַז די גאַנצע האַרעוואַניע, וואָס ער וויל דאָ אַריינלייגן, וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, אומזיסטע מי. ביילקען מיט די קינדער וועט ער ניט קאָנען אַריבערברענגען, און דער לאַנג־יאָריקער חלום און דאָס שפּאָרן יעדע פּענע צו ווערן אַ פאַרמער און ניט דאַרפן לעבן אינם פאַרשטיקטן ניו־יאָרק — וועט מיטן רויך אַוועק. אויס, אַלעס אויס! . . .

קוקנדיק אויף דער פּריירי, האָט ער זי פאַרגליכן מיט די פעלדער אין דער אַלטער היים און זיך דערמאָנט, אַז דאָס פעלד, וואָס זיין טאַטע

האָט געהאַט, איז געווען אַ גלייכע. אמת, קיין פּעטע איז די ערד ניט געווען און קיין צו גרויסע געבערקע אויך ניט, אָבער דערפֿאַר האָט זי קיין קאַרטאָפּל ניט געזשאַלעוועט. אויך אַ ביסל קאָרן איז געווען אויף אויסצוקומען, און דאָ? ווער ווייסט? אויסזען זעט דאָס אויס ווי אַ ים מיט כוואַליעס! מעגלעך די ערד איז אַ זאַמדיקע, אַ טרוקענע, צי אַ ליימיקע גאָר און וועט קיין שפע ניט געבן... די „פּאָר טולער" וועלן צערונען ווערן און מיט ליידיקע הענט וועט ער מוזן אומקערן זיך צוריק פֿון וואַנען ער איז געקומען...

ס'איז טאַקע אמת, אַז דאָס פֿעלד, וואָס זיין טאַטע האָט געהאַט און באַאַרבעט אַזויפֿיל יאָרן, האָט די צאַרישע רעגירונג צוגענומען, זיי אַלעמען פֿון דאָרף אַרויסגעטריבן. אין דער גרויסער בהלה איז אַפֿילו ניט געווען ווען די שטוב צו פֿאַרקויפֿן און זיי זיינען אין אַן ערב שבת „אַרויסבאַגלייט געוואָרן" פֿונעם איינגעזעסענעם ישוב. און פֿרייטיק, שפּעט אין אָוונט, ווען אין יידישע שטיבער האָבן שוין די שבתדיקע ליכט געהאַלטן אין צאַנקען, זיינען זיי צו־פֿוס אָנגעקומען אין שטאָט באַברויסק און פֿאַרקליבן זיך אין דער שניידערשער שול, אויפֿן שאָסיי, וואָס איז נאָך געווען אָפֿן און האַלב־טונקל.

גרשון האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן ברייטן סטעפּ, אויף די בערג, וואָס זיינען געשטאַנען מאַסיווע, זיכערע, און אַ זיכערקייט האָט זיך אין זיינע הענט און פֿיס אַריינגעגאָסן: דאָ איז אַמעריקע און ניט רוסלאַנד!... יעדער מענטש האָט די זעלביקע רעכט אויף אייגענעם באָדן, אויף האַנדל און באַוועגונג. און אַזאַ זאַך, ווי אַראָפּטרייבן אַ מענטשן פֿון דער ערד, דערפֿאַר וואָס ער איז אַ ייִד — איז אוממעגלעך... און כאָטש דאָס פֿעלד זיינס איז ניט פֿון די סאַמע בעסטע, אַ ביסל אַ בערגיקע און מעגלעך אַפֿילו אַ שלעכטע אויך, האָט ער אָבער צום ערשטן מאָל דערפֿילט, אַז ער שטייט מיט ביידע פֿיס אויף אייגענער ערד און אַ געזאַנג האָט זיך ביי אים פֿון ברוסט אַרויסגעריסן:

— פֿרינץ, איך האָב אייגענע ערד! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום הונט און אין זיינע ברוינע און גוטמוטיקע אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן. דער אָפּהילך פֿון זיין קול האָט זיך צעטראָגן ווייט־ווייט איבערן סטעפּ, איבער די בערג און טאָלן, און פֿון אַלע זייטן האָט עס צוריק־געקלונגען:

„אייגענע ערד, פֿרינץ! אייגענע ערד! אייגענע ערד!"

און גרשונען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען טויזנטער יידן

געקומען פרייען זיך מיט זיין פרייד און באַגריסן אים פון אומעטום, שרייען פון די טאָלן, פון די העכסטע בערג־שפּיצן:

„איי גע נ ע ערד! איי גע נ ע ערד! איי גע נ ע ערד!"

די זון האָט אַרויפגעקלעטערט איבער די בערג. ס'איז הייס געוואָרן, און גרשון, אַן אָנגעזאָפּטער מיט דער אַרומיקער רחבותדיקייט, איז צו־געגאַנגען צום וואָגן. פון אונטער די זעק האָט ער אַרויסגעצויגן אַ גראָב־אייזן, דעם שאַרף צווישן די גראָזן אַריינגעשראַמט, אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף איינעם פון די אויערלעך, אַ דריק געגעבן און אַרויסגעביסן אַ פּעט שטיקל ערד, וואָס האָט מיט שוואַרצער גלאַנציקייט אַ בליאַסק געטאָן אין זון.

אַ נייגעריקער האָט ער זיך איינגעבויגן, אָנגענומען אַ הויפן ערד, דאָס פאַרקוועטשט אין האַנט, דערנאָך עס צוריק געעפנט, מיט די פינגער צעמאָלן די ערד אויף זעמדעלעך. די האַנט איז פייכט געוואָרן:

— העי, טאָם! ס'איז דאָך גוטע ערד! אמתע טשערנאָזיאָם!

ניט אַזאַ באַגייסטערטער ווי זיין בעל־הבית, איז טאָם אַ רואיקער צוגעגאַנגען צו גרשונען, אָנגענומען אַ ביסעלע ערד, מיט אַ פינגער צעריבן דאָס אויף דער לאַדאָניע, ווי מען צערייבט אַ טרוקן בלעטל טאַבאַק:

— ביסט גערעכט, באָס־דזשאָו! האָסט מזל. ניט אומעטום איז דאָ די ערד אַזאַ פעטע. איך רעכן, אַפילו ווייץ וועסטו קאָנען זייען. אויך האָבער וועט וואַקסן גוט. האָסט מזל . . .

גרשונס פרייד איז אַריבער אַלע ברעגן. ער האָט דערפילט, אַז ער דאַרף די פרייד מיט עפּעס באַפרידיקן און, ניט פיינט האָבנדיק אַביסעלע בראָנפן, געזאָגט צום אייך־איינציקן מענטשן אַרום זיך:

— טאָם! מען דאַרף די ערד „באָנעצן" און כאַפּן אַ טרונק. דערנאָך וועלן מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט.

נאָך נעכטן אין אָוונט, ביים טרינקען דעם בראָנפן, האָט אים טאָם ליב באַקומען: אַ ווייסער טרינקט צוזאַמען מיט אַ נעגער און דערצו נאָך פונם פלעשל, איז ער אים שוין מיט דעם אַליין געוואָרן נאָענט און טייער, כמעט ווי אַן אייגענער, אַ שוואַרץ־הויטיקער . . . און איצט? זעענדיק, אַז גרשון האָט ניט פיינט דעם ביטערן טראָפּן, ניט, חלילה, ווי אַ שיכור, נאָר גלאַט ווי „אַ מענטש מיט ביינער", וועמען די פרייד שפּאַרט אַרויס פונם אָפענעם פּנים, האָט אים דער אַלטער אין די אויגן געקוקט:

— ביי גאָלי, דזשאָו! ביי אַזאַ איינעם ווי דו ביסט, איז גוט צו אַרבעטן. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דו ביסט אַן אָרעמער און וועסט מיך לאַנג ניט קאָנען האַלטן.

— הער אויף צו האַקן מיט קאָמפּלימענטן, טאַם! איך בין דיר ניט קיין מויד ! . . . די דאָזיקע רייד האָב איך פיינט! מיין טאַטע, עליו־השלום, איז אויך געווען ווי איך. אַז ס׳איז אים גוט געווען אויפן האַרצן, האָט ער געמאַכט אַ לחיים, געלאַכט, געוויצלט זיך, און אַפילו אונטער־געברומט אַ תהלים ניגון, און ווען דאָס האַרץ האָט אים געווייטיקט אין אַ סכנה איז פאַר די אויגן געשטאַנען, האָט ער געוויינט, ווי אַ קינד און ניט געשעמט זיך מיט זיינע טרערן. אַזוי דאַרף זיין. אַנדערשקייט מיינט פאַלשקייט, אָפּקערן זיך פונם אמת . . . פאַרלייקענען דעם איי־גענעם „איך" . . .

אויפמערקזאַם האָט זיך דער אַלטער איינגעהערט צו זיינע רייד. אַנגעשטעלט זיינע קאַליע־געוואָרענע אויגן אויף גרשונען, און ביי יעדן אַרויסגערעדטן וואָרט אַ שטילן זיפץ געגעבן:

— ביי גאָלי, דו רעדסט ווי אַ פּריטשער. זייער חכמהדיקע רייד זיינען דאָס. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס איך הער דאָס אויף דער עלטער. אין דער יוגנט וואָלט איך דערפון אַ סך קליגער געוואָרן . . . מעגלעך געלעבט אַ בעסער לעבן, ניט געבליבן קיין היימלאָזער און ניט האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן . . .

טאָמס לעצטע רייד האָבן גרשונען ביים האַרצן געצופּט. אַ רחמנות. אַן אַלטער ערלעכער מענטש! ער האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט אַרויס־ווייזן, כדי ניט צו ווייטאָן יענעמס ווייטיק, און מיט געמאַכטער פריי־לעכקייט אין קול געזאָגט:

— זיי ניט צעקראָכן ווי אַ באָבע! נעם אַ טרונק בראַנפן. עלנטקייט איז אַן איינריידעניש . . . אַז מען באַשליסט ביי זיך, איז מען ניט עלנט. מען דאַרף בלויז האָבן אַ שטאַרקן כאַראַקטער און ווילן. קוק זיך איין: די וועלט איז פול מיט מענטשן, וואָס האָבן גרויסע משפחות, טייערע פריינט, גוטע ברידער און דאָך זיינען זיי עלנט, ווי איינצלנעביימער אויף פאַרלאָזטע שליאַכן. פאַרשטייסט? גריבלען זיך אין דער אייגענער נשמה איז ניט גוט . . . נו, לאָמיר בעסער אויסטרינקען. עס ווערט שפּעט.

אַ ווייסע, האַרטע און געזונטע האַנט האָט זיך אַריינגעוועבט אין אַ טונקל־הויטיקער. צוויי האַלב־אָנגעפּילטע טעסעלעך מיט בראַנפן זיינען צו צוויי מיילער דערגאַנגען און אַביסעלע אָנגעבויגן זיך:

— צום נייעם האָומסטעדער !

— צו מיין נייער היים!

ווען זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די אויסגעליידיקטע טאַסן, האָט טאָם

איבערגענומען די קאָמאַנדע און מיט אַ טאָן פון אַ געניטן „קאָמאַנדיר“ האָט ער שטרענג באַפוילן:

— די ערשטע זאַך — אויפשטעלן אַ צייטווייליקע שטאַל פאַר די בהמות מיט די פערד. ווייל דאָ, אין דעם געגנט, קאָן אומגעריכטערהייט אַראָפּ אַ שלאַקס־רעגן, צי אַ שניי־שטורעם אפילו אין ענדע מאַי, צי אין דזשון. מען דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ.

נאָכדעם איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן אַ שווייגנדיקער, אַ פּאַר־טראַכטער, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף גרשונס הסכמה. און אין דער אמתן האָט ער באַקוקט דעם געגנט. מיטאַמאָל איז זיין בליק געפאַלן אויפן באַרג, וואָס איז געשטאַנען רעכטס, האַרט ביים קריק און אויף טאָמס פאַרוואָקסענעם פּנים, מיט די ווייסע שטעכערלעך, האָט זיך אַ קורצער שמייכל צעוויגט:

— דו זעסט דעם באַרג? מען דאַרף איינשפּאַנען די פערד, צופירן דעם וואָגן אַהין. דאָרטן וועלן מיר מאַכן אַ דאָג־אַוט.

— וואָס מיינט דאָס? — האָט אים דער יידישער פויער געפרעגט.

— ווייסט ניט וואָס אַ דאָגאַוט איז? ביסטו דאָך אַ גרינ־האָרן!.. אַ דאָג־אַוט הייסט אַזאַ הייל, וואָס אָרעמע האָומסטעדער גראָבן אויס אין אַ באַרג צו וואוינען דאָרטן.

גרשון האָט אים געפאָלגט. ער האָט איינגעשפּאַנט די פערד, אַרויפ־געשטעלט און אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אַראָפּגענומען, אַרויפגעזעצט זיך אויף דער קעלניע, גענומען די לייצעס אין די הענט און אָוועקגעפאָרן צום אָנגעוויזענעם באַרג, וואָס איז גע־שטאַנען מיט אַ הוילער פּלייצע צום קריק.

צוגעפאָרן אַהין, האָט ער די פערד צוריק אויסגעשפּאַנט, זיי גע־פּענטעט, געלאָזט אויף פּאַשע, און ווען טאָם האָט די בהמות געהאַט צוגעטריבן, איז ער אַראָפּ פון זאָטל, פאַררויכערט די ליולקע און מיט צוויי גראָב־אייזנס אין די הענט זיינען ביידע מענער צום באַרג צוגע־גאַנגען. פון אונטן האָט זיך דער שפּיץ־באַרג ניט געזען. דריי זייטן זיינען באַוואַקסן געווען מיט פאַרוויאַנעטן גראָז און דאַרע אויסגעקרומטעביימער. דער פערטער — אַן אָרומגעשטשערבעטער פון אַפּטע ווינטן, רעגנס און יאָרן, האָט אַנטבלויזט אַ געל־ליימיקן לייב.

— אָט־דאָ־אָ, — האָט טאָם אָנגעוויזן אויף דער נאַקעטער זייט באַרג, — וועט ניט טויגן. די ניט־באַוואַקסנקייט באַווייזט, אַז שטורעמס זיינען דאָ אַפּטע געסט. אויף דער אַנדערער זייט איז בעסער. מען קאָן ניט וויסן ווי לאַנג עס וועט אויסקומען צו זיין אין דאָג־אַוט. איז בעסער אויסצוקלייבן אַ געזיכערטן אָרט.

גרשון האָט אים ניט געענטפערט. אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל פון די פּלייצעס, פאַרקאַשערט די אַרבל פון אויבערהעמד און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי מוסקולדיקע הענט, וואָס האָבן זיך ממש געבעטן: אַרבעטן! ער האָט אָנגעשפּיגן אין די לאַדאָניעס, אָנגענומען דעם גראָב־אײַזן, און פון באַרג האָבן גענומען פליען פולע גראָב־אײַזנס ערד, ווי קראָען.

אויך טאָם, כאָטש אַ סך עלטער פון גרשונען, איז ניט געבליבן ווייט הינטערשטעליק. זײַן גראָב־אײַזן האָט ניט גערוט, געביסן די באַרג־פּלייצע — ביס נאָך ביס. אָבער מער ווי אַ פּאָר שעה אַרבעטן איז ניט אויסגעקומען. דער אויבערשטער שיכט ערד האָט זיך נאָך ווי עס איז געלאָזט נעמען. נאָר וואָס טיפער זיי האָבן געגראָבן, אַלץ מער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן איבערגעקרייציקטע ביימער־וואָרצלען. קלענערע און גרעסערע שטיינער האָבן די גראָב־אײַזנס דעם וועג פאַרשטעלט. די אַר־בעט איז פאַרלאַנגזאַמערט געוואָרן. דער לאָם איז איצט געוואָרן דער הויפּט־מחותן אויף דער חתונה. אויף יעדן שריט געמוזט אים אונטער־שטופּן אונטער אַ שווערן שטיין און אַרויסדריקן די משא פון איר אײַנגע־קוואַרטירטקייט.

נאָר, ניט געקוקט אויף דער אַרבעט, וואָס איז געגאַנגען אַזוי פּאַמע־לעך, און אויף דער פאַרמאַטערטקייט פון ביידע מענער, האָט מען שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקאָנט זען אַן אָנזאָג אויף אַ הייל. אָבער די גרע־בער זײַנען ווײַט ניט צופרידן געווען. עס האָט זיי פאַרדראָסן אויפן גאַנצן עסק. בעסער געדאַרפט לעבן אונטערן פרײַען הימל און טראַכטן וואו אײַנצוקויפן אַ ביסל געהילץ און אויפשטעלן כאָטש אַ באַרן, איידער צו פאַרנעמען זיך מיטן גראָבן אַ הייל אין אַ באַרג, וואָס איז פול מיט פאַר־האַרטעוועטע וואָרצלען און שטיינער.

אַלץ איינס איז זיי ניט אײַן נאַכט אויסגעקומען צו שלאָפן אונטערן אָפענעם הימל. ערשט אויפן פינפטן אָוונט, ווען די הייל, אָדער דאָג־אַוט, ווי טאָם האָט דאָס גערופן, איז געשטאַנען אַ טיפע, אַ ברייטע, אַז אַפילו עטלעכע פערד מיט פאַרהויבענע קעפּ האָבן דאָרט געקאָנט אַרײַן, האָבן זיי אָנגעהויבן אַרײַנקלײַבן זיך אין דער ערדישער דירה.

דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט געדיכטע וואָלקנס און עס האָט אַ דראָע געטאָן מיט רעגן און שטורעם . . . גרשון האָט אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצן פּנים, אַ קוק געטאָן אויפן הימל און איז אומרואיק געוואָרן:

— טאָם, שנייד אָן אַ ביסל גראָז, אַז עס זאָל גענוג זײַן פאַר אונדז

אויף אַ „געלעגער" און פֿאַר די פֿערד מיט די בהמות אויף איבער נאַכט און טראָג דאָס אַריין אין דאָג־אַוט. מיר דוכט זיך, אַז ס'וועט באַלד אָנהויבן רעגענען.

טאָם האָט אַ כאַפּ געטאָן די קאַסע און טאַקע דאָ דערביי אָנגעהויבן שניידן דאָס גראָז. געשניטן האָט ער מיט ברען, מיט אימפּעט, געוואָלט איבערקליגן דעם הימל און אַריינכאַפּן וואָס מער גראָז, און אין זינען געהאַט: דער געלעגער זאָל זיין וואָס ווייכער און וואַרעמער, און די פֿערד זאָלן ניט דאַרפֿן שטיין אַ גאַנצע נאַכט מיט פֿאַרמאַכטע מיילער.

גרשון האָט דערווייל איינגעשפּאַנט די פֿערד, דעם וואָגן אויס־געקערעוועט מיטן הינטן צום הייל און הינטערוויילעכץ אים אַריינגע־קאַטשעט אין דאָג־אַוט. דערנאָך האָט ער די סוסים צוריק אויס־געשפּאַנט און זיי צוגעבונדן צום וואָגן; אויך די בהמות איינגע־מאָשטשעט, געגעבן זיי גראָז צו פֿרעסן און אַליין איז ער אַרויס אין דרויסן.

אויף זיין שפּיץ נאָז האָט זיך אַ טראָפּן וואַסער געשטעלט און צו וויסן געגעבן דעם יידישן פּויער, אַז דער טראָפּן איז אַ שליח פֿון אַ גוס־רעגן, וואָס וועט באַלד אַראָפּקומען און פֿאַרטרינקען דעם הייל. גרשון האָט דעם אָנזאָג אָנגענומען ווי עס באַדאַרף צו זיין, און פֿון די גרויסע קופּעס אָנגעוואָרפֿענע ערד אַ לאַנגע און דיקע פּריזבע געמאַכט פֿאַר דער עפֿענונג, אַז דאָס וואַסער זאָל אין הייל ניט אַריין און געזאָגט:

— מען וועט דאַרפֿן מאַכן אַ טויער.

— פֿון וואָס וועסטו מאַכן אַ טויער, באַס־דזשאָו, אַז קיין געהילץ האָסטו ניט? מיט די הוילע הענט קאָן מען קיין עפֿענונג ניט פֿאַר־שטעלן . . . נאָר לאָמיר דערפֿון היינט ניט ריידן, באָס! איך בין אַזוי אויך פֿאַרמאַטערט.

אַ שאַרפֿער בליץ האָט דעם הימל צעשפּאָלטן. אַ שטאַרקער דונער האָט אַ קראַך געטאָן און אונטערגעהאַצקעט דעם הייל. פֿון דער „סטעליע" איז אַ ביסל זאַמד, מיט אַ שטיינדל, אַראָפּגעפֿאַלן אַ פֿערד אויפֿן רוקן. דאָס פֿערד האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן פֿאַרכקען מיט די נאָז־דרעס און קאָפּען מיט די קלויען אין דער ערד. גרשון איז צוגעגאַנגען, געגלעט דעם פֿערד ביים האַלדז און גערעדט צום אַלטן:

— איך האָב מורא, אַז דער באַרג וועט זיך נאָך זעצן און אונדז פֿאַרשיטן צוזאַמען מיט די בהמות און פֿערד. אפֿשר גערדאַרפֿט אַרויס־ציען זיך צוריק אין דרויסן. פֿון רעגן וועלן מיר ניט צעקראָכן ווערן . . .

— האָב ניט קיין מורא, באָס. דער באַרג איז אַ דורכגענומענער

מיט וואָרצלען, אָן איינגעפונדעוועטער מיט שטיינער. ער וועט זיך אַזוי גיך ניט אונטערגעבן... זעסטו? אונטערשפּאַרן אַ פּאָר קלעצער און פאַרלייגן עטלעכע ברעטער אונטערן רוף וואָלט זיכער ניט געשאַדט. אָבער אַפילו אַזוי איז אויך ניטאָ קיין געפאַר.

ס'איז פינצטער געוואָרן און אָנגעהויבן רעגענען. די טראָפּנס, גרויסע און קיילעכדיקע, האָבן געררישט צווישן גראָז. די הינער אין שטייג האָבן אַראָפּגעלאָזט די עקן, פאַרניורעט די קעפּלעך אונטער די פליגלען. נאָר ביי יעדן דונער־בראַך האָבן זיי אויף אַ רגע אַרויסגענומען די קעפּלעך, אַ שוואַכן פינטל געטאָן מיט די ראָזעווע אויגן־דעקלעך און באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט צוריק.

מיט אַריינגעפּלאָנטערטע הייעלעך אין זיין שוואַרצער פּאַטליע איז גרשון אויפגעשטאַנען ווייט אין טאָג אַריין. אָפּגעטרונקען קאַווע. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער דער פייכטער ערד און צוריקגעקערט זיך אין הייל:

— איך רעכן, אַז איצט דאַרף מען באַקענען זיך מיט די שכנים. ס'איז גוט צו וויסן, ווער דיין שכן איז. מיר זיינען דאָך אין אַ ווילדן פעלד. ווער ווייסט וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט אַ מענטשן?... און אפשר וועל איך קאָנען עפּעס קויפן ביי זיי. צוערשט וועל איך צוגיין צום רענטשער, וועלכן מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן. און דו גיב אַכטונג אויף אַלץ.

אָנגעזאָגט דעם אַלטן וואָס צו טאָן, האָט ער אָנגעזאָטלט די קליאַטשע, וואָס איז ניט געווען קיין „נעמערקע", נאָר דערפאַר אַ גרינגערע אויף די פיס איידער די אַנדערע צוויי פערד און אַוועקגעריטן צום רענטשער. רייטנדיק, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם מנהג ביי די רוסישע פויערים, וואָס פלעגן אויפנעמען אַ נייעם שכן מיט ליבע און גאַסטפריינטלעכקייט, און גרשון האָט גערעכנט, אַז אויך דער רענטשער, צו וועמען ער פאָרט איצט, וועט אים מסתמא אויפנעמען ווי עס פּאַסט זיך אין אַזאַ פאַל...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און גרשון איז צוגעריטן צום רענטש. אַראָפּ פון פערד, אים צוגעבונדן צו אַ סלופּיקל פון פּאַרקאַן. אויפן רענטש האָבן זיך היגנט צעבילט. אַ מיש־מאַש פון טויזנטער שעפּסן, וואָס האָבן זיך געריסן אויף די העלדזער, האָבן מיט זייער מעקען די לופט פאַרהילכט. גרשון האָט די פאָרטקע געעפנט און אַריין אין הויף. אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ רויטן בולאַוון נאָז איז אַנטקעגנגעקומען און מיט שטרענגקייט אין קול אים באַגריסט:

— האַי, פרעמדער! וואָס קאָן איך טאָן פון דיינעטוועגן? מסתמא פאַרבלאָנדזשעט, אַ?

פונם שטרענגן טאָן האָט זיך דער גאַסט ניט פאַרלוירן און שוין ווי אַ געניטער צו אַזעלכע קאַלטע, ניט־פריינטלעכע אויפנאַמעס, האָט ער באַטראַכט דעם רענטשער און מיט אויפגעוואַכטן שטאָלץ געענטפערט:

— גראָד ניט פאַרבלאָנדזשעט. איך בין דער נייער האָומסטעדער אויפן פינף מייליקן קריק. בין געקומען באַקענען זיך מיט אַ שכן. מיין נאָמען איז דזשאָו פרידמאַן.

— איך בין פרענק, דער רענטשער; אַזוי רופן מיך אַלע, — איז יענער אַ פאַרוואונדערטער געוואָרן פון דעם יידנס דרייסטקייט און געזונטן אויסזען. — דאָס ביסטו אַנומלטן פאַרבייגעפאָרן מיין רענטש? הייסט דאָס — אַ שכן! איז קום אַריין אין שטוב. מיר האַלטן אין עסן דינער. שרעק זיך ניט. מעגסט אַריינקומען...

— שרעקן זיך גאָר? — איז אים גרשון נאָכגעגאַנגען אין שטוב מיט אַ געפיל, אַז דאָ האָט ער פאַר זיך אַ ביטערן גוי, — איך שרעק זיך פאַר קיינעם ניט. אויסער — פאַר... נו, ווי זאָל איך דאָס זאָגן, אויסער פאַר גאָט... אַ מענטש איז דאָך ניט קיין חיה און טראָגט ניט קיין הערנער אויפן קאָפּ...

— גערעכט, גערעכט!

ביי פרענקן אין שטוב איז געווען אַנגעוואָרפן... אין קיך זיינען זעק מיט קלייען געלעגן איינער אויף דעם אַנדערן. שטריק און שטריקלעך האָבן זיך אונטער די פיס געוואַלגערט. אַ צענומענער כאָמוט האָט גע־וואַרט, אַז מען זאָל אים צוריק צוזאַמענשטעלן. אין סאַלע, אַרום אַ לענ־גערן טיש, זיינען דריי שקצים, מיט ווינטיקע פנימער, געזעסן און גע־פרעסן גרויסע פאַרציעס פלייש. אַן אויסגעמאַרעטע עלטערע פרוי האָט אַלע ווײַלע דערלאַנגט נאָך אַ שטיקל פלייש, נאָך אַ טעלער קאַשע און אַפילו ניט אומגעקוקט זיך אויפן אַריינקומענדיקן מענטשן.

דערזען אַ נייעם מענטשן אַריינגיין און דערקענט, אַז ער איז אַ ייד, האָבן די שקצים גלאָמפּעוואַטע אַנגעקוקט דעם שוואַרץ־האָריקן נפש און אַלע פאַראַמאַל האָבן אַ זאָג געטאָן:

— „האַי, פרעמדער!"

— „האַי!" — האָט זיי גרשון צוריק געענטפערט אויף זייער לשון און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ שטול, וואו דער בעל־הבית האָט אים גע־הייסן זיך זעצן. פרענק האָט זיך ווידער געווענדט צום גאַסט:

— הייסט עס, אַז מען רופט דיך — פרידמאַן? אַ ייד אַפנים? איז

וואָס וועסטו טאָן אויפן פינף מייליקן קריק? האָדעוועןַ חזירים טאָרסטו דאָך ניט... מסתמא האָדעווען פערד, צי גאָר שעפּסן?.. לעצטנס זיינען אַ סך יידן געוואָרן האָומסטעדער אויף אַ ווײַלע און דערנאָך די ערד אָוועקגעוואָרפן... איך באַשולדיק זיי ניט!... זיין אַ הענדלער, אַ געלט-בייטער, אַ טיר-קלאַפּער איז גרינגער ווי צו באַ־אַרבעטן די ערד. ווייל, וואָס האָט מען פון דער ערד? גאָרנישט!...

ביי גרשונען אויפן האַלדז האָט אַ דין אָדערל אַ צוק געטאָן. פון פרענקס שטעך־ווערטלעך איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער רענטשער האָט פיינט אַ יידן. זיין פּנים האָט זיך פאַרבלאָסט. די הענט — צוויי מעכטיקע פויסטן. נאָך אַ רגע — און זיי וואָלטן אַוועק אין פולן שוואונג. ער האָט זיי, אָבער, מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן און אָפּגעוואָרפן יענעמס גיפטיקע רייד:

— מיסטער פרענק, איר האָט ניט געטראָפן! קיינע פון אייערע אויסגערעכנטע זאַכן וועל איך ניט טאָן... איך וועל בלויז זיין אַ האָומסטעדער. די ערד איז די בעסטע באַנק און צאָלט הויכע פּראָ־צענטן. אמת, ניט אַזוי פּינקטלעך און ראַיעל. אָבער זי צאָלט... נאָר לאָמיר דערפון איצט ניט ריידן. איך בין ניט געקומען קריגן זיך, בלויז געוואָלט באַקענען זיך מיט אייך. איך וויל לעבן בשלום מיט מיינע שכנים...

דער רענטשער האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק פלייש, דאָס אַריינגע־שטופּט אין פּיסק און קוים אַראָפּשלינגענדיק דעם גרויסן ביסן, איז ער מילדער געוואָרן:

— דו קוקסט טאַקע אויס צו זיין אַ בראַווער אמברע. אָבער, וויסן זאָלסטו, אַז דאָ, אין דעם טייל־לאַנד זיינען אַממייַנסטן רענטשערס. און אַ רענטשער האָט פיינט אַ האָומסטעדער, און איבערהויפּט אַ יידן, צי אַ ניגער. ווייס איך ניט, ווי דו וועסט מיט זיי קאָנען אויסקומען... קוק זיך גוט אַרום, איידער דו הויבסט עפּעס אָן צו טאָן...

אַרום גרשונס מויל־ווינקלען האָט זיך צעוויגט אַ חוזקדיק שמיי־כעלע: „ער רעדט שוין ווייכער, דער הונט! וויל אים אָנשרעקן". און טיף ביי זיך אין האַרצן, האָט זיך דער פאַרשלאָפענער עקשן אויפגעכאַפּט: להכעיס פרענקן און אַלע שלעכטע גוים, וועט ער דווקא ווערן אַ פאַרמער!

— זאָרגט זיך ניט אַזוי וועגן מיר, „פריינט" פרענק. איך קאָן אויסקומען מיט יעדן איינעם... יאָ, איך האָב אייך געוואָלט פרעגן: אפשר ווייסט איר, וואו איך קאָן קויפן געהילץ? איך וויל אויפשטעלן אַ שעק.

דער רענטשער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט די פֿאַרפּעצטע מאָרדע:

— ברעטער, קלעצער און ציגל, ווי אויך קוילן צום הייצן, איז די בעסטע זאַך צו קויפֿן אין וואָטער־פּאָלס. דאָס איז אַ וואָסערע אַכט־און־צוואַנציק מייל פֿון דאַנען. דאָרטן קריגט מען די בעסטע קוילן, און ביליק...

שפּעטער אַביסל איז גרשון, אַ פֿאַרדראָסיקער, צוריק געקומען צו זיך אויפֿן לאַנד, אָפּגעשנאַלט די ספּראַנטשקעס פֿון זאָטל, אַריינגע־טראָגן אים אין הייל, און האַסטיק גענומען ריידן צום אַלטן:

— געווען ביי פֿרענקן. אפֿנים, אַז דאָס איז אַ הונט מיט אויערן! ער האָט מיר געגעבן אַזאַ קאַלטן ברוך־הבא, אַז אַ צווייטן מאָל וועל איך צו אים שוין ניט אַריינשמעקן!

אויף אַ שינע פֿון אַ ראָד האָט טאָם אויסגעקלאַפּט די ליולקע און אַרויסגעקאַלופּעט די איבערגעבליבענע פֿייכטע ברעקלעך טאַבאַק פֿון דאָרטן:

— שפּילסט זיך עפּעס מיט דעם סאַנאַוואַ — — —! אַלע קענען דעם בעסטערד! איך האָב דאָס דיר נאָך פֿריער געוואָלט זאָגן און געטראַכט: גלייכער זאָלסט זיך אַליין איבערצייגן. און וועגן געהילץ? פֿאַר בעסער אין דיקען. דאָרטן איז פֿאַראַן אַ גרויסער לאָמבער יאַרד, און קויף איין וואָס דו דאַרפֿסט.

— ביסט גערעכט, טאָם. מען דאַרף ניט זוכן קיין באַרגענס. אָבער פֿאָרן דאַרף מען באַלד. כל־זמן עס איז נאָך דאָ אַביסל צייט, מוז מען עפּעס אויפֿבויען. נאָר, אויב דאָ זיינען אַזעלכענע קעלטן, ווי דו דער־ציילסט, טאָר מען פֿון ברעטער קיין שטיבל ניט שטעלן. מיעט מוזן — פֿון בערווענעס. אָבער, איידער איך וועל פֿאָרן אין שטאָט, וועלן מיר ביידע אַרויסגיין איבערן לאַנד און אָפּקלייבן אַן אָרט פֿאַרן פֿאַרם. נאָר צוליב וואָס זאָל איך פֿאָרן אין דיקען, אַז פֿרענק האָט מיר געזאָגט: „דער בעסטער אָרט איינצוקויפֿן געהילץ איז אין וואָטער־פּאָלס"?

— וועגן אַ שטיבל, — האָט אים טאָם אַ געערגערטער געענט־פֿערט, — ביסטו גערעכט. ברעטער זיינען צו דין. אַ זאַווערוכע וועט דורכבלאָזן און אַמאָל אומוואַרפֿן אויך. איך האָב געמאַכט אַ טעות. מיין קאָפּ אַרבעט שוין ניט ווי אַמאָל. נאָר, פֿרענקן, דעם סאַנאַוואַ — — — — זאָלסטו ניט פֿאָלגן! דאָס האָט ער מיט אַ כיוון געזאָגט, כדי דיך צו פֿאַרפֿירן. אמת, דאָרטן זיינען פֿאַראַן אַ פּאָר קוילן־מינען און קאָנסט קויפֿן קוילן זייער ביליק. אָבער קיין געהילץ איז דאָרטן נישטאָ.

קאַפּיטל VI

אויף מאָרגן, באַלד ווי זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיינען גרשון מיט טאַמען אַוועק אויפזוכן אַ פּאַסיקן אָרט אויף אַ שטיבל. אַ היפּש שטיק פעלד איז געווען פלאַך, פייכט, און ניט געטויגט פאַר אַ וואוין־אָרט. אָבער וואָס ווייטער צו מזרח־זייט, האָט זיך די ערד אַרויס־געהויבן אַלץ העכער און העכער און ביים „פּאָוסט" איז זי אויסגעגלייכט געוואָרן. דאָ האָבן זיך די מענער אָפּגעשטעלט, און גרשון האָט מיטן ציל־פינגער אָנגעוויזן:

— אָט־דאָ וועט דאָס זיין!

דער אַלטער האָט באַטראַכט דעם קליינעם, גלייכן שטח און ניט קיין צופרידענער געענטפערט:

— ווי דו פאַרשטייסט, באָס־דזשאָו! איך מיין, אַז צום קריק וועט זיין צו וייט: וועסטו מוזן גראָבן אַ ברונעם... דאָס איז אַ שווערע אַרבעט... נאָר אויב דו האָסט באַשלאָסן, אַז ס׳מוז זיין דווקא דאָ — וועל איך דיך ניט אָפּריידן, און זאָל זיין מיט מזל!

צוליב דעם וואָס גרשונען האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען אַ פּאַסיקן אָרט, איז ער אַריין אין אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרומ־שפּאַנען איבערן שטיקל ערד און מיט די פיס געמאָסטן דעם שטח: „דאָ וועט זיין די קיך, דאָרט — די סאַליע, און דאָ — די שלאָף־צימערן" — און דערביי גערעדט אויף אַ קול:

— טאָם! איך וועל די שטוב אַוועקשטעלן אַזוי, אַז דער פראָנט זאָל אויסקומען צום פּענס. אָט־דאָ־אָ וועלן זיין די שלאָף־צימערן פאַר מיר און פאַר די קינדער! דאָרטן — די קיך, און אויף דעם אָרט — די סאַליע! אַביסל ווייטער — אַ שאַפּע צו האַלטן זאַכן. יעדער צימער וועט האָבן צו צוויי, ניין, צו דריי פענצטער! זאָלן די קינדער האָבן אַ סך זון און פרישע לופט...

דער אַלטער האָט געלאַכט:

— איך זע שוין דיין פּאַלאַץ פאַר די אויגן!... אויב דו קאָנסט אַזוי בויען ווי מאַלן מיטן צונג, וועט טאַקע זיין וואָס אָנצוקוקן... אין דער אמתן, הייסט עס, אַז דו ווילסט שטעלן אַ הויז פון פיר צימערן, און ניט קיין שעק? דאָס איז גוט. נו, און געלט?..

גרשון האָט אויפגעהערט צו פאַנטאַזירן און געוואָרן ערנסט. דאָס וואָרט „געלט" האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון זיין התפעלות, האָט ער אין מוח געוואויגן און געמאָסטן טאָמס רייד.

— איך ווייס, אַז ס׳וועט קאָסטן אַ סך געלט. אָבער אַ שטוב בויט מען דאָך ניט אַלע טאָג! און וועגן צייט, איז די מעשה אַזאַ: איצט איז שוין סוף יוני. צו שפּעט צו זייען. דאַרף מען אויסנוצן די געלעגנהייט און טאָן וואָס מען קאָן. נאָכן בויען, אויב עס וועט נאָך זיין וואַרעם, וועלן מיר דעמאָלט אויפבּרעכן עטלעכע אַקער לאַנד. פאַרשטייסט? אויף אַלץ דאַרף מען האָבן אַן אויסרעכענונג...

צוריקוועגס האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט. גייענדיק האָט גרשון, ביי זיך אין גדאַנק, אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פּלענער, ווי אַמבעסטן צו בויען אַ שטיבל, מיט אַ גרויסן אויוון, אַז ביילקע זאָל האָבן וואו צו קאָכן און באַקן, אַן אויוון, וואָס זאָל אין די ווינטערדיקע קעלטן אַנוואַרעמען אַלע צימערן און די קינדער זאָל ניט אויסקומען צו פרירן.

פון דער זייט האָט טאַם געקוקט אויף זיין בעל־הביתס אויפגעלויכטענעם פּנים און אים איז אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען ער מיטן ווייב און קינדער האָבן געוואוינט אין וועסט ווירדזשיניע, האָט ער אויך געחלומט פון אַן אייגענעם האָומסטעד, פון אַן אייגן שטיבל צו האָבן וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן אויף דער עלטער, אַזוי ווי באָס־דזשאָו. אָבער, אַ נעגער קומט דאָס ניט אָן אַזוי גרינג, ווי די ווייסע... יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, ביי איינעם האָט ער געאַרבעט אַכט יאָר, ביי אַן אַנדערן — צוועלף, ביי אַ דריטן — נאָך מער. אַזוי איז דאָס געגאַנגען, ביז דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן, די קינדער זיינען אויף ווייטע וועגן אַוועק, און אַלע זיינע חלומות זיינען אויסגערונען.

אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער און אַ טרויעריקער פון זיינע דערינערונגען, האָט ער צוגעשטעלט קאָכן קאַווע, געגרייט פרישטיק פאַרביידן. דערנאָך גענומען אַן עמער אָנשטאָט אַ דאָניצע, אונטערגעשטעלט אונטער די אייטער פון אַ בהמה און מעכאַניש געצויגן אירע ראָזעווע סאָסקעס.

דער יידישער פּויער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין טאָמס קעגנוואַרט האָט ער צופיל געפּלאַפּלט וועגן אַ שטוב, וועגן זיין צוקונפט, וועגן ביילקען מיט די קינדער, און מיט דעם מסתמא אָנגערירט ווייטע אָנגעווייטיקטע סטרונעס ביים אַלטן אין האַרצן, האָט ער אויף גיך אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע, פאַרביסן מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט, איינגעשפּאַנט צוויי פערד און אַוועקגעפאָרן קיין דיקען.

דאָס שטעטל דיקען, וואוהין גרשון איז איצט אַריינגעפאָרן, האָט געהאַט עטלעכע ברוקירטע גאַסן מיט הויכע און ברייטע טראָטואַרן.

אויף מעין סטריט, די הויפּט־גאַס, האָבן זיך געפונען גרעסערע און קלענערע געשעפטן. אויף צוויי ראָגן האָבן צוויי באַנקן געוועלטיקט, איינע קעגן דער אַנדערער. גרויסע שילדן אויף זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם שטעטל, אַז די דאָזיקע באַנקן צאָלן גרויסע פּראָצענטן און, אַז נאָר ביי זיי איז דאָס געלט געזיכערט... גרינגע און שווערע לאַסט־וועגענער, געשפּאַנט צו צוויי און צו דריי שווער־פיסיקע פערד, האָבן געפּלאַטשיקט די ברוקירטע גאַסן און אויפגעהויבן אַ רעדער־קנאַקעריי. אויטאָמאָבילן אויף הויכע רעסאָרן און שמאָלע גומענע רעדער זיינען אַרומגעפּאָרן און מיט זייער הייזעריקן טרובען צעטריבן די דורכגייענדיקע מענטשן.

אַביסל ווייטער האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ רויט־ציגלנער בנין מיט אַ לאַנגער שוואַרצער שילד, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן באַגילדעטע אותיות: „פינקלשטיינס דזשענעראַל סטאָר“.

איבערגעלייענט דעם נאָמען, איז גרשון אַריין אין געשעפט. אַן אָנ־געשטעלטער, מיט אַ בלייפעדער פאַרלייגט הינטערן אויער, האָט באַמערקט דעם אַריינקומענדיקן און אים אַנטקעגן געגאַנגען:

— גוד מאָרנינג, סער. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך וויל זען דעם אייגנטימער, מיסטער פינקלשטיינען.

— אפשר קאָן איך אייך העלפן, אַנשטאָט מיסטער פינקלשטיין? דער באָס איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש, און האָט קיין צייט ניט צו זען יעדערן, וואָס קומט אַריין עפּעס קויפן. איר קאָנט מיר געבן אייער באַשטעלונג. איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף מיר. כ׳וועל אייך באַהאַנדלען ווי דער באָס אַליין. איך בין דאָך דער העד־קלוירק!..

— ניין, אַ דאַנק! — איז גרשון באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, און נאָר געוואָלט זען פינקלשטיינען, כדי אויסצוגעפינען ביי אים מער איינצלהייטן וועגן דעם געגנט: צי עס געפינען זיך דאָ אַרום נאָך יידישע פאַרמערס, און אפשר איז אין שטאָט גופא פאַראַן נאָך אַ ייד אָדער צוויי.

— איך האָב זייער אַ וויכטיקן ענין איבערצורעדן מיט מיסטער פינקל־שטיינען. זייט אַזוי גוט און זאָגט אים, אַז אַ האָמסטעדער וויל אים זען.

דער קלוירק האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן־אַראָפּ און געזען פאַר זיך אַ מיטלוואוקסיקן מענטשן, ברייטע פּלייצעס, אַן אָפענעם גוטמוטיקן פנים, האָט ער אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און מעכאַניש אַ שמייכל געגעבן:

— נו, גוט. וואַרט צו אַ ווײַלע. איך וועל אַריין אין אָפיס פרעגן, צי מיסטער פינקלשטיין קאָן אייך אויפנעמען.

דורך די פאָר מינוט, וואָס ער האָט געוואַרט אויף פינקלשטיינען,

האָט גרשון געכאַפּט אַ קוק אַרום זיך. אַרום די ווענט — לאַנגע פּאָליצעס מיט שיך־שאַכטלעך, זאַקן, העמדער, סערוועטן, סערוועטקעס, טיש־טוכער, שליאַפּעס און פּראָסטע היטלען פון פאַרשיידענעם קאָליר און געוועב. אויף אייזערנע שטאַנגען — מענערשע אַנצוגן פון איין זייט און פרויען־מאַנטלען און קליידלעך — פון דער אַנדערער. אַביסל ווייטער — שורות וועליסאַפּעדן פון אייניקע סאָרטן. דערנאָך — צוימלעך, שלייעס, זאָטלען, כאָמוטן, שטריק, זעגן, סערפּן, קאָסעס א. אַז. וו.

אויף אַרומצוקוקן זיך האָט ער קיין צופיל צייט ניט געהאַט. באַלד איז צוגעקומען אַ ייד, מיט אַ געגאָלט פּנים און אַ היפּש בייכל, וואָס האָט זיך אַרויסגעבערגלט פון אונטער אַ געפּרעסטן, גרויען רעקל. דערזען אין גרשונס פּערזאָן אַ יידן, איז יענער אַ ווילע שטיין געבליבן ווי אַ געפּלעפטער. דערנאָך — אויסגעשטרעקט די האַנט צום גאַסט און אָנגעהויבן ריידן אויף אַ מינסקער מאַמע־לשון:

— שלום עליכם! איך וואָלט שווערן, איר זיינט אַ נייער אין דעם געגנט. פון וואַנען איז אַ ייד? וואָס טוט איר דאָ? קומט אַריין אין מיין אָפּיס. אפשר זייט איר דאַרשטיק, הונגעריק? זאָגט, שעמט זיך ניט!

— ניין, אַ דאַנק! איך בין ניט דאַרשטיק און ניט הונגעריק, — איז אים גרשון נאָכגעגאַנגען אין אָפּיס און אַוועקגעזעצט זיך אויף איינעם פון די שטולן, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי. דער אָפּיס, אַן אָפּגעזונדערט צימער, מיט צוויי מאַסיווע שרייב־טישן, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן שטויסן אָנגעשריבענע פּאַפּירן, האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס געשעפט איז אַ רייכס און ווערט געפירט פון אַ געניטער האַנט.

— דערלויבט מיר צו פרעגן אייך, ווי הייסט איר?

— דזשאָו פרידמאַן.

— אייער ערשטער נאָמען איז אַביסל גויעשלעך, נאָר דער פאַמיליע־נאָמען איז מיר געפעלן. עס שמעקט מיט דער אַלטער היים. איך מוז זיך מודה זיין: כיבין זשעדנע צו זען אַ יידן! דאָ זיינען אַלץ גויים און גויים! דערצו נאָך אַזעלכע שונאי־ישראל, דער אויבערשטער זאָל שומר־ומציל־זיין! איך הער, אַז איר רעדט ווי אַ ליטוואַק. פון וואַנען זייט איר דאָס?

גרשון האָט אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס הייסט, פון וואַנען? פון ניו־יאָרק! איך בין אַ האָום־סטעדער. באַקומען ערד אויפן פינף מייליקן קריק. בין איך געקומען איינקויפן געהילץ אויף אַ שטיבל, אויף אַ באַרן, אויך אַנדערע מאַטעריאַלן דאַרף מען האָבן. נאָר מיר דוכט זיך, אַז מיטן איבערגעבליבענעם קאַפּיטאַל מיינעם, וועל איך קיין סך ניט קאָנען איינהאַנדלען...

מיט זעלבסט־צופרידנקייט האָט פינקלשטיין צוגעהערט זיך צו גרשונס אַלט־היימישן לשון און אין דער זעלבער צייט, מיט אַ געניט אויג, אים דורכגענומען דורך און דורך, און אַ געדאַנק איז אים דורכגע־לאָפן, אַז אָט־דער יידישער פאַרמער וועט דינען ווי אַ ביישפיל פאַר שלעכטע צונגען, וואָס זאָגן: „יידן קאָנען בלויז האַנדלען". זאָלן זיי זען, אַז אויך יידן קאָנען לעבן פון דער אייגענער פראַצע און באַאַרבעטן די ערד.

— ניט דאָס האָב איך אייך געפרעגט, מיסטער פרידמאַן. כ׳מיין, פון רוסלאַנד, פון דער אַלטער היים, פון וואָסער געגנט קומט איר?

— אַ, פון רוסלאַנד? פון אַ דאָרף, וואָס רופט זיך האָראָדיעץ. און ליגן ליגט עס לעבן שטעטל ליבאָניטש, מינסקער גובערניע. פון אַזאַ העק האָט איר געוויס קיינמאָל ניט געהערט. אַפילו מינסקער גופא, צי באַברויסקער מתנגדים ווייסן ניט וואו דאָס ליגט...

— פון וואַנען זאָגט איר, פון האָראָדיעץ? — איז פינקלשטיין אויפגעשפרונגען פון זיין שטול און צוגעגאַנגען צו גרשונען, — אין האָראָדיעץ האָט דאָך בלויז געוואוינט איין יידישע פאַמיליע — הענעך האָראָדיעצער האָט מען אים גערופן. ער האָט געהאַט אַ שטיקל פעלד און דאָס אַליין באַאַרבעט. אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט אָפּ, זיינען ביי אים געווען זיבן זין און פיר טעכטער. אַן ערלעכער ייד געווען דער הענעך. דורך די נעכט פלעגט ער זיצן און לערנען. שוין ניטאָ מער אַזעלכע שיינע יידן! איז וואָס האָט ער זיך אָנגעקערט מיט אייך?

גרשון האָט צעעפנט דאָס מויל און ניט געגלויבט די אייגענע אויערן. צום סוף האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט גרויס פאַרוואונדערונג געפרעגט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע:

— פון וואַנען קענט איר מיין טאַטן? ביי אונדז אין דאָרף זיינען מער קיין יידן ניט געווען, און אייך געדענק איך ניט...

— ביסט מסתמא הענעכס יינגסטער זון. וואַרט, ווי האָט מען גע־רופן דעם יינגסטן? נישע, בערל, אפרים, גרשון, יאָ, גרשון! — איז ער גלייך אַריבערגעגאַנגען אויף „דו". — איז ווי אַזוי זאָלסטו מיך גע־דענקען, אַז ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע ביסטו נאָך געווען אַ קליין יינגעלע פון אַ יאָר פיר! איך בין אַברהם דעם קאַראַבעלניקס עלטערער זון פון ליבאָניטש. כמעט אַלע שבת פלעג איך גיין צו אייך צו־פוס. דעם אמת געזאָגט, אַביסל „אוכאַזשעוועט" דיין שוועסטער שפרינצע און גאַנץ אָפּט פאַרבראַכט מיט דיין עלטערן ברודער, נישע. גאָר אַ פיינער יונגערמאַן. וואו איז ער איצט? וואָס טוט ער?

ביידנס הערצער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַרעמע געפילן. די מיילער — פולע מיט רייד, די מוחות — מיט ווייטע, אָבער אָנגענעמע דערינערונגען, וואָס האָבן די לאַנדסלייט צוזאַמענגעגאָסן. ביידע האָבן ערשט געוואָלט אָנהויבןריידן, ריידן אָן אַ סוף, דערציילן פון האַראַדיעץ, פון ליבאַניטש, ווי די נאַטשאַלסטווע האָט הענעך האַראַדיעצער פון דאָרף אַרויסגעטריבן, און ביידע, סיי גרשון און סיי פינקלשטיין, האָבן ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן דעם איבערפלוס פון זייערע אָנגע־לאָפּענע געפילן, און זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ שווערער שווייגן, אַ שווייגן, וואָס האָט געדריקט די געמיטער און אַריינגעשטעלט אַ מחיצה, צעטיילט די פריערדיקע נאָענט־קייט, און ניט אַכטנדיק, וואָס יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, זיינען די ליפּן געבליבן ווי פאַרזיגלטע. חוץ דעם האָט זיך פינקלשטיין געכאַפּט, אַז ווי באַלד אַ שכן, האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס. דאָס דערציילן דעם יונגן מענטשן פון זיין אַמאָליקער „אוכאַ־זשאַרסטוואָ" פּאַסט ניט פאַר אַזאַ בכבודיקן סוחר ווי ער איז דאָ אין געגנט... און גרשון? אויס דרך־ארץ צום רייכן און עלטערן פון אים, האָט סתם ניט געוואָגט צו ריידן מער, ווי ס׳איז נויטיק געווען.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט ווערן אַ פאַרמער, — האָט פינקלשטיין לסוף איבערגעריסן דאָס שווייגן און איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע, — ווי זאָגט מען ביי אונדז אין דערהיים? „יאַקי באַטקאָ, טאַקי דיעטיאַטקאַ!" דער טאַטע אַ פּויער און דער זון אַ פּויער!.. זייער פיין, כ׳לעבן! יידן דאַרפן זיין וואָס מער אויף דער ערד און פאַרנעמען זיך מיט פאַרמעריי... מיר האָבן שוין צופיל הענדלער און פלעקל־שיסער! אַגב, האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, אַז אַרום פינף מייליקן קריק וועסטו ניט זיין דער איינציקער. אין יענעם געגנט זיינען פאַראַן נאָך צוויי יידן, מיסטער ליוויי און מר. וואלער. פיינע מענטשן!

— נאָך יידישע פאַרמערס, זאָגט איר?! — איז גרשון צופרידן געווען, וואָס יענער האָט אָנגעהויבן ריידן פון פאַרמעריי, — פאַרוואָס האָט דאָס מיר פרענק דער רענטשער ניט געזאָגט? עס קאָן זיין, אַז טאָם, דער נעגער, וואָס אַרבעט ביי מיר, ווייסט ניט דערפון. אָבער פרענק, ציִ אַפילו עפּלבוים, דער שניידער פון גרעיג סיטי, האָט דאָך דאָס מיר געקאָנט דערציילן?

פינקלשטיין האָט אַרויסגענומען אַ גילדערנע פּאַרטציגאַרניצע פון קעשענע, זי געעפנט, פאַרגעלייגט גרשונען אַ ציגאַרעט, און ווען יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, פאַרזיכערנדיק, אַז ער רויכערט ניט, האָט

פינקלשטיין אַרויסגעצויגן אַ ציגאַרעט, פאַמעלעך אים אָפּגעקלאַפּט אויפן פּאַרטציגאַר־דעקל, וואָס האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַ קנאַק, און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע:

— דער שניידער דיינער איז אַ גרינהאָרן אין דעם געגנט און ווייסט מסתמא ניט. און פרענק? אָ, האָ! דאָס איז שוין איינמאָל אַ פויגל! עס זאָלן אים נאָר די פליגלען אָפּדאָרן! ס׳וועט זיין אַ סך געזינטער, אַז דו וועסט אים ניט קענען...

דער קלוירק איז אַריינגעקומען, געוואָלט צוגיין צום בעל־הבית, אים עפּעס זאָגן, און ניט געוואָגט אין דער אָנוועזנקייט פונם פרעמדן. פינקלשטיין האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען דער קלוירק איז געקומען רופן, מוז זיין עפּעס וויכטיקס, האָט ער אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער פון זשיליעטקע, אַ קוק געטאָן אויפן ציפערבלעטל און פאַרקנעפּלט דאָס רעקל.

— נו, גרשון, עס ווערט שפּעט. איך בין פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ! איז זאָג מיר, וואָס ווילסטו קויפן. און אויב דו האָסט ניט דאָס גאַנצע געלט, מאַכט ניט אויס. וועסט אָפּצאָלן... האָסט דאָך געוויס אַ פאַמיליע אויך? נו, איז שעם זיך ניט, זאָג וואָס דו דאַרפסט... מיר זיינען דאָך עפּעס לאַנדסלייט...

פון פינקלשטיינס גוטע רייד איז גרשון רויט געוואָרן. אין אים האָט אויפגעוואַכט זיין טאַטנס שטאָלץ.

— דאַרפן, דאַרף איך געהילץ אויף אַ שטיבל, אויף אַ באַרן. דראָט און פּאָסטס אויף אַ צאַם. איך ווייס, אַז מיט מיינע צוויי הונדערטער וועל איך דאָס ניט קאָנען דערוויַזן, נאָר טובות און נדבות האָב איך פיינט!

— אדרבא, — איז פינקלשטיינען געפעלן געוואָרן גרשונס שטאָל־צער טאָן, — צוויי הונדערט דאָלער איז אַ גרויסע סומע!.. און קיין טובות טו איך קיינעם ניט. איך בין אַ „ביזנעסמען״. און האָב ליב צו טאָן געשעפטן. כ׳האָב פיינט, אַז וואָרע ליגט. ביי מיר איז אַ רענדל־אַרויף, אַ רענדל־אַראָפּ, און עס מוז גיין! איז צוליב וואָס זאָלסטו קויפן ביי אַ פרעמדן? גיי אַריין אין מיין לאָמבער־יאַרד און נעם וואָס דו דאַרפסט. מיטן פרייז וועלן מיר דורכקומען... נו, פאָר אַהיים, הויב אָן בויען, און גאָט זאָל דיר מצליח־זיין!

איינגעזען, אַז פינקלשטיין איז גערעכט — ס׳איז ניט קיין טובה און ניט קיין נדבה, חלילה. ניט מער, ער גיט אים פאַרן „אייגענעם געלט״, — איז גרשון אַוועק אויפן געהילץ־הויף, איבערגעגעבן דעם אויפזעער

דאָס צעטעלע, וואָס פינקלשטיין האָט מיטגעשיקט, און אָנגעהויבן אָפּ־קלייבן בערוועגעס, אַ פּאַרטיקע טיר, פענצטער מיט שוין־אַריינגעשטעלטע שויבן, שטעכיקן דראָט און פּאָוסטנס. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צו פינקלשטיינען אין געשעפט, גענומען צוויי קאַלדרעס — פאַר זיך און טאַמען, דריי גראָבע קאַלדרעס אויף צודעקן די פערד, איינגעהאַנדלט פּראָוויאַנט, מיט נאָך אייניקע זאַכן, וואָס ער האָט באַדאַרפט, און אַוועק־געפאָרן צו זיך אויפן סטעפּ.

צוריקגעקומען איז ער אין אָוונט. פון די סוסים האָט אַ פּאַרע געשלאָגן. גרשון האָט זיי אויף גיך אויסגעשפּאַנט, אַריינגעפירט אין דער ערדענער שטאַל און צוגעדעקט מיט די נייע קאַלדרעס. אין דער צוזאַמענגעקלאַפּטער קאַרעטע — אָנגעשאָטן האָבער און זיך געווענדט צום אַלטן:

— גוט, וואָס דו האָסט מיך געשיקט קיין דיקען. איך האָב דאָרטן געטראָפן מיינעם אַ לאַנדסמאַן, מיסטער פינקלשטיין! קענסט אים? ער האָט אַ גרויס געשעפט אין שטאָט, אויך אַ לאָמבער־יאַרד פאַר־מאָגט ער... יאָ. איך האָב געקויפט אַ קישן מיט אַ קאַלדרע פון דיינעט־וועגן און אַ נייע ליולקע מיט אַ פאַר פעקלעך טאַבאַק האָב איך דיר געבראַכט. אָבער, זאָג מיר: האָסט אָפּגעקאָכט עפּעס עסן? איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף!

ביים אַלטן אויפן פּנים האָט זיך אַ קינדישע פרייד צעשפּילט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס אַפריער צו טאָן — אַראָפּטאַסקען דאָס קישן מיט דער קאַלדרע פונעם וואָגן, נעמען די ליולקע מיטן טאַבאַק, אָדער לויפן צום פייער און ברענגען דאָס עסן, וואָס ער האָט צוגעגרייט? נאָר די ליולקע, אַ שוואַרצע און אַ גלאַנציקע, האָט אים אַ צי־געגעבן, ווי אַ צור־קערקע — אַ קינד. האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן, גענומען די ליולקע אין די הענט, מיט זיינע צעבראַקניעטע פינגער געגלעט דעם פּאַליטור, און אין זיינע אויגן האָבן זיך פריידיקע טרערן געשטעלט:

— ביסט אַ ליבער מענטש. גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין גוטסקייט.

מיטן אַרבל פון זיין אָפּגעבליאַקעוועטן רעקל האָט ער אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן, און אַוועק צום פייער, פון דאָרט געבראַכט אַ טאָפּ האַרט־אָפּגעקאָכטע אייער, אָפּגעפּאַרעטע מילך, אַ פענדל קאַווע, און מיט פאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט געבעטן זיך ביי גרשונען:

— גיי עסן, באָס־דזשאָו! און דערצייל — וואָס האָסטו דאָרטן אויפגעטאָן? האָסט כאָטש איינגעקויפט געהילץ?

גרשון האָט געקנאַקט אַן איי נאָך אַן איי, זיי אָפּגעשיילט און גע־שלונגען איינע נאָך דער אַנדערער:

— ניט קיין ביסל נאָר טאַקע אַ סך! אמתע בערוועגעס, גלייכע, אָן סוקעס! אויך ברעטער, אַ פּאַרטיקע טיר, פענצטער, און פינף ראָלס דראָט מיט „פּאָוסטנס" האָב איך איינגעהאַנדלט. אָבער, מען וועט דאָס דאַרפן אַליין ברענגען פון דאָרטן, ווייל געקויפט האָב איך דאָס אויף קאָסט־פּרייז... פּאָרט אַ לאַנדסמאַן! כמעט פונם זעלבן דאָרף, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. אַ גוטער מענטש, דער מיסטער פינקל־שטיין...

— דאָס איז גוט, — האָט טאָם געלויבט דעם בעל־הבית פאַר זיין בריהשקייט, — דו קויפסט דאָך איין זאַכן, ווי אַן אמתער פאַרמער! ס'איז אַ גוטער סימן... נו, עס ווערט שוין שפּעט, מען דאַרף צע־טרעטן דאָס פייער און גיין שלאָפן.

די נאַכט איז קיין גרויסהאַלטערקע ניט געווען, לאַנג ניט געלאָזט בעטן זיך, אויף גיך אַנגעהויבן אויסשפּרייטן אירע שוואַרצע פליגלען און איינגעהילט דעם סטעפּ אין נאַכטיקער חשכות. דער הימל איז פאַרזייט געוואָרן מיט גרויסע בלענדנדיקע שטערן, וואָס האָבן געפינטלט איינער צום אַנדערן און פון יעדן פינטל האָט זיך אַ ברילאַנטן פייערל אַ צונד־געגעבן, באַלד אויסגעלאָשן זיך און ווידער אויפגעבליצט.

אַ היפּשע ווײַלע זיינען נאָך ביידע מענער געזעסן שווייגנדיקע און איינגעהערט זיך צום געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די גראָזן, פון די בערג און טאָלן. דערנאָך האָבן זיי מיט די פיס איינגעטראָטן דאָס פייער, אַריין אין הייל, אויפגעקלאָפּט דעם הייאיקן געלעגער און אָוועק־געלייגט זיך מיט די פּנימער אַרויף. דאָ איז געווען פינצטער, ווי אין אַ בלינדן קעלער. די „וועגנס", דער „סופּיט", אַפילו די לעבעדיקע באַשע־פעניש, זיינען פון די אויגן אָפּגעשוואומען אין דער ווייטער נאַכט אַריין. בלויז דאָס כראָמטשען פון די פערד האָט צו וויסן געגעבן, אַז די מענטשן זיינען דאָ ניט אַליין...

גרשון האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. די אויגן, ווי אויסגעוואַשענע, האָבן געקוקט אין חלל און געזען, ווי טאָמס ליולקע האָט פון צייט צו צייט אַ גליענדיקן קוק געטאָן מיטן זשאַרעדיקן אויג און באַוויזן טאָמס שפּיץ־נאָז, וואָס איז, פונעם זשאַר, געהאַנגען אין דער לופטן ווי אַ שטיקעלע קופּער.

— הערסט, טאָם? מיין לאַנדסמאַן האָט מיר דערציילט, אַז ניט ווייט פון דאַנען זיינען פאַראַן נאָך יידישע האָומסטעדערס. ווארום

האָסטו דאָס מיר ניט געזאָגט ? ווייסט דאָך, אַז מיט אייגענע איז דאָס לעבן פריילעכער, אַנגענעמער און געזיכערטער. אייגנס איז ניט קיין פרעמדס ... איך רעכן, אַז דו דאַרפסט דאָס פילן נאָך שטאַרקער ווי איך. ווייל באַמערקט האָב איך, אַז קיין טונקל־הויטיקע זיינען אין דעם געגנט כמעט ניטאָ, און דיר מוז זיך געוויס בענקען נאָך דיינעם אַ מענטשן...

טאָם האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אַ ווייטן שפּיי געגעבן :

— זייער ריכטיק האָסטו געזאָגט. געוויס בענקט זיך. איך בראָדיע דאָ אַרום, ווי אויף אַ פרעמדן מאַרק. אַלע זיינען, דוכט זיך, באַקאַנטע. דאָך גיי איך אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער צווישן זיי. ניטאָ מיט וועמען אַן אמתן וואָרט אויסריידן ... איך האָב דיר ניט געזאָגט וועגן דייניקע, ווייל ביי מיר זיינען אַלע מענטשן גלייך. כיווייס ניט ווער עס זיינען דיינע און ווער — ניט. איך ווייס נאָר : פאַראַן צווישן זיי גוטע און שלעכטע. אונטערן הויט זיינע זיי אַלע גלייך. אָט נעם, אַ שטייגער, דעם פ ר ע נ ק ן, איז ער אַ סאַנאָוואָ — — — און אַנקוויסט, דער נאָרוועגיער, איז אַ ליבער מענטש, און דאָך זיינען זיי ביידע קריסטן... היינט דערגיי אַ טאָלק — ווער איז ווער ?

טאָם איז אַנטשוויגן געוואָרן און געשושבט זיך : זאָגן דאָס, אָדער ניט ? צום סוף האָט ער דערפילט, אַז ער מוז אַראָפּריידן זיך פונעם האַרצן, און ווידער אַנגעהויבן :

— דו זאָגסט, אַז דיין לאַנדסמאַן איז אַ גוטער מענטש. מעגלעך. פּערזענלעך קען איך אים ניט. דאַרפסט וויסן, אַז אין דעם געגנט איז אַ נעגער נאָך ערגער ווי אַ הונט. צו אַ רייכן דערלאָזט מען אים ניט... אָבער געהערט האָב איך דערציילן, אַז ער רייסט די הויט פון אָרעמע האָומסטעדערס. אויף אַלעמען האָט ער אַ מאָרטגיידזש. ניט איינער האָט צוליב אים געמוזט פאַרלאָזן זיין שטיקל לאַנד, כאָטש דער אומ־גליקלעכער האָט אָפּגעפּינצטערט אַ סך יאָרן אויפן שטיקל ערד, וואָס ער האָט גערעכנט, אַז ס'איז זיינס און קיינער וועט דאָס ביי אים ניט צונעמען... אַפילו פרענק, דער רענטשער, ליגט ביי אים איבערן גאַרטל אין מאָרטגיידזשעס...

ערשט איצט האָט גרשון פאַרשטאַנען וואָרום פרענק איז אַזאַ שונא ישראל. „פּראַצענטניקעס" — רופט ער זיי. פונעם כלל, אַז „אַ מענטש כעסט זיך — טוט אים עפּעס וויי" האָט גרשון געוואוסט, און געענטפערט דעם אַלטן :

— אויך איך ווייס ניט פון קיין אונטערשייד צווישן מענטש און

מענטש און פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איינער האַסט דעם אַנדערן? מענטשן טראַכטן אויס פאַרשיידענע געווער ווי אַמבעסטן צו פאַרניכטן דאָס לעבן. ס׳איז אַ משוגענע וועלט! די צרה איז, וואָס איינער וויל זיין רייכער, קליגער פאַרן אַנדערן, און זיי פאַרגעסן, אַז ווען מען שטאַרבט, לייגט מען אַלעמען אַריין אין דער ערד!.. איך פאַרשטיי ניט דעם סדר פון דער וועלט. איך ווייס בלויז, אַז זי ווערט געפירט אָן יושר און דעם אָרעמען איז נעבעך ניט גוט...

פון דעם אָרט, וואו טאַם איז געלעגן, האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע זיפצן, וואָס זיינען באַגלייט געוואָרן מיט אַ קרעכץ:

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? איך בין אַן אַלטער נעגער. מיינע טעג זיינען געציילטע. און צופיל פאַרשטיי איך ניט. דאָך געדענקט זיך מיר אַ מעשה: גאָר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק איז דאָס געווען, ווען איך מיטן ווייב און קינדער האָבן געוואוינט אין דער טיפער וועסט, איז ביי אונדז געווען אַן אָרעמער פּריטשער, וואָס האָט אויך גערעדט אַזוי ווי דו... אָבער פון זיינע רייד איז קיינער קליגער און בעסער ניט געוואָרן. פאַרקערט. עס זיינען אויפגעקומען רייכע נעגערס און געדריקט דעם אָרעמען, פּונקט ווי די ווייסע טוען דאָס. דער פּריטשער איז מיט דער צייט רייך געוואָרן און געטאָן דאָס, וואָס אַלע רייכע טוען... מען זאָגט „דאָס לעבן לערנט". מיך האָט דאָס גאָרניט אויסגעלערנט. אָט, זעסט דאָך? אויף דער עלטער בין איך געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ ווייב און אָן קינדער. כ׳בין, ווי אַ הונט, וואָס אַ פאָרמער פאַרטרייבט און האָט ניט וואו אַהינצוטאָן זיך. פאַרפאַלן, ברודערקע...

טאָם האָט גערעדט מיט אַזאַ צעווייטיקט קול, אַז גרשונען האָט זיך אויסגעוויזן — דאָס רעדט ניט טאָם, דער נעגער, נאָר זיין טאַטע, העניך האָראַדיעצער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַהער אין שטאָל און דערציילט, ווי שווער דאָס לעבן איז אים געווען.

— דו הערסט, טאָם? — האָט אים גרשון איבערגעשלאָגן די רייד, — איך האָב געהאַט אַ טאַטן, אַ ייד אַ צדיק. אויף רייכע האָט ער געקוקט מיט ביטול און אָרעמע — דאָס לעצטע אָפּגעגעבן. געלעבט האָט ער פון אַן אייגן שטיקל פעלד, קיינמאָל קיין „האַנט" ניט געדונגען. „אַן עבירה", האָט ער דאָס גערופן, און אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט און — אויס! הייינט, צוליב וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן מיטן הו־האַ, מיטן יאָגן זיך?

— ווי אַלט ביסטו, באָס־דזשאָו?

— פיר־און־דרייסיק!

— אַ־האַ! נישקשה פון אַ זקן! — האָט טאָם אַ לאַך געטאָן. — אָבער אַ מענטש פון פיר־און־דרייסיק יאָר טאָר אַזוי ניט ריידן וועגן לעבן. אַ פאַרמער דאַרף בעסער טראַכטן פון זיינע בהמות מיט די פערד, פונם פעלד און פון אַ גוטן קראָפּ. מיט אַזעלכע געדאַנקען, ווי דיינע, קאָן מען ווייט ניט דערגיין. עס טויג ניט. עפּעס רעדסטו היינט אַזעלכע מאָדנע רייד? וואָס איז מיט דיר דער מער? הער אויף ריידן, און שלאָף איין.

— איך קאָן ניט שלאָפן, טאָם, די אויגן־דעקלעך קלעפּן זיך ניט. אין ניו־יאָרק האָט זיך מיר עפּעס ניט גערעדט און דאָ ווילט זיך ריידן. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס. איז שטער ניט. יאָ, ווען מען האָט מיין טאַטן, עליו־השלום, מקבר געווען, האָב איך געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען, אַז אַזאַ ווי ער איז געווען — וועט שוין מער קיינמאָל ניט זיין. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אַז איך האָב חתונה געהאַט, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל, וואָס קוקט אויס פּונקט ווי מיין טאַטע. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין פאַרפאַלענע זאַכן אויף דער וועלט... אַלץ קומט צוריק, כאַטש, אַ סך מאָל, אין אַן אַנדער פאָרמע... נעם, למשל, אַן עפּל־בוים. ווען די עפּל ווערן פאַרטיק און פאַלן אַליין אַראָפּ, איז ווען מען נעמט זיי ניט צו, וואַקסן דערנאָך אויס שענערע און געשמאַקערע עפּל. וואָס דאַרפסטו מער? מיינער אַ באַקאַנטער פאַרמער האָט איינמאָל פאַרזייט דאָס גאַנצע פעלד מיט קאַווענעס. ס׳איז געווען זייער אַ רייכער קראָפּ. אָבער די פּרייזן אין מאַרקעט זיינען געווען אַזעלכע נידעריקע, אַז עס האָט זיך ניט געלוינט זיי אַראָפּצונעמען. האָט ער די קאַווענעס געלאָזט אויפן פעלד. דורכן ווינטער זיינען זיי צעפּוכניעט געוואָרן. דער פאַרמער האָט דאָס פאַראַקערט און אויפן קומענדיקן יאָר פאַרזייט ציבעלעס. זיינען טאַקע אויסגעוואַקסן אַזעלכע גרויסע ציבעלעס, אַז מיט ביידע הענט האָט מען ניט געקאָנט אַרומנעמען אַ קאָפּ פון אַ ציבעלע... און פון יעדן בייט זיינען אַרויסגעקומען צענדליקער קאַווענעס, נאָך גרעסערע און געשמאַקערע ווי די פאַראַיאָריקע!...

דער אַלטער האָט שוין מער ניט געקאָנט הערן גרשונס מעשיות. ער האָט זיך אויפגעזעצט און מ׳יט ציטער אין קול געבעטן זיך ביי אים, ווי אַ גוטער טאַטע ביי אַ צעפּיעשטשעט קינד:

— האָב רחמנות, באָס, הער אויף צו ריידן! איך בין אַן אַלטער מאַן. מיינע נערוון זיינען צעשפּליטערטע... איך וויל שלאָפן, און פון דיינע מאָדנע רייד האָב איך מורא איינצודרעמלען...

גרשון האָט געלאַכט, מיט אַ פרישן, געזונטן געלעכטער:

— האָב ניט קיין מורא. דאָס זיינען בלויז אַזעלכע געדאַנקען וועגן לעבן און טויט. די זאָרג פון מפרנס זיין דאָס ווייב מיט די קינדער איז וויכטיקער פון אַלע טראַכטענישן. יאָ. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דער מעשה מיט דיין פריטשער. האָסט מסתמא געוואָלט זאָגן, אַז ווען איך וועל ווערן רייך, וועל איך אויך אונטערדריקן די אָרעמע, אַ? מאַכסט אַ טעות! איך וויל בלויז „מאַכן אַ לעבן", האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ און ניט מורא האָבן פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג... מעגלעך, אַז דאָס וועט זיך מיר איינגעבן, ווייל אַמעריקע איז ניט רוס־לאַנד, ס׳איז אַ פרייע מדינה און פון דער ערד וועט מען מיך ניט אַראָפּטרייבן...

פון די לעצטע רייד האָט זיך טאָם צעטשוכעט, מונטערער געוואָרן, אַ הוסט געטאָן, איבערגעקערט זיך מיטן פּנים צו זיין בעל־הבית און, ווי אַ געניטער אין פאַרמעריי, געענטפערט:

— ביסט נאָך אַ גרינהאָרן און ווייסט ניט, וואָס אַ האָומסטעדער האָט אויסצושטיין. ס׳איז אמת, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין געזעץ, אַז אַ ייד, צי אַ נעגער, טאָר קיין ערד ניט באַזיצן. דערפאַר, אָבער, זיינען פאַראַן געגנוג באַנקירן, קאָמפּאַניעס, מאָרטגיידזשירער און גלאַט אַזוי פּיאַווקעס, וואָס טרייבן דיך אַראָפּ פון דער ערד. האָסט דאָך געזען, וואָס מען האָט געטאָן מיט דזשענקינען? דאָס זעלבע געשעט צו אַ סך אַנדערע... און צי דו וועסט ווערן אַ רייכער? ווער ווייסט. קיין קאָרטן־וואָרפער בין איך ניט. אין מיינע טעג האָב איך געזען אַ סך יונגעלייט, וואָס האָבן גערעדט אַזוי ווי דו און, ווען זיי האָבן זיך אַרויפ־געאַרבעט, זיינען זיי געוואָרן נאָך גרעסערע חזירים, ווי די אמתע רייכע לייט...

גרשון האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן, געוואָלט זאָגן, אַז פאַר אים איז דאָס קיין נייעס ניט, ער ווייסט שוין פון לאַנג, וואָס די אָרעמע פאַר־מערס ליידן זיך אָן. נאָר דער מוח זיינער האָט ווי אויפגעהערט אויפ־צונעמען נייע געדאַנקען. דאָס פרישע קישן, אַ ווייכע און אַ וואַרעמע, האָט געמאַניעט, געצויגן צו זיך און איינגעטוליעט זיין קאָפּ ווי אין אַ פרויעשער פוכקער ברוסט. און טאָמס רייד זיינען אומזיסט און אומנישט פאַרפאַלן געוואָרן צווישן דעם אָפּקלאַנג פון די פערד, וואָס האָבן גע־כראָמטשעט דעם האָבער אויף אַלע ציינער.

אַ שווערע נאַכט האָט ער געהאַט. ביילקע איז פון זיין געלעגער ניט אָפּגעטראָטן. אין אַ נאַכט־העמד, מיט אַ טיף־אויסגעשניטענער האַלדז און

נאַקעטע פולע אָרעמס איז זי געלעגן לעבן אים און מיט אַ הייסן אָטעם אַריינגעבריט אים אין אויער: „דו ביסט היינט אַזאַ וואַרעמער, און מיר איז קאַלט.״ דערנאָך איז מערעלע אַריין צו אים אין בעט, געשפּילט זיך מיט זיין שוואַרצער פּאַטליע און געלאַכט. אויך אייבעלע איז אַהער אַריין און געפרעגט: „פּאַ, האָסט געבראַכט אַ ,גאַן׳ ...״ נאָר אָט זיינען די קינדער ניט געוואָרן. — אויס! ניטאָ ביילקע, ניטאָ די קינדער, אַרום — אַ ווייטע און שוואַרצע פּוסטקייט ...

דער האָן האָט אויסגעקרייעט איין מאָל, אַ צווייטן און אַ דריטן. גרשון איז אויפגעשטאַנען פונעם גראָזיקן געלעגער. אין „שטאַל״ איז נאָך געלעגן די נאַכט. ער האָט אָנגעטאָן די שיך, אַרויפגעצויגן דעם רעקל און אַרויס פון הייל. עס האָט ערשט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

געזשאַלעוועט אויפוועקן דעם אַלטן, האָט ער אויפן פּייער־פּלאַץ אָנגעלייגט טרוקענע שטרוי, שפּענדלעך, שטיקלעך האָלץ, אָנגעצונדן און צוגעגרייט אָנבייסן.

— טאַם, שטיי אויף. גרויסער טאָג אויף דער וועלט. פרישטיק איז שוין פאַרטיק!

פרינץ איז צוגעקומען און מיט אַ זייט־פּעל געטוליעט זיך צו גרשונס פּלודערן. באַלד איז אויך טאַם צוגעגאַנגען צום פייער און מיט די פינגער געריבן זיינע פאַרשלאָפענע אויגן:

— די בעיקאָן שמעקט אַזוי גוט, אַז אין שלאָף נאָך האָב איך דאָס געגעסן ... אַ שאָד, וואָס איך האָב זיך היינט פאַרשלאָפן. ס׳איז דיין שולד. ביינאַכט האָסטו צו לאַנג גערעדט ... איך האָב געוואָלט אויפשטיין פרי, צוגרייטן פרישטיק פון דיינעטוועגן. אַזוי קומט אויס ווי דו וואָלסט געווען דער אַרבעטער און איך — דער בעל־הבית ...

— וואָס מיינסטו? — האָט גרשון געלאַכט. — ס׳איז אַ גלייכער געדאַנק! וואו שטייט געשריבן, אַז איך מוז דאָס זיין דער בעל־הבית? די ערד איז נאָך ניט מיינע, געהערט נאָך צו דער רעגירונג. ערשט אין פינף יאָר אַרום, אויב איך וועל זי גוט באַאַרבעטן און ניט אַוועקגיין פון דאַנען — וועט זי ווערן מיינע. איז קאָנען מיר דאָך זיין שותפים! און קיין קאָנטראַקטן דאַרף מען ניט שרייבן. עס וועט זיין האַלב — דיינע און האַלב — מיינע ...

— עס איז ניט שיין אָפּצולאַכן פון אַן אַלטן נעגער, באָס־דזשאָו. מען טאָר דאָס ניט!

— וואָס פאַלט דיר איין, אַז איך לאַך גאָר? איך מיין דאָס גאַנץ

ערנסט, — האָט גרשון דערווייל אַריינגעגאָסן קאַווע אין זיין טאָסע און אַוועקגעזעצט זיך עסן.

אָפּגעפּאָרטיקט זיך מיטן פרישטיק, האָט גרשון איינגעשפּאַנט די פערד און איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין אין גרויס פאַרלעגנהייט: דער אַלטער וועט מוזן מיטפאָרן. אַליין וועט ער דאָך דאָס געהילץ אויפן וואָגן ניט קאָנען אַרויפנעמען. איז ווער וועט אַכטונג געבן אויף די בהמות מיט דער קליאַטשע? מילא, די הינער קאָן מען אַריינטרייבן אין שטייג. אַפילו די בהמות קאָן ער, דוכט זיך, שוין אַרויסלאָזן אויף דער פריי. זיי וועלן ווייט ניט אַוועק. דאָס וואַסער אין קריק וועט זיי האַלטן פון דער נאָענט, אָבער מיט דער קליאַטשע איז צרות. זי וועט געוויס אַנטלויפן אין די טאָלן, צו די טאַבונעס ווילדע פערד.

— טאָם, גיב אָן עצה, וואָס טוט מען מיט דער קליאַטשע? איבער־לאָזן זי צוזאַמען מיט די בהמות אין דאָג־אַוט, וועט זי ווערן ווילד און צעבריקען זיי. אין בעסטן פאַל וועלן די בהמות דורכלעכערן איר בויך.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ קלוגער און דערפאַרענער האָומסטעדער! — האָט דער אַלטער אָפּגעלאַכט פון גרשונען. — שלעפּן אַ פולן וואָגן בערווענעס אַ וואָסערע צוויי־און־צוואַנציק מייל איז ניט קיין קלייניקייט. פאַר צוויי פערד איז דאָס צו שווער. איז נעם אַ פּאָר פאַסטראָמקעס און שפּאַן זי צו. די בהמות מעגסטו שוין אויסלאָזן. נאָר די הינער דאַרף מען אין שטייג אַריינטרייבן און אויפן קאָרעטע אַרויפשטעלן, ווייל דאָ זיינען פאַראַן אַ סך שלאַנגען, וואָס האָבן ליב הינער. די הינער וועסטו אַרויסלאָזן, ווען דו וועסט שוין האָבן אַ ריכטיקן טשיקן־קופּ, וואו זיי זאָלן קאָנען באַהאַלטן זיך פון אַ געפאַר...

גרשון האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן: דוכט זיך אַזאַ פּשוטע זאַך און דאָך איז דאָס אים אַפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען! אַ צופרי־דענער האָט ער צוגעפּעסטיקט אַ דרענגל צו אַ זייט־וואָגן. אויףביידע עקן צוויי שטריק צוגעבונדן, צוגעשפּאַנט די קליאַטשע אין אָרטשיק און איז צוזאַמען מיט טאָמען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט.

דער געהילץ־הויף — אַ טיפער און אַ ברייטער — איז פאַרוואַליעט געוועזן מיט הויכע יאַרעסן־ברעטער, הורבעס רויט־אויסגעטריקנטע ציגל. אָן דער זייט — פאַרטיקע טירן, פענצטער מיט און אָן אַריינגעשטעלטע שויבן; לינקס, ביים אַריינפאָר— בערג קלעצער און בערווענעס. אויך שטויסן סמאָלע־פּאַפּיר אויף צום דעקן דעכער האָט דאָ ניט געפעלט.

אויף פּויערשע פּורן, און אַפילו אויף גרויסע לאַסט־וועגענער, האָט מען אָנגעלאָדן פאַרשיידענע רויע מאַטעריאַלן.

גרשון האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די קלעצער. ער און טאָם זיינען אַראָפּ פון וואָגן. דער הויף־אויפזעער האָט אים דערקענט און באַגריסט:

— האַי, מיסטער פרידמאַן! נעם דאָס, וואָס דו האָסט נעכטן אָפּ־געקליבן. קיינער האָט דאָס ניט געטשעפּעט. און טאָמער דאַרפסטו נאָך עפּעס, איז אויך אָללרייט! מיסטער פינקלשטיין האָט מיר געזאָגט, אַז דיין קרעדיט איז אָ־קעי!..

טאָם האָט אָנגעשאָטן האָבער אין די דריי טאָרבעס. אַרויסגענומען די האַלטערס ביי די פערד פון די מיילער, די טאָרבעס אָנגעטאָן זיי אויף די קעפּ און געפרעגט זיין בעל־הבית:

— קאָן מען שוין אָנהויבן לייגן דאָס געהילץ אויפן וואָגן? אויב מען דאַרף דאָס טאָן, איז דאָך ניט שייך פּטרן צייט אומזיסט!...

— יאָ! — האָט אים גרשון געענטפערט פון דערווייטנס און גע־שטעלט זיך ביי איין עק בערווענעס, טאָם — פונם אַנדערן, און זיי האָבן אָנגעהויבן אָנלאָדן זייער וואָגן. דאָס הויבן די בערווענעס איז דעם אַלטן אָנגעקומען שווער. דאָך האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט געהויבן איינע נאָך דער אַנדערער און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן אַרויפגעוואַליעט אַ בערווענע, האָט דער וואָגן אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן, אַ וויג געגעבן זיך פון איין זייט אויפן אַנדערן און זיין אויסגעהוילטקייט האָט אָנגעהויבן אויסגעפילט ווערן.

מיט דער אַרבעט איז די צייט ניט געשטאַנען. שעהן זיינען געקומען און אַוועק, און ביי טאָמען אויפן שטערן איז אויפגעגאַנגען אַ שווייס. די קני האָבן געבראָכן, די הענט — געציטערט. דערצו האָט אים אַ מורא אַרומגענומען: אַ בערווענע זאָל זיך פון די הענט ניט אַרויסגליטשן און אים צעפּלעטשען די פיס; דאָקטוירים וועלן דאָס מיט אַ שאַרף זעגעלע אַראָפּזעגן און ער וועט שטאַרבן פון ווייטיק, צי בלייבן אַ קאַליקע און גיין אויף קוליעס...

נאָר דער וואָגן איז שוין געשטאַנען אַ פולער, אָן אָנגעלאָדענער מיט אַ ווערך. גרשון האָט די בערוועגעס מיט אַ גראָבן שטריק אַרומ־געכאַפּט, זיי צוגעפעסטיקט צום וואָגן און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט אַ רויט טיכל אָפּגעווישט דאָס פּנים:

— נו, טאָם, דוכט זיך, צייט צו עסן מיטאָג! נישקשה, מיר האָבן היינט אַביסל אַריינגעאַרבעט און פאַרדינט אויף אַ דינער. וואָס זאָגסטו?

— ווי דו פאַרשטייסט, — האָט דער אַלטער פאַרבאַהאַלטן זיין צופרידנקייט, — פון עסן זאָג איך זיך קיינמאָל ניט אָפּ. עס ציט טאַקע אונטערן לעפעלע! אָבער אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן וועט קאָסטן אַ סך געלט און מיינע קעשענעס זיינען ליידיקע...

גרשון האָט זיך צעלאַכט און אַרויסגעשטעלט צוויי שורות ווייסע, געזונטע ציין:

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזאַ טשודאַק! כ'פאַרשטיי, אַז ראַקעפעלערס קאַסע טראָגסטו ניט אַרום זיך. ס'איז צו ריזיקאַליש... מען קאָן נאָך מאַכן אַ האָלד־אַפּ אויף דיר! פונדעסטוועגן דאַרפסטו זיך ניט זאָרגן. קום, איך וועל באַצאָלן.

אויף מעין סטריט האָבן זיי אויפגעזוכט אַ פּאַסיקן רעסטאָראַן, אַריין אינעווייניק און אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ רונדן טישל. גרשון האָט צוגערופן דעם קעלנער און באַשטעלט צוויי מאָלצייטן מיט צוויי שנאַפּסן. טאָם האָט געהערט ווי גרשון האָט געגעבן זיין באַשטעלונג און אָנגעשריען אויף אים:

— וואָס טוסטו? מען דאַרף ניט קיין גאַנצן דינער! איין טעלער זופּ איז גענוג! שנאַפּס דאַרף מען אַוודאי ניט! מען וועט דיר דאָ די הויט אָפּשינדן! וואַרף זיך ניט מיט קיין געלט, דו, באַנקיר מיינער!...

— זיץ און שוויג! — האָט גרשון אָנגעשריען אויף אים, — איצט ביסטו מיין גאַסט! און אַ גאַסט, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף עסן וואָס מען גיט אים און ניט פרעגן קיין נאַרישע פראַגעס... דו „פאַרשוועכסט" דאָך די מצוה פון גאַסטפריינטלעכקייט!...

צוויי גלעזלעך בראַנפן, אַ קאַשיקל ברויט, צוויי שיסלען זופּ און צולעצט צוויי טעלער מיט געבראָטענעם פלייש זיינען ווי אויסגעוואַקסן אויפן טישל. שוין לאַנג ניט געהאַט קיין געקעכץ אין די מיילער, האָבן זיך ביידע מענער צוגעכאַפּט צום עסן און מיט מורא אין די הערצער צוגעזען, ווי די טעלער ווערן אַלץ ליידיקער און ליידיקער, און כאָטש דאָס פלייש איז געווען אַביסל צו פעט און באַגאָסן מיט אַ מאָדנער ברוינער פליסיקייט, האָט עס אָבער געשמעקט באַטעמט, און ווען גרשון וואָלט זיך ניט געשעמט פאַרן אַלטן, וואָלט ער זיכער געבעטן נאָך אַ פּאָרציע.

פונדעסטוועגן זיינען זיי אַרויס גאַנץ זאַטלעכע און אַוועק אין „לאָמבער־יאַרד". די פערד האָבן שוין געהאַט אויפגעפרעסן דעם האָבער, זיינען געשטאַנען אומרואיקע, געדרייט מיט די קעפּ, געהוידעט די ליידיקע טאָרבעס און געוואָלט אַראָפּוואַרפן זיי פון די קעפּ.

און גרשון, וואָס האָט פונם ערשטן טאָג אָן זיך צוגעוואוינט צו די פערד און געקאָנט יעדן ריר זייערן, און איבערהויפּט יעדע באַוועגונג פון דער קליאַטשע, האָט איצט, לויט זייער אומרואיקייט דערקאָנט, אַז זיי זיינען דאָרשטיק. ער האָט אַראָפּגענומען די טאָרבעס פון זייערע קעפּ, און טאָם האָט געהאַלטן אין ברענגען איין עמער וואַסער נאָכן אַנדערן, ביז די פערד האָבן זיך אָנגעטרונקען.

דער וועג אַהיים האָט זיך געצויגן אַ ווייטער און אַ שווערער. די רעדער האָבן געשניטן טיפע קאָלייעס. די פערד זיינען געגאַנגען פוס־טריט, געשפּאַרט זיך אויף די כאָמוטן. אָבער וואָס ווייטער די רעדער האָבן זיך געקייקלט פאָרויס, איז דער וועג געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער:

— צופיל אָנגעלאָדן, — האָט גרשון אַ באַזאָרגטער גערעדט, — בעסער געדאָרפט קומען נאָכאַמאָל. אַ שאָד די פערד!

פון ווייטן האָט זיך אַ בערגל אָנגעהויבן דערנעענטן. גרשון האָט געוואוסט, אַז דער וועג וועט נאָך שווערער ווערן, איז ער אַראָפּ פון וואָגן און צוזאַמען מיטן אַלטן געגאַנגען צו־פוס.

— נו, טאָם, ווי געפעלט דיר דאָס עסן אין רעסטאָראַן? כאָטש איין מאָל אין וואָך האָבן מיר געדאָרפט האָבן אַ געקעכץ. האָסט געמעגט עסן מיין ווייבס אַ געבראָטנס, אירן אַ באָרשטש, צי פאַרזוכן אַ שטיקל טאָרט, וואָס זי באַקט אויף שבת. איך זאָג דיר: אין בעסטן רעסטאָראַן קאָן מען דאָס ניט קריגן! דער קיסר מעג דאָס עסן. אָבער ניט ניקאָ־לייקע! אים האָב איך אין דער ערד!...

טאָם האָט ניט פאַרשטאַנען, הלמאי גרשון שעלט אַ מענטשן, וואָס רופט זיך „ניקאָלייקע״, און ער האָט אויף אים אַ פאַרשנדיקן קוק געגעבן.

— עס קאָן זיין ס׳איז טאַקע אַזוי. ביי אַ יידישן טיש בין איך קיינמאָל ניט געזעסן און זייערע מאכלים ניט פאַרזוכט, נאָר דאָס עסן אין רעסטאָראַן איז געווען גוט! אָבער ווער איז דאָס דער „ניקאָלייקע״, וועמען דו פאַרגינסט ניט דיין ווייבס געקעכטס?

דערויף האָט גרשון צעשטשירעט די ציין און אַ געשריי געטאָן אויף די פערד, אַז זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן. פונעם פּלוצימדיקן געשריי האָט זיך טאָם דערשראָקן און געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט, באָס דזשאָו?

— גאָר ניט! שוין אַזאַ טבע ביי מיר פון דער יוגנט אָן. אין דער היים נאָך, אַז מיר פלעגט אויסקומען צו פירן אָן אָנגעלאָדענעם וואָגן

באַרג־אַרויף, פלעג איך אָפּשטעלן דאָס פערד, זיי זאָלן זיך אַביסל אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, כדי נאָכדעם קענען אַרויפציען דעם וואָגן. ווייל, וואָס איז די יאָגעניש? מ׳וועט אָנקומען מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער! פערד זיינען ניט קיין מאַשינען. מען דאַרף זיי שאַנעווען. ווי זאָגט זיך? — „אַז מען היט אָפּ, האָט מען אויף שפּעטער"...

אַ באַרואיקטער און אַ צופרידענער האָט טאַם געקוקט אויף גרשונען ווי אויף זיינס גלייכן:

— אויב דו היטסט אַזוי פערד, איז דאָס דער בעסטער באַוויז, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער האָומסטעדער... אין מיינע טעג האָב איך געזען אַזעלכענע פאַרמערס, וואָס פאַרשטייען אַפילו ניט ווי אומצוגיין אַרום פערד. מעג עס זיין מיט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן און באַרג־אַרויף, וועלן זיי די פערד ניט לאָזן אָפּרוען זיך אַביסל, נאָר שלאָגן מיט אַ בייטש, צי מיט אַ שטעקן. דער סוף איז — די אומגליקלעכע פערד קריגן אַ קורצן אָטעם, ווערן אויסגעדאַרט, די פעל — אָפּגעבאַרעט, די קלובעס הויבן אָן אַרויסשטאַרצן, עס נעמט ניט לאַנג און זיי ציען אויס די קאַפּיטעס!

גרשון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, וואָס איז געוואַקסן פאַזע־וועג און פאַרקוקט זיך אויפן הימל. אין דער לופטן האָבן אַ פּאָר פייגעלעך געצויגן אין ערגעץ, און אויך אים, דעם נייעם יידישן פויער, האָט עס אַ צי געגעבן אין דער ווייטער וועלט אַריין. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ פלי טאָן קיין ניו־יאָרק, אַ קוק געבן אויף ביילקען מיט די קינדער. אַ טיפע בענקשאַפט האָט אים פלוצים אַרומגענומען און גע־דריקט ביים האַרצן. די פייגעלעך זיינען דערווייל געפלויגן און גע־פלויגן, ביז זיי זיינען פאַרשוואונדן פון די אויגן.

— ווייסטו, טאַם? איך האַלט שטאַרק פון געלאַסנקייט. דערפאַר טאָקע האָב איך ניט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס רוישיקע ניו־יאָרק. דאָרטן גייסטו ניט, נאָר מען שטופּט דיך! האָסט געדאַרפט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן מיטאָג־צייט — קאָפּ אויף קאָפּ! ווילסטו עפּעס עסן? שטיי אין ליין ביז מען גיט דיר אַ שיסל זופּ, צי אַ טעפּעלע קאַווע, און קוים האָסטו דאָס שוין מיט מזל — הייבט זיך ערשט אָן אַ חתונה מיט אַ זיץ־פּלאַץ! דערזעסטו אַ ליידיק בענקל און ווילסט צוגיין, צו־טראָגן דאָס עסן און אָוועקזעצן זיך, ערשט אַ ברייטע דאַמע פאַרלויפט דיר דעם וועג, גיט דיך אַ שטופּ אַוועק, און דיין אַכילה איז שוין במחילה אויף דער ערד, צי אויף דיינע קליידער. מוז מען שוין עסן שטייענדיקערהייט. כאַפּסט אַ ביס, גיסט זיך אַ וואַרג, אַ שלונג, און לויפסט צוריק אין פאַר־שטיקטן שאַפּ. הייבט דער טומל אין די גאַסן? מען לויפט, דער — אַהין,

יענער — אַהער. מען טרובעט, מען פייפט, עלעווייטערס רוישן. איך זאָג דיר — מען קאָן משוגע ווערן!

אויף אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, גענומען אַ שטרויעלע אין מויל, אַ קיי געגעבן און דערפילט אַן איבלדיקע זיסקייט, האָט ער דאָס אַוועקגעוואָרפן און אַ שפּיי געטאָן:

— דאָס איז נאָך גאָרניט! האָסט געדאַרפט אַרײַנגיין אויף דער איסט־סייד! די פענצטער אין די אַפּאַרטמענט־הײַזער לויפן אײַנזײַטיק און פאַלן אויף אַ וואַנט פונקט דערנעבן. די צימערלעך גופא, קלײנינקע און שמוציקע, שמעקן מיט טוכלע און פײַכטקייט. קיין לופט צו אָטעמען איז ניטאָ. אַ פּאַרמער וואָלט דאָרטן אַפילו אַ חזיר ניט געלאָזט זײַן. און צו דערגרייכן די דאָזיקע „פּאַלאַצן" דאַרף מען קלעטערן פינף־זעקס שטאָק אינדערלופטן. אַזש די פיס הויבן אָן ווי טאָן. אין אָט די „וואוי־נונגען" זיצן דאָס אַרבעטער, יידן און קריסטן, שוואַרצע און ווייסע. יאָ. דאָס איז ניו־יאָרק! און קוק זיך איין, טאָם! אין סטעפּ איז אַזאַ רחבותדיקייט! די לופט איז פריש. דאָ איז דאָך פאַראַן אָרט פאַר מיליאָנען מענטשן...

יאָ, — האָט ער ווייטער געשפּינען זײַנע געדאַנקען, — אין די מער־סטע ניו־יאָרקער דירות וואוינען אַזעלכענע נגידים, וואָס האָבן צו מאָל ניט קיין קוואַדער אַרײַנצוּוואַרפן אינם קוואָדער־מיטער. נאָר חלומות האָבן זיי דווקא גרויסע. מען ליגט אין די קאָנורעס, און מען לייגט די גאַנצע האָפענונגען אויף די קינדער. פון די קינדער, הייסט עס, וועלן אויסוואַקסן סענאַטאָרן, קאָנגרעסלײַט, צי לכל הפחות באַנקירן!... די קינדער ווייסן גראָד פון וואָס זייערע עלטערן טראַכטן, און רופן זיי „גרינהאָרנס", אָדער „אָלד פּעשיאָן פּיפּל", וואָס פאַרשטייען גאָר נישט און קאָנען אַפילו קיין ענגליש וואָרט ניט אַרויסריידן...

טאָם איז אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען די ליולקע פון קעשענע, זי אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק; מיטן גראָבן פינגער האָט ער דעם טאַבאַק אײַנגעטאָפּטשעט אין שוואַרצן קוימנדל, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַר־רויכערט און אַרויסגעלאָזט אַ בלוי רויכל, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן צום הימל.

— צייט צו פאָרן. די פערד האָבן זיך שוין אויסגערוט.

גרשון איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך אַ ווײַלע געטראַכט וועגן ניו־יאָרק, וועגן דער ווייב מיט די קינדער און איז אויפגעשטאַנען, אַ צי־געטאָן די לייצעס, און די סוסים, דאַנקבאַרע, וואָס מען האָט זיי געלאָזט אָפּרוען זיך, האָבן אויסגעצויגן די העלדזער, אַ שפּאַר געטאָן זיך אויף די כאָמוטן

און דער וואָגן האָט זיך גערירט פון אָרט. ווידער האָבן די רעדער אָנגע־הויבן בייסן דעם זאַמדיקן וועג. אַרום און אַרום איז געלעגן אַ טויטע שטילקייט, וואָס איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ הונטס האַווקען אין אַ פאַרבייגעפאָרענער פאַרם.

אַז די לעצטע פאַרם איז געבליבן ווייט הינטערן וואָגן, האָט טאָם אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, זי אויסגעקלאַפּט אויפן נאָגל־פינגער און פון קוימנדל זיינען פאַרשוואַרצטע גרייפּעלעך טאַבאַק אַרויסגעפאַלן און אויסגעמישט זיך מיטן געלן זאַמד אויפן וועג.

— אין דיין ניו־יאָרק וואָלט איך אַפילו אַ טאָג ניט געוואָלט וואוינען! שוין אַ סך בעסער צו זיין דאָ אויף דער פּריירי. איך קאָן ניט באַנעמען, פאַרוואָס האָבן זיך אַזוי פיל מענטשן צוזאַמענגעשטיקט אין איין ווינקל? איצט פאַרשטיי איך הלמאַי אַ סך שטאָט־מענטשן האָבן זיך לעצטנס אַ וואָרף געטאָן צו ווערן פאַרמערס! יאָ. איך האָב גע־הערט, אַז דאָרטן זיינען פאַראַן אַ סך נעגערס, וואָס האָבן אַפילו אייגענע קאָנגרעגיישאָנס. איז אפשר ווייסטו, ווי לעבן זיי אין יענעם העק?

דאָס בערגל האָט זיך שוין לאַנג אַוועקגעגנבעט פון די אויגן און איז געבליבן שטעקן אינמיטן וועג. וואָס ווייטער אַראָפּ־באַרג איז דער וואָגן געגאַנגען גרינגער, כמעט ווי פון זיך אַליין. די פערד האָבן געשמיסן מיט די עקן אין אַלע זייטן, און פון ווייטן האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסזען פרענקס פליגל־פאַכער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דריי שטאָלענע פיס און געפינקלט אין דער אונטערגייענדיקער זון. מיט איטלעכן טראָט פאַרויס איז די רענטש נאָענטער, אָנזעעוודיקער און גרע־סער געוואָרן.

די זון איז אַראָפּ און אָנגעצונדן די הימל־ראַנדן. די קאָלירן אויפן האָריזאָנט האָבן געהאַלטן אין איין מיניען זיך: פון גאָלדיק־גרין איז עס איבערגעגאַנגען אויף רויט־פיאָלעט, דערנאָך — אויף געל מיט אַ געמיש פון בלוי און, צולעצט — אַריינגעפאַלן אין אַן אַשיק־גרויער פאַרב. פון הינטערן העכסטן באַרג האָט זיך באַוויזן אַ געלבלעכע פּענעץ־לבנה און באַגלייט דעם אַוועקגייענדיקן טאָג מיט אַ שטאָליקער קאַלטקייט.

ניט ווייט פון גרשונס שטיקל ערד איז אָנגעלאָפן פרינץ און היל־כיק געהאַווקעט, פריידיק געשפּרונגען די פערד אין די פּנימער, ווי אויף צו קושן זיך מיט זיי. אויך גרשונען מיט טאַמען האָט ער ניט אויס־געלאָזט. געלאָפן פאָרויס און צוריק. ווידער געשפּרונגען די מענטשן און די פערד אין די פּנימער, געבילט, און צום סוף אַוועקגעלאָפן צום

הייל, ווי ער וואָלט וועלן אָנזאָגן די בהמות און די הינער, אַז דער בעל־הבית קומט.

ווען גרשון מיט טאַמען זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין דער אָוונט געלעגן אויף דער ערד און גרשון האָט באַמערקט: די בהמות זיינען אַליין אין הייל אַריין און געפרעסן די אויסגעטריקנטע גראָז פונעם „געלעגער". די מענער האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד, אַריינגעקומען אין הייל, און מידע אָוועקגעלייגט זיך אָפּרוען.

די נאַכט איז ווי אויף פליגל דורכגעפלויגן. דוכט זיך: ערשט איז גרשון איינגעשלאָפן, קוים אַריינגעלעבט זיך אינם חלום, וואָס האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געהויבן אין די הימלען און אַראָפּגעוואָרפן אין טיפע אָפּגרונטן, געפירט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און צוריק אויף דער פּריירי און — שוין ווידער טאָג!

גרשון האָט די אויגן געעפנט און אַ געגעץ געטאָן. אין שטאַל איז נאָך געווען פינצטערלעך. גרשון האָט אויפגעוועקט דעם אַלטן און צוזאַמען מיט אים אַוועקגעפירט די פערד צום קריק אָנטרינקען. שפּעטער אַביסל האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן דאָס געהילץ פון וואָגן, דערנאָך איינגעשפּאַנט די סוסים און אַוועקגעפאָרן אין שטעטל אַריבערברענגען דאָס איבערגעבליבענע געהילץ. אַזוי האָט זיך דאָס געפירט טאָג נאָך טאָג, ביז אַלץ, וואָס ער האָט אין שטאָט איינגעהאַנדלט, האָט זיך געפונען ביי אים אויף דער ערד.

פּאַרטיק געוואָרן מיט ברענגען די בערוועַנעס, האָבן זיי זיך אַ נעם־געטאָן צו די גראָב־אייזנס, אָפּגערייניקט אַ היפּש־שטיק ערד פון די גראָזן, אויסגעמאָסטן עס אין דער לענג און אין דער ברייט, עס זאָל זיין גענוג צו שטעלן אַ שטיבל, אין פיר ווינקלען אַריינגעקלאַפּט פלעקלעך, זיי מיט שפּאַגאַט אַרומגענומען און שטייף אָנגעצויגן. דער שפּאַגאַט האָט קעסטלדיק אָפּגעטיילט דעם גראָזיקן טעפּיך פון דער אָפּגעדעקטער ערד און אָנגעצייכנט דעם אָרט, וואו דאָס שטיבל וועט שטיין.

אונטער די קוואַדראַטנע ליניעס האָבן די „בויער" אין יעדער זייט צו דריי און צו פיר גריבער אויסגעגראָבן, אַהין שטאַנדאַרעס אַריינגעזעצט, די אַרומיקע אויסגעהוילטקייט מיט ערד און שטיינער פאַרשאָטן, און מיט די פּיס איינגעטאָפּטשעט, אַז די שטאַנדאַרעס זאָלן זיך האַלטן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: מעסטן, זעגן און אויספירקאַנטיקן די בערוועַנעס. איבער אַ וואָך צייט האָט דאָס געדויערט. אָבער מיט דעם אַליין איז נאָך די אַרבעט ניט פאַרטיק געווען, ווייל צום

סוף האָט זיך גרשון געכאַפּט, אַז מען דאַרף אויסשיפּען „מיילער״ אין די ברעגן פון די ברווענעס, אַז איינע זאָל זיך אַריינבייסן אין דער צווייטער.

געוויינטלעך, איז גרשון קיין טעסלער ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט ער געדענקט, ווי מען פלעגט ביי זיי אין דאָרף בויען שטיבער, און איצט האָט ער זיין „קענטעניש״ אויסגענוצט אין דער פולער מאָס. מיט טאָמס הילף האָט ער אויף די אַריינגעזעצטע שטאַנדאַרעס געלייגט אַ ברוועגע אויף אַ ברוועגע, זיי אַריינגעפּאַסט אין די אויסגעשיפּעטע מיילער און די שפּאַלטן מיט אויסגעטריקנטן מאָך פאַרשטעקט. אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ וואָך נאָך אַ וואָך — דער זעלביקער רוטין. צוערשט האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסן פּירקאַנטיקן קאַסטן, אָבער מיט יעדן נייעם טאָג, מיט יעדער אַרויפגעלייגטער ברער־ווענע האָט עס אָנגענומען די פאָרמע פון ווענט. און ווער רעדט שוין, אַז אין דריי ווענט האָבן זיך באַוויזן פיר־עקיקע לעכער אויף פענצטער און דערנאָך האָבן די ווענט אַפילו די פענצטער אַריבערגעוואַקסן? דעמאָלט האָט דאָס שוין אַוודאי און אַוודאי אויסגעזען כמעט ווי אַ שטוב, נאָר אָן אַ דאַך. אָנשטאָט דעם, זיינען אין דער הויך לאַנגע שטאַנגען געווען, סקאָסנע אָנגעשפּאַרט איינער אויפן אַנדערן און מיט זייערע שפּיצן געשניטן די סטעפּישע לופט.

ווען אַ דאַך האָט דערווייל גרשון ניט געטראַכט און פאַרלייגט באַלקעס פון איין זייט־וואַנט אויף דער אַנדערער, אויף זיי אַרויפגע־שלעפּט די ברעטער, וואָס טאָם האָט אים אַרויפדערלאַנגט, און אויס־געלייגט דערפון אַ סופיט. אמת, קיין טעותן האָבן דאָ ניט געפעלט, ווייל אינמיטן דרינען האָט זיך גרשון געכאַפּט, אַז דעם גאַנצן סופיט האָט ער ניט געטאָרט פאַרלייגן — געדאַרפט לאָזן אַן עפענונג אויף אַ קוימען. אַ שטוב מוז דאָך האָבן אַן אויוון.

— ווייסט, טאָם? איך האָב פאַרגעסן צו לאָזן אַן עפענונג, אַז דער קוימען זאָל קאָנען אַרויס אין דרויסן.

דער אַלטער האָט אַריינגעשנאָלט די האַק אינעם לייב פון אַ קלאָץ און אַ בייזלעכן קוק געטאָן אויף זיין בעל־הבית, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַלקע און אויסגעזען ווי אַן אמתער בויער:

— דאָס האָסטו דאָך געקאָנט וויסן אַפריער! אַוודאי דאַרף מען אַן אויוון! אָבער וואו וועסטו נעמען ציגל? מילא ליים איז דאָ פאַראַן איבערגענוג, בלויז אויסגראָבן און פאַרקנעטן. נאָר וועגן ציגל וועסטו מוזן ווידער פאָרן אין שטאָט!...

גרשון איז געשטאַנען און געערגערט זיך: ער בויט דאָס שטיבל

אַן אַ רעכענונג און אָן אַ פּלאַן. לכתחילה, געדאַרפט ברענגען ציגל. אין „לאַמבער־יאַרד" איז פאַראַן פיל פון דעם מין. ס'איז שוין אָבער געווען פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. מאָרגן איז שבת. זונטאָג איז דער געשעפט פאַרמאַכט. מען מוז זיך צואיילן. און ער האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

— מאָרגן אינדערפרי וועל איך פאָרן אין שטאָט קויפן ציגל. דערווייל קאָן מען ניט אָנגיין מיט דער אַרבעט...

— יעס־סער, באָס! מען קאָן ניט אָנגיין, — האָט זיך טאָם דער־פרייט, וואָס היינט וועט ער מער ניט דאַרפן אַרבעטן און באַלד חרטה געקראָגן, וואָס צוליב דעם וועט זיך פאַרציען דאָס בויען און ער וועט זיך ניט קאָנען אויסרוען אויף דער וואַרעמער זון. — אָבער צוליב וואָס זאָלן מיר פּטורן כמעט אַ האַלבן טאָג אומזיסט?... מען דאַרף דאָך שטעלן אַ שטאַל אויך. געהילץ האָסטו, טשוועקעס זיינען דאָ, איז זע איך ניט איין דעם שכל, פאַרוואָס מען קאָן זיך גלייך ניט נעמען דערצו... אויב ניט צום שטאַל, איז כאָטש פאַרדעקן אַ האַלבן דאַך...

טאָם איז גערעכט — האָט גרשון אַ טראַכט געטאָן. טאַקע אַן עבירה צייט! און די לוסט צו בויען זיין אייגענע היים האָט זיך ווידער צע־שפּילט אין אים. איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דער העכסטער רישטאָ־וואַניע, אָוועקגעזעצט זיך רייטנדיק אויף איינעם פון די סקאָסנע שטאַנגען און אָנגעהויבן לייגן אַ ברעט איבער אַ ברעט. די ברעטער האָבן זיך אויסגעלייגט קרומלעך און מיט היפּשע שפּאַלטן. אַ רעגן וואָלט געוויס דורכגעגאַנגען און פאַרנעצט דאָס שטיבל. באַמערקט די קרומקייט, האָט ער די ברעטער האַסטיק צוריק אַראָפּגעריסן און געוואָלט אויסלייגן זיי אַביסל גלייכער.

מיטאַמאָל איז צו זיינע אויערן דערגאַנגען דאָס קלאַפּן פון רעדער. ער האָט דעם קאָפּ פאַרריסן צום וועג און געזען: אַ פּויעריש פורל האָט זיך געקייקלט אַהער און אויפגעהויבן אַ ברוינעם שטויב. באַלד האָט דאָס פורל צוגערעדלט צו גרשונס „שטיבל", אַדער צו די ווענטלעך, בעסער געזאָגט, און אַ מיטלוואוקסיקער פּויער מיט אַ פאַרסמאַליעטער פּיפּקע אין מויל איז אַראָפּגעקראָכן פון וועגל און באַגריסט די צוויי „בויער":

— אַ גאָט העלף אייך! מיין נאָמען איז וואַלער. שוין לאַנג געהערט, אַז מיר האָבן אַ נייעם שכן און ס'איז אַלץ קיין צייט ניט געווען צו קומען און באַקענען זיך מיט אַ יידן! קומט אַראָפּ אויף דער ערד, וועל איך אייך געבן שלום! גענוג אייך צו קלעטערן אין די הימלען!...

„וואלער, וואלער" — האָט גרשון איבערגעחזרט דעם נאָמען, אַראָפּ־קריכנדיק אויף דער ערד, דערמאָנט זיך: פינקלשטיין האָט דאָך אים געזאָגט, אַז דאָ אַרום געפינט זיך אַ יידישער פאַרמער מיטן נאָמען „וואלער". איז ער שוין צוגעגאַנגען צו אים ווי צו אַן אַלט־באַקאַנטן און אים געגעבן די האַנט:

— אַ דאַנק, וואָס איר זייט געקומען! וואָס־זשע מאַכט איר? וואו געפינט זיך אייער רענטש, צי האומסטעד? אַנטשולדיקט, גאַר פאַרגעסן צו זאָגן אייך מיין נאָמען. מיך רופט מען: דזשאָו פרידמאַן. אַ ניו־יאָר־קער, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט!...

וואלער האָט זיך צעלאַכט און גוט־ברודעריש געדריקט גרשונס האַנט:

— וואו זאָל אַ מענטש האָבן אַ פאַרם? אין דער ווילדערניש! איינגאַנצן זעקס־און־אַ־האַלב מייל פון דאַנען. אַז מען גייט צו־פוס, צי מען פאָרט מיט פערד און וואָגן, קאָן מען זי ניט אויסמיידן. סיידן מען וויל אויסמיידן... סיליגט לעבן פליכעוואַטן באַרג. די איינציקע צרה איז, וואָס קיינער גייט ניט אַהין... פונדעסטוועגן, מעגט איר זיך אַראָפּכאַפּן צו מיר.

אין אָנהויב איז גרשונען ניט געפעלן געווען וואלערס גרינגער טאָן, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. אָבער געזאָגט האָט ער אים גאָרניט און געטראַכט — אַ ייד אַ וויצלער! מסתמא איז אים גוט אויפן האַרצן, איז זאָל אים גאָט העלפן!

— זאָגט מיר, מיסטער וואלער, איר האָט אַ פאַרם, צי אַ רענטש פון בהמות, פערד, אָדער שעפּסן?

דער שמייכל פון וואלערס פנים האָט זיך ניט אָפּגעטאָן און מיט דערזעלבער גרינגקייט אין קול האָט ער אים געענטפערט:

— איך האָב אַ פּאָר פערד, אַ פּאָר בהמות, אַביסל הינער און אַ ווייב מיט דריי ממזרים, וואָס דערגייען די יאָרן און פּיקן אַלץ אויף, וואָס דאָס ווייב שטעלט אַוועק אויפן טיש. זיי זיינען, חלילה, ניט קיין גרויסע איבערקלייבער — פלייש, איז פלייש; קאַרטאָפל, איז קאַרטאָפל; ברויט מיט מילך, אַפילו ברויט אַליין איז אויך ניט קיין אומגליק. אַלץ איז ביי זיי אַ סחורה און אַלץ גייט אַ גאַנג! דאָס איז, ווי שלום־עליכם זאָגט, איינס אַוועק. היינט ווילט איר דאָך וויסן פון וואַנען מען „מאַכט אַ לעבן"? איז די מעשה אַזאַ: פאַרנעמען, פאַרנעם איך זיך מיט ערד. ס'הייסט, זי פאַרנעמט זיך מיט מיר, ווייל, איך זיי און עס וואַקסט! מאָלט אייך, אַז מערערע מאָל וואַקסט נ י ט, איידער י אָ!

נו ? גיט מען זיך אַן עצה : מען פאַרזייט ווידער און מען וואַרט, אַז די ערד זאָל זיין אַ גוטע מאַמע און עפּעס געבן „פינאַסע״ ! אַ ברירה האָט מען ? . . .

מער האָט ער וועגן זיין פאַרם און וועגן זיין „עשירות״ ניט גע־וואָלט ריידן און, אַ קוק טוענדיק אויפן האַלב־אויפגעבויטן שטיבל און אויפן שטיקל פאַרלייגטן דעכל, האָט ער אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער :

— דער דאַך קומט אָן שווערער איידער דער פונדאַמענט, אַ ? . . . אַלע מאָל אַזוי . . . חכמים זאָגן, אַז זיין אויף דער ערד איז שווערער איידער אײַנדערלופטן . . . אַפּנים, טאַקע דערפאַר דראַפּעט מען זיך אינ־דערהויך, כאָטש ס׳איז אַ שווערע הלכה און ווינציק מענטשן דערגייען אַהין . . . מען דאַרף זיין אַן אמתער שינדלער ! . . .

איצט האָט גרשון אַנגעקוואָלן פון וואָלערס חכמות, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך פאַרשעמט פאַרן פרעמדן יידן, הלמאַי ער קאָן אַפילו קיין דאַך ניט אויסלייגן ווי עס געהער צו זיין.

— איך קאָן זיך ניט דערמאָנען ווי אַזוי מען פלעגט לייגן אַ דאַך אין דער אַלטער היים, ווייל, ווי איך זאָל ניט לייגן די ברעטער, קומען זיי אַרויס קרום און מיט גרויסע שפּאַרונעס !

— וואָס עפּעס אין דער אַלטער היים בלויז ? — האָט וואָלער נאָך אַלץ געשמייכלט, — אין קאָלומבוסעס מדינה בויט מען דען אַנדערש, ווי דאָרטן ? אַ נעכטיקער טאָג ! ניט מער — דאָס היגע בויען טויג אויף „טישטשע״ כפּרות ! . . . אַז מען דאַרף לייגן אַ דאַך, פאַרוואַרפט מען אַ צען, צוועלף קראַקוועס איינע קעגן די אַנדערע, אָט, למשל, ווי צוויי הענער, וואָס זיינען גרייט צו וואַרפן זיך שלאָגן, מען פאַרפעסטיקט זיי גוט און מען הייבט אָן לייגן, וואָס ס׳איז דאָ : ברעטער איז ברעטער, גאָנטע איז גאָנטע, בלעך איז בלעך, און אַפילו שטרוי מאַכט אויך ניט אויס . . . אַ תורה אַ גאַנצע ! נו, איך דאַרף שוין פאָרן. זייט געזונט. עס איז גוט צו האָבן אַ יידן פאַר אַ שכן. קומט צו־גיין. איר׳ט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אַ גוטן !

וואָלערס קומען און אָוועקגיין האָט אָפּגעפרישט גרשונס בענק־שאַפט : זיין צווישן יידן, הערן אַ יידיש וואָרט. און מיט באַנייטן גלויבן אין די אייגענע כוחות האָט ער אַראָפּגענומען די עטלעכע איבערגעבלי־בענע ברעטער פון די שטאַנגען, אַראָפּ פון דער רישטאָוואַניע און, כאָטש טאָמס עצה צו שטעלן די שטאָל איז אים זייער געפעלן, ווייל דאַרפן האָט ער געדאַרפט שטעלן אַ שטאָל נאָך פריער פאַרן שטיבל, האָט ער אָבער היינט שוין מער ניט געוואָלט אַרבעטן.

— טאָם, איך ווייס ניט, וואָס איז דער מער מיט מיר! עפּעס פּויל איך זיך אונטער! די הענט לייגן זיך ניט צו דער אַרבעט.

טאָם האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און געקראַצט זיך אין פּאַטיליצע:

— איך האָב געוואָלט וואָס גיכער פאַרענדיקן דאָס בויען און דער־נאָך אָפּרוען זיך אַביסל. נאָר אויב דו פּוילסט זיך אונטער — מאַכט אויך ניט אויס... עס איז נאַטירלעך, אַז אַזאַ יונגערמאַן ווי דו זאָל פון צייט צו צייט אַביסל אונטערפּוילן זיך... ביי אַלע יונגע מענטשן טרעפן זיך מסתמא אַזעלכע געפילן...

שבת אינדערפרי איז גרשון אין שטאָט געפאָרן און אין דעם אַנדערן האַלבן טאָג צוריקגעקומען מיט אַ וואָגן ציגל. טאָם איז דער־ווייל ניט געשטאַנען ליידיק. ער האָט אָנגעגראָבן, פאַרמישט און צע־קנאָטן אַזוי פיל ליים, אַז ס׳וואָלט גענוג געווען אויף שטוקאַטורעווען די ווענט אַפילו!

מעגלעך, אַז דערפאַר, וואָס גרשון האָט ביים אָנקומען קיין אַמעריקע אַ שטיקל צייט געאַרבעט אַלס אַ מוליער, איז דאָס אויסגלייכן דעם אויוון ביי אים צוגעגאַנגען אַ סך בעסער און געשיקטער ווי בויען דאָס שטיבל.

באַלד ווי ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, האָבן ביידע אָנגעטאָן זעקלעך אַרום די לענדן, און אויף וויפיל עס איז נאָך פאַרבליבן צייט ביזן אָוונט, האַרט ביים וואַנט אַ שלאָס־מעמדיקע קעסטעלע אויסגעגראָבן אין שטוב און אַהין ציגל אַריינגעלייגט. אויף זיי און צווישן זיי — ליים אָנגעשמירט, דערנאָך ווידער געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל. די ווענטלעך זיינען געוואַקסן, געוואָרן אַלץ העכער און העכער, ביז עס האָט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ האַלב־קיילעכדיקן אויוון... אמת, אַ פּאָר מאָל האָט ער צוריק גענומען גאַנצע שורות ציגל, אָבער אויפן דריטן טאָג האָט ער שוין דעם ברייטן פריפּעטשאָק געמאַכט און אָנגעהויבן „אַרויסציען״ דעם קוימען.

און ווען דער אויוון איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער און דער קוימען האָט אַ רויטער און אַ שטאָלצער, ווי אַ גרענאַדיער, געהאַלטן וואַך איבערן שטיבל, זיינען אונדזערע „מוליער״ צוריק „בויער״ געוואָרן — אַ נעם גע־טאָן זיך צו פאַרלייגן דעם דאַך. אויף די נייע קראָקוועס האָבן זיך די ברעטער אויסגעלייגט גלייכע און גלאַטע, אָן שפּאַרונעס. דערפאַר אָבער איז שווער געווען דאָס אַריינשטעלן די אושאַקעס אין די פענצטער, אַ זאַך, וואָס אויס ניט־געניטקייט, האָט גרשון ניט געוואוסט, אַז די אושאַקעס האָט מען געדאַרפט אַריינשטעלן בעתן לייגן די ברעוונעס.

איצט זיינען די לעכער אין די ווענט געווען צו שמאָלע, און די „בויער״ האָבן נעבעך געמוזט אויסשניידן העכערע און ברייטערע עפענונגען.

קוים מיט צרות בייגעקומען דאָס אַריינשטעלן די אושאקעס, דער־נאָך די פענצטער מיט דער טיר, האָבן זיי ברושאקעס אַריינגעזעצט, אויף זיי געהובליעוועטע ברעטער אָנגעשלאָגן, און דאָס שטיבל אויף דריי קליינינקע חדרימלעך צעטיילט. אין אַ וואָך אַרום האָט שוין דאָס שטיבל אַ שטיקל פּנים באַקומען. דורך די שויבן זיינען זשמעניעס זון אַריינ־געפאַלן און אָפּגעפאַרבט דעם נייעם דיל אויף גאָלד. דער אויוון, אַן אויסגעווייסטער, מיט אַ גרויסן אויסגעהוילטן בויך און אָפענעם פּיסק, האָט געקיניגט איבערן שטיבל, ווי אַ געזונטע דאָרפישע בעל־הביתטע, וואָס טראָגט אַ ברייטן ווייסן שירץ צו פאַרדעקן איר מעוברתדיקייט.

טאָם האָט דאָס שטיבל אויסגעקערט און געבראַכט פון הייל דאָס טישל, גרשון — די וואַליזעס, די קאָלדרעס און די קישנס. פון יעדן ווינקעלע האָט געשמעקט מיט סאָסנע, מיטן גערוך פון פרישן האָלץ און סמאָלע. אַפילו פרינץ האָט ניט געקאָנטביישטיין דעם נסיון און איז אַריין, דורכגעשפּאַצירט זיך איבער די חדרימלעך און אַ צופרידענער געדרייט מיטן וויידל. אַפּנים, ס׳איז אים געפעלן געוואָרן די נייע היים.

פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט דורך די שויבן אַריינגעשלאָגן און אָפּגעשפּיגלט זיך אויף די אַנטקעגנדיקע ווענטלעך, איז גרשונען אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. אַ פּוסטקע! ניטאָ אַפילו וואו דעם קאָפּ אָוועק־צולייגן! אַחוץ דאָס טישל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימערל, וואו עס האָט געזאָלט זיין די קיך, האָט זיך דאָ קיין אַנדער שטיקל מעבל ניט געפונען; אַ שטיקל מעבל, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז דאָ איז אַ היים פון אַ מענטשן... אַ באַזאָרגטער האָט ער גענומען דעם עמער אין האַנט און איז אַוועק אין הייל מעלקן די בהמות.

נאָר ווען אַן אָרט אויף דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן האָט שוין טאָם געזאָרגט. און ווי נאָר גרשון איז אַרויס, האָט ער אויף גיך צעזעגט אַ פּאָר ברעטער, פון דעם צוויי שטיקלעך בעטלעך צוזאַמענגעשלאָגן און צוגעפּעסטיקט זיי איינע ביי אַ ווענטל אין קיך — פאַר זיך, און די אַנ־דערע, אין שלאָף־צימערל — פאַר גרשונען. די „בעטן״ האָט ער מיט היי אָנגעפּילט, איבערגעדעקט מיט קאָלדרעס און צו־קאָפּנס אַוועקגעלייגט די קישנס, און געוואָרט אויפן בעל־הביתעס צוריקקער.

גרשון האָט זיך לאַנג געזאַמט, און ווען ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פולן עמער מילך, איז ער שטיין געבליבן הינטער דער צוגעמאַכטער טיר און די אייגענע אויגן ניט געגלייבט.

— וואו האָסטו דאָס גענומען בעטן אינמיטן דרינען ? און פאַר־וואָס זיינען זיי אַזוי הויך אָנגעבעטן ? האָסט מסתמא פון ערגעץ שע־ניקעס אָדער מאַטראַצן געבראַכט, ניט אַנדערש !

— ניין, ניט קיין שעניקעס און ניט קיין מאַטראַצן. ס׳איז היי, פשוטע היי ; און די בעטן זיינען אויך גאָרניט ווערט, בלויז פיר פיסלעך מיט עטלעכע ברעטלעך צוגעשלאָגן און — פאַרטיק !

טאָם האָט, טריאומפירנדיק, אָנגעשטאָפּט שפּענער אין אויוון און אונטערגעצונדן. דער אויוון האָט אַ שלאַג־געטאָן מיט ביי־לעבן, מיט אַ בלויען, בייסנדיקן רויך, וואָס איז געקראָכן אין די אויגן און האָט סוף־כל־סוף אַ צי־געגעבן זיך אין קוימען און פון דאָרטן — צום סטעפּישן הימל.

גרשון האָט געקוקט אויפן פייער און אַ פאַרבענקטער געטראַכט : אַך, ווען ביילקע וואָלט געזען דעם אויוון ! ערשט דאָ וואָלט זי געקאָנט די הענט צענעמען און ווייזן, וואָס פאַר אַ פּאַטראַוועס זי קאָן קאָכן ! אַפילו די אַלטע פאַרמערקעס וואָלטן זיך געמעגט לערנען ביי איר ווי צו קאָכן אַ רויטן באָרשטש, צי באַקן אַ געבעקס אויף שבת . . .

אָבער לאַנג שטיין און טראַכטן האָט ער זיך ניט פאַרגונען. דאָס פעלד, די בהמות מיט די פערד און די עופות אין הייל, האָבן אים רוען ניט געלאָזט. פאַראַן אַזוי פיל אַרבעט, און ער האָט נאָך גאָרניט אָנגע־הויבן צו טאָן. מען טאָר קיין צייט ניט פאַרלירן. אַ שעה איז אַן אוצר ! ווייל טעג לויפן איינער נאָך דעם אַנדערן און, איידער וואָס ווען, וועט צופאַלן דער ווינטער, און ער שטייט נאָך אַלץ, ווי אַ גלאָמפּ, און חלומט וועגן ביילקען מיט די קינדער . . .

דאָס שטיבל, די ליכטיקע שויבן און דער אָנגעהייצטער אויוון האָבן גרשונען פרישן קוראַזש און מוט אַריינגעגעבן : ער וועט די ערד ניט אָפּלאָזן — אַקערן, זייען, אַרבעטן און בויען ! ער איז צוגעגאַנגען צום טישל און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ קעסטל עסן מיטאָג, וואָס טאָם האָט שוין אָפּגעקאָכט אין אויוון און „סערווירט צום טיש“.

— הערסט, טאָם ? אַז מען קאָכט אין אַן אויוון, איז דאָס עסן אַ סך געשמאַקער, איידער מען קאָכט אונטערן פרייען הימל. ס׳איז, אָבער, ערשט אַן אָנהויב. מען דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן אַ שטאַל, גראָבן אַ ברונעם און אויפשטעלן אַ צאָם מיט אַ טויער, אַז די פאַרם זאָל האָבן אַ וועלכן עס איז פּנים ביי לייטן אין די אויגן . . .

קיין צו־פלייסיקער אַרבעטער איז טאָם קיינמאָל ניט געווען, און איצט — אַוודאי ניט, דערצו נאָך אַן אָנגעהאָרעוועטער, האָט ער קיין

צו־גרויסן חשק ניט געהאַט ווידער אָנהויבן אַרבעטן. ער האָט אָבער געוואוסט, צי ער וויל צי ניט, מען וועט דאָס מוזן טאָן, און מיט באַ־האַלטענער אומצופרידנקייט אין קול געענטפערט:

— אַוודאי דאַרף מען אַ שטאַל און אַ ברונעם, אָבער אַפריער האָט מען געדאַרפט אָנשניידן היי. דאָס גראָז איז הויך. ס׳וועט פאַרסמאַליעט ווערן. גראָז וואַרט ניט. נאַ־סער! עס וואַרט ניט אויף קיינעם!...

— צוליב וואָס דווקא איצט שניידן היי? — האָט גרשון ניט פאַר־שטאַנען יענעמס כוונה. — די בהמות מיט די פערד פאַשען זיך דאָך אויפן פעלד און האָבן גענוג קאַרמע! שניידן דאָס גראָז וועט מען קאָנען שפּעטער אויך. בעסער געדאַרפט נעמען זיך צום שטאַל. דאָס איז וויכטיקער פון אַלץ.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן שטאַל און אייזן, ניט געוואָלט נאָכגעבן אַ שפּאַן אַפילו:

— נאַ־סער, באַס־דזשאָו! ביסט נאָך אַ שטאָטישער מענטש און קענסט ניט דעם געגנט! וואָס וועסטו טאָן, אַז ס׳וועט אַראָפּ אַ שלאַקס־רעגן און דיין קעטל וועט עטלעכע טעג פון שטאַל ניט קאָנען אַרויס? און וואו וועסטו נעמען היי, אַז די זון וועט דאָס גראָז פאַר־ברענען? אַ פאַרמער דאַרף זיין צוגעגרייט אויף אַ רעגנדיקן טאָג...

גרשונס אַמפּערן זיך האָט ניט געהאָלפן. טאָם האָט אויסגעפירט זיינס און דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי געשניטן דאָס גראָז. די ביי־קאָסעס האָבן אין זייערע הענט געזונגען מיט שטאָלענע פאַרגייענדיקע געזאַנגען און אויסגעלייגט כוואַליעס נאָך כוואַליעס. דאָס אָפּגעשניטן שטיק פעלד האָט אויסגעזען, ווי אַ ברייטער טייך מיט אויפגעקנוילטע כוואַליעס.

ערשט נאָכן שניט האָבן זיי זיך ווידער גענומען צו די זעגן מיט די העק. ניט ווייט פונם שטיבל אָפּגעקליבן אַן אָרט פאַר אַ שטאַל, אין פיר זייטן גריבער אויסגעגראָבן, אַהין סלופּעס אַריינגעזעצט. פיר קראָקוועס פון אונטן און פיר — פון אויבן, האָבן די סלופּעס זיך אין איין משפחה פאַרוואַנדלט. דערנאָך האָבן די „בויער" אויף די קראָקוועס ברעטער אָנגעשלאָגן אַזוי געדיכט, אַז אַ ווינט זאָל אין שטאַל ניט אַריינבלאָזן. גאָר צו־לעצט — אויף די צוויי פאַרטיקע האַלבע־טויערן זאַוויעסעס אַרויפגעשרויפט און די טירן אין די אושאקעס אַריינגעפּאַסט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז שוין די שטאַל געשטאַנען אַ טיפע, אַ הויכע און אַ ברייטע, מיט אַ היפּשן בוידעם אויף צו האַלטן היי. ס׳האָט בלויז געפעלט אַן אָפּצאָם צווישן די בהמות און די פערד. נאָר

גרשון מיט טאָמען האָבן זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער שטאַל, איידער מיטן שטיבל, און קיין זאַך פון אויג ניט אויסגעלאָזט. לסוף האָבן זיי פון עטלעכע ברעטער געמאַכט דעם אָפּצאַם און אויך אַ קאָרעטע צוזאַמענ־געשלאָגן.

קוים פאַרטיק געוואָרן מיט דער שטאַל, האָבן זיי אַהער אַריבער־געפירט דאָס היי פון פעלד. יעדעס מאָל, וואָס גרשון האָט געבראַכט אַ וואָגן היי, איז דער אַלטער געשטאַנען אויפן בוידעם און אויפגעכאַפּט דאָס היי, וואָס גרשון האָט אַרויפגעוואָרפן צו אים. טאָם האָט דאָס צעשפּרייט, איינגעטאָפּטשעט מיט די פיס און אָנגעפּראָפּט דעם בוידעם — אַ שפּילקע ניט דורכצושטופּן...

אויך אַ הינער־שטיבל האָבן זיי אויפגעבויט — אַהין די עופות אַריינגעטריבן. די פערד מיט די בהמות — אין דער נייער שטאַל אַריינ־געפירט. די ערד — מיט שטרוי אויסגעבעט, אַז די פּי זאָל זיין ווייך און וואַרעם צו ליגן. אָבער — מיטן אַריבערפירן אַהער די לעבעדיקע באַשעפענישן איז אַ נייע זאָרג אויפגעגאַנגען: אַ ברונעם!

מילא, — האָט גרשון געטראַכט, — ווען די פערד מיט די בהמות זיינען געווען אין הייל, איז קיין דאגה ניט געווען וועגן וואַסער. דער קריק האָט זיך געפונען „אונטערן נאָז" און די פיר־פיסיקע זיינען פון אים ווייט ניט אַוועק. דאָס וואַסער האָט זיי געהאַלטן ווי צוגעבונדן...

אָבער איצט? פירן זיי צום קריק אַ וואַסערע האַלבע שעה און דערנאָך צוריק — איז קיין תכלית ניט!

פאַר דעם געדאַנק: „גראָבן אַ ברונעם", האָט טאָם מורא געהאַט. ער האָט געוואוסט — גראָבן אַ ברונעם דאַרף מען טיף אין דער ערד. עס קאָן זיין, אַז אַ וואַסער־אָדער לויפט אַמאָל נאָענט צום אויבערפלאַך. דאָס טרעפט זעלטן. אָם מערסטן ליגט ער טיף. נאָר, ווי אַ מענטש, וואָס האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף וואָס גיכער אָפּפּטרן די שווערע אַרבעט, כדי דערנאָך צו קאָנען זיצן רואיק אין שטיבל, צי אויפן גאַנעק און רויכערן די ליולקע, האָט ער אונטערגעטריבן דעם נייעם „האָמ־סטעדער":

— איך ווייס, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן די שווערסטע אַרבעט, אָבער, מען דאַרף דאָס וואָס גיכער אָפּטאָן. קעטל קאָן ניט זיין אָן וואַסער. ניטאָ וואָס צו טראַכטן. מען דאַרף זיך נעמען צו גראָבן...

גרשון האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער אַלטער טרייבט אים אונטער צו גראָבן אַ ברונעם, ניט אויפגעכאַפּט יענעמס פאַרבאַהאַלטענע כוונה דערביי און אַ סאַרקאַסטישן לאַך געטאָן, אַ לאַך, אין וועלכן עס

האָט זיך געהערט אַ דינער פּיק, וואָס איז מער געקומען פון זיין אומ־באַהאָלפנקייט אין אַמעריקאַנער פּאַרמעריי, איידער פון שלעכטסקייט.

— מיינסט אַוודאי, אַז איך ווייס דאָס ניט? אָבער, וואו גראָבט מען אַ ברונעם? אַפּריער דאַרף מען אָפּזוכן אַ פּאַסיקן אָרט און אָנטרעפן וואַסער... לעבן שטוב, צי אַפילו לעבן שטאַל וואָלט גוט געווען. נאָר ווער ווייסט צי דאָרטן איז דאָ אַ וואַסער־אָדער? איז אויב דו ביסט אַזאַ ווייסער פון אַלץ, קאָנסטו מיר אפשר זאָגן וואו עס איז גוט צו גראָבן?...

זיין נייער טאָן איז טאָמען ניט געפעלן געוואָרן, און כאָטש גרשון איז מיטן געלעכטערל גאָרניט אויסן געווען, האָט עס אָבער אָנגערירט דעם אַלטנס סענסיטיווקייט, און דערפון אַרויסגעלייענט, אַז ער, טאָם, איז דאָ ניט מער ווי אַ „האַנט״, און דערצו נאָך אַ „נעגער״, פון וועלכן מען קאָן חוזק.

— ניט שיין אָפּצולאַכן פון אַן אַלטן מאַן, באָס־דזשאָ... גלייב מיר, אַז איך ווייס, וואָס איך זאָג... אין מיינע טעג האָב איך פיל ברונימער געגראָבן, און כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז צוואַנציק שפּאַן פון דיין הויז איז פאַראַן אַ גוטער אָרט צו גראָבן אַ ברונעם...

— איך האָב פון דיר ניט אָפּגעלאַכט! דאָס האָט מיך דער נאַר אַ שפּאַר געטאָן. מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש... אַמאָל לאַכט זיך און אַמאָל — וויינט זיך... אויב דו מיינסט, אַז איך האָב דיך באַליידיקט — איז פאַרגיב, ברודערל! צוליב אַ נאַרישקייט לוינט זיך ניט ברוגזן.

פונם איבעררייד זיינען זיי נאָך נאָענטער און ליבער געוואָרן איינער דעם אַנדערן. טאָם האָט אַ קוק געטאָן אויף גרשונען און געזען, אַז ער האָט אַ טעות געמאַכט, און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט:

— לאָמיר דאָס פאַרגעסן, מיין פריינט.

אַן ווערטער, האָבן זיי זיך די הענט געדריקט און, נעמענדיק די גראָב־אייזנס, זיינען זיי אַוועק צום אָרט, וואָס טאָם האָט אויסגעקליבן. די ערד איז דאָ געווען אַ דורכגעשפּרינקלטע מיט קלענערע און גרעסערע שטיינער. דער לאָם ביי גרשונען אין די הענט האָט ניט גערוט, ער האָט אויפגעהאַקט דעם האַרטן ערדענעם פעלץ און אַרויסגעפּיקעט די שטיינער פון דאָרטן. באַלד האָבן זיך די גראָב־אייזנס צעאַרבעט, געביסן שטיקער ערד איינעם נאָכן אַנדערן. מיט יעדער שעה איז די גרוב טיפער און טיפער געוואָרן און וואָס ווייטער זיי האָבן געגראָבן, איז די ערד ווייכער געוואָרן און געלאָזט זיך נעמען, ווי טייג פון אַ דיידזשע.

אַז די גראָב־אײַזנס זײַנען שוין אַרײַן אינם פֿערטן אַרשין, האָט גרשון צו צווײ דרענגלעך אין בײדע זײַטן גרוב אויפֿגעשטעלט און צו־זאַמענגעבונדן מיט דראָט, אויף זײ אַ קײלעכדיקע דובינע אַרויפֿגעלײגט, צו אַ לאַנגן שטריק אַן עמער צוגעקנופּט, דאָס איבער דער דובינע אַריבער־געוואָרפֿן און אַראָפּגעלאָזט אין גרוב.

— טאָם! דאַרפֿסט שוין מער ניט אַרויסוואַרפֿן די ערד אינדער־הײך! לײג דאָס אַרײַן אין עמער און איך וועל עס אַרויסציִען! ס׳וועט זײַן גרינגער אַזוי!

אַן אָנגעטאָנענער אין הויכע גומענע שטיוול, איז טאָם געשטאַנען אין גרוב און מיטן גראָב־אײַזן אָנגעפּילט עמער נאָך עמער. אַפֿריער איז געגאַנגען שוואַרצע ערד. דערנאָך געלע, און ווידער — שוואַרצע. יעדעס מאָל, וואָס אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויפֿן צוריקקער פֿונם עמער, וואָס גרשון האָט אַרויפֿגעצויגן, האָט זיך טאָמען אויס־געדוכט, אַז מיט איטלעכן אויסגעגראָבענעם שטיקל ערד ווערט ער אַלץ קלענער און קלענער און גרשון — אַלץ העכער און העכער, און באַלד־באַלד וועט גרשון מיטן קאָפּ די הימלען אונטערשפּאַרן...

ווען די גרוב איז שוין געווען טיף, אין דעם צענטן אָדער עלפֿטן אַרשין, האָט טאָם באַמערקט, אַז דער פֿריערדיקער שוואַרצער שיכט ערד איז נעלם געוואָרן און עס האָט זיך באַוויזן געלע, פֿײַכטע ערד וואָס איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן קלעפּיקער, בלאָטיקער, ביז אונטער זײַנע פֿיס האָבן וואַסער־שטראָמעלעך אָנגעהויבן פּליושקען. דערזען וואַסער אונטער די שטיוול, האָט ער די שטריק אַ ציִ־געגעבן, אַז גרשון זאָל הערן, וואָס ער האָט אים צו זאָגן, און אַרויפֿגעשריִען:

— באָס! וואַסער!!

ביי גרשונען האָט דאָס האַרץ אַ פֿריידיקן ציטער געטאָן:

— ביסט אַ מאַלאַדיעץ, טאָם! איך האָב זיך ניט געריכט, אַז מירן דערגרייכן וואַסער אַזוי גיך! איצט דאַרף מען די ווענטלעך אַרום־לייגן און אַרויסגיין, אַניט ווּעסטו דאָרט דערטרונקען ווערן...

גרשון איז אַראָפּ אין ברונעם. ער האָט אין די ווינקלען קראָקוועס אַריינגעגראָבן, די ברעטלעך מיט טשוועקעס צוגעשלאָגן. דאָס וואַסער אין ברונעם האָט אָנגעהויבן רוישן, שלאָגן ווי פֿון אַ קוואַל און געריסן זיך אַלץ העכער און העכער און נאָכגעיאָגט די זוילן פֿון די אַרויס־קריכנדיקע גרעבער, וואָס זײַנען פּאַמעלעך געגאַנגען אויפֿן לייטער און דערביי פֿאַרלייגט די ווענט מיט ברעטלעך. ווייט איז אָבער דאָס וואַסער ניט דערגאַנגען. געבליבן שטיין אינמיטן וועג און אַריינגע־

שלונגען דעם אָפּשיין פֿונם הימל, וואָס איז געהאַנגען אַ ריינער און אַ טיפֿער.

אָנגעהאָרעוועטע, איינגעגעצטע און ביז־איבער־די־קני אויסגעשמיר־טע אין ליים און אין בלאָטע, זיינען זיי פֿון ברונעם אַרויס און אין שטיבל אַריינגעגאַנגען. טאָם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע און ניט געפֿילט די הענט מיט די פֿיס. דערפֿאַר, אָבער, איז גרשון געווען וואַך, מונטער און פֿריילעך. מיט אַ פֿאַרמורזעט פּנים האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ פֿלעשל בראַנפֿן אויפֿן טישל.

— טאָם! לאָמיר טרינקען צום נייעם ברונעם!

דער אַלטער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, מיט איין שלוק האָט ער דאָס אַריינגעזשליאָקעט. דער בראַנפֿן האָט זיך אַראָפּגעגאָרגלט ביי אים אין האַלדז. ער האָט פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל וואורשט, ברויט, און מיט פֿייכטע, פֿאַרלאָפֿענע אויגן אַ קוק־געטאָן אויפֿן ווייס־הויטיקן מענטשן.

— טייערע וויסקי און גוטע סאַלאַמי! יעס־סער, באָס, האָסט צוגעטראָפֿן! ס׳האָט טאַקע געצויגן אונטערן לעפֿעלע. אַ קלייניקייט! כמעט גאָרניט געהאַט אין מויל היינט. און פֿון שטיין אין נעץ אַ גאַנצן טאָג — ברעכן די ביינער. די וויסקי האָט געהאָלפֿן. גיב נאָך אַביסעלע!

אויך גרשון האָט אויסגעטרונקען נאָך איינע, פֿאַרביסן, און אַ דאַנקבאַרער, וואָס טאָם האָט אים געהאָלפֿן בויען דאָס שטיבל, די שטאַל שטעלן, דעם ברונים גראָבן, האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער קיך.

— איך ווייס, אַז ס׳איז שווער צו שטיין און גראָבן אַ גאַנצן טאָג. אַפֿילו אַ יונגן וואָלט דאָס אויסגעמאַטערט. איז גיי און לייג זיך אַוועק אָפּרוען. די שווערסטע אַרבעט האָבן מיר שוין אָפּגעפּטרט. הערסט, טאָם? כ׳ווייס ניט, ווי וואָלט איך געקאָנט אויסקומען אָן דיר? איך וואָלט זייער וועלן, אַז דו זאָלסט דאָ בלייבן אויף שטענדיק. אָבער — נאַרישקייט! איך האָב זיך גאָר פֿאַרגעסן, אַז כדי צו האַלטן אַ מענטשן דאַרף מען האָבן מעגלעכקייטן, און ביי מיר אין די קעשענעס פֿייפֿן ווינטן!...

טאָם האָט אים ניט געענטפֿערט און, שווער שלעפּנדיק די פֿיס איבערן דיל, האָט ער זיך דערשלייכט צום בעטל, אַראָפּגעצויגן די שטיוול, די קליידער, און איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע, כאָטש דורך די שויבן האָט נאָך אַריינגעוואָרעמט די סוף־זומערדיקע זון.

גרשון האָט אים ניט געוואָלט שטערן און איז אַרויס אינדרויסן,

צוגעטראָגן עטלעכע ברעטער צום ברונעם, אַ קאַרעטע צוגעשניטן און צוזאַמענגעשלאָגן, אָוועקגעשטעלט האַרט ביים ברונעם און אָנגעפילט מיש וואַסער. נאָכדעם האָט ער אָנגעטרונקען די בהמות און די פערד, איז אַריין אין „טשיקן־קופ״ זען וואָס די הינער טוען און צו זיין איבער־ראַשונג באַמערקט, אַז אנשטאט זעקס אייער, וואָס זיי פלעגן לייגן, איז איצט צוגעקומען אַ זיבעטע, און דווקא אַ גרויסע. האָט ער די אייער אין היטל אַריינגעלייגט און צוריק אין שטיבל אַריינגעגאַנגען.

— טאַם, שלאָפסט ? ניין ? זע, די הינער האָבן אַפּנים דערפילט זייער אמתע היים און אָנגעהויבן לייגן מער אייער ! — זיבן שטיק ! גרויסע, ווי באָמבעס ! אוי, ווען מיין ביילקע מיט די קינדער וואָלטן דאָ געווען ! וואָס וואָלט זיי דאָ געפעלט ? פרישע אייער און מילך פון אונטער די בהמות ! כאָטש שטעל אונטער דאָס מויל און טרינק וויפיל דיין האַרץ גלוסט ! . . .

— דאָס איז פיין ! זייער פיין, באָס־דזשאָו ! יעס־סער ! ביסט שוין אַ גאַנצער האָומסטעדער ! . . . דאַרפסט בלויז שטעלן אַ פענס. כאָטש דעם הויף אַרומצאַמען און אַ שטיקל לאַנד אויפברעכן דאַרף מען אויך. נאָך היי גערדאַרפט אָנגרייטן. די ווינטערס זיינען דאָ לאַנגע און שווערע, און דיינע פערד זיינען ניט קיין אַלטע, האָבן גוטע אַפּעטיטן . . . אויך די בהמות קאָנען דורכן ווינטער אַריינקייען אַ היפש ביסל! דאָס היי וואָס איז פאַראַן אויפן בוידעם וועט ניט קלעקן . . .

אַ פאַרשעמטער, וואָס ער ווייסט ווינציק וועגן באַלעבאַטישקייט אויף אַ פאַרם, האָט גרשון, ווי אַ פאַרשולדיקטער, שטיל געענטפערט :

— מאַדנע ! איך בין, דוכט זיך, געבוירן אין אַ דאָרף און געוואוסט אַלץ, וואָס אַ פויער דאַרף האָבן, און דאָ קומט גאַר אויס, ווי דו וואָלסט געווען דער בעל־הבית און ווייסט בעסער פון מיר, וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט . . .

קאַפּיטל VII

אין אַ זונטיק זיינען גרשון מיט טאָמען געזעסן אויפן גאַניק און געוואַרעמט זיך אין דער זון. פונדערווייטנס זיינען די פערד מיט די בהמות אַרומגעגאַנגען און געצופּט דאָס גראָז. מיטאַמאָל איז פרינץ אויפגעשפּרונגען, אָנגעשפּיצט די אויערן און אָנגעהויבן בילן. אין אַ ווײַלע אַרום איז פרענק צוגעריטן און אַראָפּ פון זאָטל.

— האַי־די !

— האַי, מיסטער פרענק, — האָט גרשון געענטפערט, — אַ גאַסט! קומט אַריין אין שטוב. אפשר אַ קאַלטן טרונק?

דער רענטשער האָט באַטראַכט דאָס שטיבל, די שטאַל און דעם ברונעם. דערנאָך — אַריין אין שטיבל און ברייטלעך אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ בענקל.

— ביסט, הייסט עס, אַ גאַנצער מייסטער! ווי קומט דאָס צו אַ יידן?... איך ווייס, אַז אייעריקע זיינען באַנקירן, פּראָצענטניקעס, הענדלער... אָבער, אַז אַ ייד זאָל זיין אַזאַ בריה, איז מיר גאָר קיינמאָל אויפן געדאַנק ניט געקומען...

— ערשט יידן זיינען גוטע מייסטערס... מיר זיינען דאָך עפּעס אַן אַלט פאָלק פון פויערים!... — האָט גרשון אויסגעטרונקען אַ קאַלט גלאָז וואַסער און, צוזאַמען מיטן וואַסער, אַראָפּגעשלונגען פרענקס שטעך־ווערטלעך.

— עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז דו ביסט אַן אַרבעטזאַמער און ניט קיין נאַר, האָסט דאָס שטיבל אַליין געבויט, די שטאַל געשטעלט און דעם ברונעם געגראָבן. ס׳איז וואונדערלעך! אָבער צוליב וואָס זאָלסטו האָרעווען אומזיסט?... ווייסט דאָך, אַז דו וועסט קיין האָמסטעדער ניט זיין!... פאָלג מיך און פאָר צוריק פון וואַנען דו ביסט געקומען... יידן דאַרפן מיט פאַרמעריי ניט האָבן צו טאָן... פאַראַן דאָ גענוג קריסטלעכע פאַרמערס, וואָס אַרבעטן ווי אייזלען און קאָנען קיין לעבן ניט מאַכן. איך זאָג דאָס, ווייל איך בין דיר אַ „פריינט“, פאַרשטייסט?...

טאָם איז געזעסן פונדערווייטנס. פרענקס רייד האָבן אים אין האַלדז געשטיקט. די בלוטן האָבן געזאָדן, געשלאָגן אין די שלייפן. ער האָט געוואָלט אַ כאַפּ־טאָן אַ טאָפּ הייס־וואַסער און אָפּפאַרען אים ווי אַ חזיר, און ניט געוואָגט: אַ נעגער טאָר זיך ניט אַריינמישן, ווען צוויי ווייסע ריידן, אָדער אַמפּערן זיך. און מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער אויפגעכאַפּט גרשונס ענטפער:

— „אַמעריקע איז אַ פרייע מדינה. די רעגירונג האָט מיר ערד געגעבן — וועל איך זי היטן און באַאַרבעטן... דאָ איז מיין היים! נאָך מער: די ערד ווייסט ניט פון קיינע ראַסן און רעליגיעס... ווער עס פאַרזייט, דעם גיט זי צוריק, אַמאָל אַ בעסערן קראָפּ, און אַמאָל — אַן ערגערן... איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז די ערד זאָל עמיצן פרעגן: איז דער פויער אַ ייד, צי אַ קריסט... אַ ווייסער, צי אַ שוואַרצער... אפילו נאָכן טויט נעמט זי צו אַלעמען גלייך...“

נאָך פון די ערשטע פאָר טעג אין פעלד האָט גרשון געוואוסט וועגן

דער שטענדיקער מלחמה צווישן די רענטשערס און די האָומסטעדערס, דערפאַר וואָס די לעצטע צאַמען אַרום זייער פעלד און יענע האָבן ניט וואו צו פיטערן די טאַבונעס פערד, צי די גרויסע סטאַדעס שעפסן. דעריבער האָט ער איצט דעם שכן געלאָזט וויסן מיטן הארבן וואָרט:

— פאַר קיין מענטשלעכע סטראַשונקעס האָב איך ניט מורא! מיט איין האַנט קאָן איך אויפהויבן דעם שווערסטן מענטשן און אַריבער־וואַרפן אים איבערן דאַך!..

פרענק האָט זיך ניט געריכט, אַז אַ ייד זאָל האָבן אַזוי פיל חוצפה און, גערן צי אומגערן, האָט ער אַ קוק־געטאָן אויף גרשונס געזונטע הענט, אויף זיינע פאַרביילטע פויסטן, און אויפגעהויבן זיך פון אָרט:

— פונדעסטוועגן, זיי ניט קיין חכם, פרעמדער, און טראָג זיך אָפּ, איידער עס ווערט צו־שפּעט!.. ווערסט קיין קראַפּ סיי־ווי־סיי ניט האָבן, און מוזן פאַרלאָזן די ערד, איז צוליב וואָס זאָלסטו נאָך אַרבעטן אומזיסט?..

גרשון האָט מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן די פויסטן, ביז ווייטיק זיי געדריקט אין די אייגענע קלובעס, ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך צע־פּאַכען, נאָר זיינע אויגן, אָנגעפילטע מיט האָס און שפּאָט האָבן גע־שפּיזלט יענעם אין פּנים אַריין: „איך האָב דיך אין דער ערד! דיר אויף צו להכעיס וועל איך פון דאַנען ניט אַוועקגיין...“

— עס הויבט זיך שוין אָן! — איז טאָם דרייסטער געוואָרן, ווען פרענק איז שוין אַוועקגעריטן, — ווי הינט זיינען זיי! קוים דערשמעקט מען אַ נייעם האָומסטעדער, קומען זיי צולויפן, דראָען, רייצן אָן איינעם אויפן אַנדערן און אַזוי אַרום ווילן זיי אויסנאַרן די ערד. האָסט אים קלוג געענטפערט! האָב ניט קיין מורא. האָסט אַ שטיקל ערד, דריי גוטע פערד און צוויי בהמות מיט אַ גאַנצער באַלעבאַטישקייט, איז היט דאָס! אַ האָומסטעדער דאַרף קאָנען פולווער שמעקן!...

די טעג זיינען שוין געשטאַנען קורצע, נאָר גרשונען האָט זיך אויס־געדוכט, אַז זיי זיינען מוראדיק לאַנגע, נודנע און פוסטע, און ווען ניט די בריוו, וואָס ער פלעגט שרייבן אַלע טאָג צוביילקען און איבער־אַנייס לייענען אירע ענטפערס, ווי זיי וואָלטן ערשט אָנגעקומען, וואָלט ער דאָ פון זינען אַראָפּ. און דאָס איז קיין חידוש ניט, ווייל עס איז ניט געווען וואָס צו טאָן. די בענקעניש צום ווייב מיט די קינדער האָט אים דאָס האַרץ געפרעסן. אמת, טאָם איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען, דאָך האָט ער גע־פילט, אַז אַראָפּריידן זיך פון האַרצן און ווערן פאַרשטאַנען, איז ניטאָ

פּאָר און פון וועמען. איז ער אָפּט אַרומגעגאַנגען איבערן פעלד, צי איבערן שטיבל, און געמורמלט:

— וואָס טוט מען?

זיין איינציקע טרייסט איז איצט געווען פּרינץ. מיטן הונט האָט ער שעהן אַרומגעוואַנדערט איבערן סטעפּ, געבראָדיעט אין די הויכע גראָזן און באַטראַכט די ווילדערניש. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַפילו פאַראינטערעסירט מיט די ווילדע פלאַנצן, מיטן פאַרשיידנאַרטיקן אויס־זען פון דער פּריירי, געוואָלט צעשטרייען זיך אַביסל, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען. דער אומעט איז נאָכגעגאַנגען פוסטריט און ניט אָפּגע־לאָזט אים אויף אַ רגע.

גיין אין געסט אַליין, אָן דער ווייב, האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט געוואוסט, אַז ווען אַ מאַן קומט אַליין אין געסט, קוקט מען אויף אים מיט פאַרדאַכט; אין בעסטן פאַל — מיט באַדויער און רחמנות. ביידע זאַכן האָט ער פיינט געהאַט. נאָר, ווען די עלנטקייט האָט אים אַריינגע־נומען אין די הענט, און דער מוח האָט זיך אים שיער ניט איבערגעקערט פון טראַכטן, האָט ער אָנגעזאָטלט די קליאַטשע, וועמען ער האָט אַ נאָמען געגעבן „קוויני״, און איז אין אַ פרייטיק אָוונט אַוועקגעריטן צו וואלערן.

ווען ער איז אַריין צו וואלערן אין שטיבל, האָט ער באַמערקט דריי קינדער אין עלטער פון אַרום פיר ביז ניין. צוויי נידעריקע און פאַרחושכטע צימערלעך: אין ערשטן — אַ גרויסער אויוון, אַרום וועלכן עס האָט אַרומגעפּאַדעט אַ נידעריק־געוויקסיקע פרוי מיט אַ הויכן בוזים; אויפן קאָפּ — אַ געבלימלט טיכל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ פויערטע פון אַ רוסיש דאָרף און ניט קיין אַמעריקאַנער פאַרמערקע. וואלער אַליין איז געזעסן לעבן אַ פענצטער און פאַרריכט אַ כאָמוט. דערזען גרשונען אַריינקומען, האָט ער דעם כאָמוט אַוועקגעלייגט און פון בענקל אויפגעשטאַנען:

— סקאָצל איז געקומען! אַ גאַסט, כ׳לעבן! קומט אַריין אַביסל ווייטער! שטייט ניט ביים טיר, ווי ראָטשילד מיט דער טאָרבע!... אייגנס איז ניט קיין פרעמדס... אַ ייד דאַרף קומען צו אַ יידן! אַז מען הערט אַ יידיש וואָרט, איז דאָך עפּעס אַ מחיה אין האַרצן! נו, סאָרצע, קראַסאַוויצע מיינע, — האָט ער זיך אַ קער געגעבן צום ווייב, — דער־לאַנג עפּעס עסן, צי טרינקען. אונדזער גאַסט מוז מסתמא זיין הונגעריק און דאָרשטיק. וואָס שטייסטו ביים אויוון און גלאָצסט מיט די סאָווע־אויגן?!

זי האָט זיך פאַרשעמט. אירע באַקן האָבן זיך צעפלעמלט. לאַכנדיק, האָט זי פאַרשאַרט אַ פאָר האָר אונטערן טיכל און אַ קוק געגעבן אויפן גאַסט.

— זעצט זיך צום טיש, מיסטער פרידמאַן, איז, דוכט זיך, אייער נאָמען? איר׳ט עסן מיט אונדז וועטשערע. איך האָב היינט געקאָכט אַזאַ גוטן צימעס, אַז איך פאַרגין דאָס ניט מיין מאַן! ער ווייסט ניט קיין אונטערשייד. ביי אים איז אַ מערן־צימעס, אַ ברוקווע־צימעס, צי אַ בולבע־צימעס מיט פלוימען — די זעלבע זאַך!... איך לייג אַריין מיינע כחות אין קאָכן, עס זאָל אַרויסקומען וואָס בעסער, געשמאַקער, און ער? גאָר ניט! וועט קיינמאָל ניט זאָגן צי ס׳איז גוט, צי — שלעכט. אָט, פאַרזוכט טאַקע אַביסל צימעס, וועט איר אַליין זען, אַז איך בין גערעכט...

גרשון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע און אַ לאַך געטאָן:

— אַ האַרציקן דאַנק אייך, מיסעס וואַלער. איך שטעל זיך פאָר, אַז אייער צימעס מעג גראַף פּאָטאָצקי עסן. אַפילו ראָטשילדן וואָלט דאָס מסתמא אויך ניט געשאַדט. אָבער, איך בין גראָד ניט הונגעריק. ערשט געגעסן וועטשערע... און אַזוי ווי טאָן איז אַלץ איינס ניטאָ וואָס, האָב איך געטראַכט — מען דאַרף באַזוכן אַ שכן.

— זייער גוט האָט איר געטאָן, — האָט וואַלער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט, — אָבער צוליב וואָס פאַרענטפערט איר זיך? איך ווייס, אַז אויף אַ פאַרם ווערט מען פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט, און איבערהויפּט צווישן גוים! דערצו נאָך איינער אַליין. אָן אַ ווייב איז טאַקע אומעטיקלעך... קומט אָפטער. מיין „פּאַלאַץ״ איז אָפן פון אייערטוועגן. מיינע ממזרים, אַז זיי וועלן אייך גוט דערקענען, וועלן זיי אייך די היטל אַראָפּדרייען. איר שפּילט זיך עפּעס מיט מיין פלוימע?!

גרשון האָט אַ בליק געגעבן אַרום זיך. דאָ איז געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט. די דריי קינדערלעך — אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע — זיינען געשטאַנען אינם צווייטן אַלקערל, אַרויסגעשטעקט די קעפּלעך אין דער אָפענער טיר און פריילעכע געמאַכט פאַרשידענע העויות, פאַרזשמורעט די אויגעלעך, געוואונקען איינער צום אַנדערן, און דאָס האָט געזאָלט הייסן — ווי געפעלט דיר דער העכט?

— מילא, איך בין גראָד ניט אַליין, — האָט גרשון אָפּגעוואָרפן וואַלערס פאַרדאַכט, — איך האָב, אַ דאַנק גאָט, אַ ווייב מיט צוויי

קינדער און רעכן אַריבערברענגען זיי באַלד. ווייל, וואָס טויג מיר אַ צווייענדיקע הוצאה, אַז די שטוב איז שוין אַ פּאַרטיקע? און וועגן די גויים, זיינט איר גערעכט. פרענק דער רענטשער איז ביי מיר געווען. געזאָגט, אַז די ערד טויג דאָ ניט און, אַז סוף־כל־סוף וועל איך מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

וואלער איז פון דעם ניט נתפעל געוואָרן. אויף זיין פּנים איז קיין ענדערונג ניט פאָרגעקומען, און עס איז שווער געווען צו וויסן, צי דאָס אַרט אים, צי — ניט. אָבער דאָס קול און דער טאָן ביים ריידן איז, דוכט זיך, האַרטער און שטרענגער געוואָרן:

— דאָס, וואָס פרענק האָט אייך שווער געמאַכט דאָס האַרץ און געזאָגט, מסתמא, אַז יידן דאַרפן האַנדלען און זיין אין שטאָט, האָט ער דאָס זעלבע אויך מיר אין פּנים געוואָרפן, ווען איך בין אַהער געקומען. די רענטשערס האָבן אַלעמאָל פיינט אַ האומסטעדער. עס מעג זיי אַריין אַ ווינט אין די זייטן! אָבער צווישן אונדז גערעדט, האַרעוועט מען דאָ טאַקע ווי די פערד און מען האָט גאַרנישט! אַט, נעמט מיך, למשל: זיצן, זיך איך דאָ שוין אַרום זיבן יאָר, און וואָס? גאַרנישט! אין שטאָט איז פאָרט בעסער. דאָרטן אַרבעט איר אָפּ די וואָך, טאַקע אין אַ שאָפּ. איר נעמט אָפּ אַ וואָסערע צוועלף צי פערצן דאָלער פעידע. גייט איר מיטן ווייב און קינדער אין אַ מואווי, צי אין אַ יידישן טעאַטער. און דאָ? פון שטוב אין פעלד, פון פעלד אין שטאָל. אויף מאָרגן — דאָס זעלבע. ס׳איז אַ חזיריש לעבן!

• • •

וואַלערס אַנטוישונג אין פאַרמערישן לעבן האָט ניט געמאַכט קיין איינדרוק אויף גרשונען. ער איז געווען פון דאָרפישן טייג געקנאָטן. דאָס פּויערישע לעבן איז אים ניט פרעמד געווען. האָט אים איצט בלויז פאַרדראָסן אויף וואַלערן, הלמאי יענער האָט דאָס גאָר געזאָגט, ווייל אַ נייעם פאַרמער דאַרף מען וואָרעמען, מוטיקן, צוגעבן קוראַזש, ווי אָנצוגיין מיט דער שווערער אַרבעט. פאַר אַן אָנהויבער דאַרף מען ניט אַלעמאָל זאָגן דעם אמת...

עס האָט אים אָבער ניט געפּאַסט אַרויסווייזן דעם פאַרדרוס. האָט ער אַ קוק געגעבן אויפן זייגערל און אויפגעשטעלט זיך.

— נו, שוין שפּעטלעך. מען דאַרף פאָרן אַהיים. איר ווייסט דאָך, כ׳בין נאָך אַ פרעמדער אין דעם געגנט, איז בעסער צו פאָרן אין דער ליכטיק... אַ גוטע נאַכט. קומט צו־גיין.

וואָלער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ניט געדאַרפט אַזויפיל אָנזאָלצן אויפן האַרצן. האָט ער אים די האַנט געגעבן און געזוכט צו פאַרטרייבן די ערנסטקייט, וואָס זיינע רייד האָבן אַרויסגערופן ביים גאַסט:

— וואָס טויגן מיר אַלע גליקן! זאָגט מיר בעסער, מיסטער פריד־מאַן: אַ פינאַקל שפּילט איר? יאָ? אויב אַזוי, וועל איך אָפּט קומען צו אייך. איר הערט? פון ניו־יאָרק אַן האָב איך קיין גיים ניט גע־שפּילט! אַ דאַנק פאַרן וויזיט און וועגן די שלעכטע גויים זאָרגט זיך ניט. פאַראַן צווישן זיי גוטע אויך. איר וועט שוין דאָס אַליין אויסגעפינען!

ווען גרשון האָט דערגרייכט זיין שטיבל איז שוין די נאַכט געלעגן אַ שוואַרצע, אַ קאַלטע און איינגעטונקט די פּריירי אין האַרבסטיקער חשכות. מיט אַ פריידיקן האַווקען איז אים פּרינץ אַנטקעגן געלאָפן, גע־שפּרונגען פון איין זייט וועג אויפן אַנדערן. גרשון האָט קווינין אַריינ־געפירט אין שטאַל, אַראָפּגענומען דעם זאָטל. דערנאָך אַריין אין שטיבל. דער לאָמפּ האָט שוואַך געברענט און קוים באַלויכטן די בערוועינדיקע ווענטלעך, אַביסל העלער געמאַכט דעם מאַך, וואָס האָט זיך אַרויס־געגרינט פון צווישן איין בערוועניע און דער צווייטער.

טאָם איז געלעגן אַן איינגעדרייטער, אַן איבערגעדעקטער מיט דער קאָלדרע, און געשלאָפן. זיין אָטעמען איז אַרויסגעקומען מיט אַ כריפּ און צעטראָגן זיך איבער אַלע ווינקעלעך. דאָס כריפּענדיקע אָטעמען האָט דערמאָנט אַן אַ גוסס. דאָס טישל, נאַקעט און פאַרוואַרלאָזט, איז גע־שטאַנען ווי אַן איבעריקער אויף אַ פרעמדער חתונה. די דריי צונויפ־געקלאַפּטע בענקלעך האָבן מיט ליידיקע זיץ־פּלעצער געבעטן זיך, אַז אַ מענטש זאָל קומען און אַוועקזעצן זיך.

פון דער שטילקייט, וואָס איז אַלע ווילע צעשניטן געוואָרן פון טאָמס סאָפּען, איז גרשונען אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. ער איז צו־געגאַנגען צום פענצטער, מיטן האַנט אַ וויש געגעבן אַ פאַרשוויצטע שויב. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען. אַ ווינט האָט געבייטשט די שויבן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און געפּרואווט אַרויסרייסן די קיט פון די רעמלעך.

גרשון האָט אַלעמאָל ליב געהאַט דעם שטילן און אַפילו דעם רוישיקן דאַוונען פון אַ רעגן. אָבער איצט האָט דער רעגן אַן אומעט אָנגעוואָרפן אויף אים, אַן אומעט וואָס האָט געצופּט ביים האַרצן און פאַרזייט אַ טיפן באַגער צו אַנטלויפן ערגעץ, אַנטרונען ווערן, וואו די וועלט האָט אַן עק, אַבי ניט זיין מיט זיך אַליין אין אַזאַ שווערער שעה. ער

האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן שטיבל מיט אומרואיקע, שווערע טריט, וואָס האָבן אין ליידיקן שטיבל אָפּגעענטפערט מיט הילכיקע עכאָס, ווי ניט איין מענטש, נאָר צענדליקער, הונדערטער פּאָר־פיס וואָלטן דאָ אַרומגעגאַנגען.

לאַנג האָט ער אַרומגעשפּאַנט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: אָפּשטעלן דעם גאַנג, צי אָנועקזעצן זיך. מיטאַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צום טשעמאָדאַן, אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט, אַוועקגעזעצט זיך ביים טישל און אָנגעהויבן שרייבן אַ בריוו צום ווייב:

„טייערע ביילקע:

דעם פריערדיקן בריוו האָב איך דיר געשריבן וועגן דער נייער שטאָל און ווי אַזוי איך מיט טאָמען האָבן דעם ברונים געגראָבן. אויך פון די בהמות און פערד, וואָס זיינען דערוויייל נאָך אָן נעמען (אַחוץ דער קליאַ־טשע; זי רוף איך — קוויני, און דעם הונט — פּרינץ). ווען דו וועסט אַהער קומען, וועלן מיר צוזאַמען צופּאַסן נעמען פאַר די אַנדערע צוויי פערד מיט די בהמות. איך רעכן, אַז דו מעגסט שוין קומען, און טאַקע באַלד! אָן דיר איז מיר שרעקלעך אומעטיק! צוליב וואָס פירן אַ צוויי־ענדיקע הוצאה? פּאַלג מיך, פאַרקויף דאָרטן די בעבעכעס... די נויטיקע זאַכן פאַרפּאַק אין קאַסטנס, שיק דאָס אָפּ מיטן באַן און קום וואָס גיכער! וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועלן מיר עסן צוזאַמען. שיק אַ טע־לעגראַמע, ווען דו וועסט אַרויספאָרן, וועל איך קומען אויפן סטיישאַן אייך באַגעגענען. מיט ליבע, דיין גרשון. קוש די קינדער פון מיינעטוועגן."

איבער אַ וואָך האָט דער רעגן געהאַלטן אין איין פלוכען. ס'איז אוממעגלעך געווען אַרויסלאָזן די בהמות מיט די פערד אויף פּאַשע... זיינען זיי געשטאַנען אין שטאַל און כסדר געקייט. אַפילו פּרינץ האָט אינדרויסן דעם קאָפּ ניט געוואָלט אַרויסשטעקן. אָבער גרשון מיט טאָמען האָבן די צייט ניט צעטאַכלעוועט. אין שטיבל האָבן זיי אַ מין וואַרשטאַט אויפגעשטעלט, געזעגט און געהובליעוועט ברעטער, אָן אַלמער געמאַכט צו האַלטן קליידער, אַ גרעסערן טיש מיט בענקלעך צוזאַמענגע־קלאַפּט, אין קיך אויף די ווענט פּאָליצעס אָנגעשלאָגן, אַז ביילקע זאָל האָבן וואו אַוועקצושטעלן געשיר.

די קורצע טעג זיינען אין גאַלאָפּ געלאָפן. דערפאַר האָבן זיך אָבער די נעכט געצויגן לאַנגע, קאַלטע און פינצטערע, און קיין ענטפער איז פון ביילקען נאָך אַלץ ניט אָנגעקומען, כאָטש דאָס שטיבל און אַלץ אין דעם איז שוין גרייט געווען צו דינען דער קומענדיקער בעל־הביתטע. ערשט אויפן דריטן דאָנערשטיק אינדערפרי איז געקומען צו רייטן מעגיש,

דער פּאַרמער, וואָס האָט די פּאָטשט געהאַלטן, און פון דרויסן אַריינ־געשריען:

— „פרידמאַן! אַ טעלעגראַמע!"

גרשון איז אין שטאַל געווען, אַנגעוואָרפן הײ אין די זאַשיקעס. דערהערט מעגישעס קול און דאָס וואָרט „טעלעגראַמע", איז ער ווי אַ צע־דולטער פון שטאַל אַרויסגעלאָפן, אַרויסגעכאַפּט די טעלעגראַמע פון יענעמס האַנט, אויפגעריסן דעם געלן קאָנווערטל, און ער האָט אָנגעהויבן לייענען: „מיין ליבער מאַן! דעם קומענדיקן דינסטיק פאָרן מיר אַרויס. מירן אָנקומען פרייטיק אינדערפרי. וואַרט אויף אונדז ביים סטיישאַן. דייןביילקע, מיט די קינדער..."

פון גרויס התפעלות האָט גרשון אַזש אונטערגעטענצלט און אָנגע־כאַפּט מעגישעס האַנט.

— מעגיש, ביסט מיין בעסטער פריינט! ווען מיין ווייב וועט קומען, זאָלסטו זיך אַראָפּכאַפּן אַהער און מירן אַ לעב טאָן אויף וואָס די וועלט שטייט!

מעגיש האָט געקייט „טשו־טאַבעקאָ". ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די טאַבאַק אין מויל האָט אים אָפּגים ניט געלאָזט ריידן, האָט ער דאָס מיטן צונג איבערגעלייגט אויף דער אַנדערער זייט יאַסלעס, און זיין רעכטע באַק איז ווי מיט אַ גרויסן געשוויר אויפגעלאָפן.

— „דאָס, וואָס דו האָסט געלייענט די טעלעגראַמע פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן, איז דער בעסטער באַווייז, אַז דו ביסט אַן ערלע־כער מענטש. אַזאַ האָב איך ליב. דערפאַר וועל איך קומען. דערווייל דאַרף מען פאָרן. פאַראַן אַ סך וואָס צו טאָן נאָך. אַדיאָס!"

— אַדיאָס, מעגיש! — האָט גרשון אים אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן און איז צוגעלאָפן צו טאָמען, וועלכער איז געשטאַנען הינטערן שטוב, געהאַקט האָלץ, און פון די נייס ניט געוואוסט.

— טאָם, זע! ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע! מיין ווייב מיט די קינדער וועלן שוין דאָ זיין דעם קומענדיקן פרייטיק! מ'וועט דאַרפן די שטוב צוראַמען און אָנגרייטן נאָך פּראָוויאַנט. אַי, וועט דאָס זיין אַ יום־טוב!

טאָם האָט געלאָזט שטעקן די האַק אויף אַ לאַנגער פּאַלענע האָלץ און אַ נייע זאָרג איז אויף זיין ביינערדיקן פּנים אויפגעגאַנגען. און כאָטש זיינע אויגן זיינען מיט אַ טרויער פּאַרצויגן געוואָרן, פונדעסטוועגן האָט ער אַ קוים־מערקבאַרן שמייכעלע אַרויפגעצויגן אַרום די מויל־ווינקלען.

— זייער גוט האָסטו געטאָן... אַוודאי דאַרף אַ פאַרמער האָבן אַ ווייב און קינדער אַרום זיך... עס איז ניט גוט צו זיין אַליין...

פון דעם טאָג אָן איז טאָם נאָך אומעטיקער געוואָרן. ווינציק וואָס גערעדט, און אויב ער האָט עפּעס געזאָגט, זיינען דאָס געווען געציילטע ווערטער. ווי אַ נעכטיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז ער אָפּט געזעסן אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראַכטער: אפשר וועט ער דער ווייסער בעל־הביתטע ניט געפעלן ווערן? זי וועט אים געוויס הייסן גיין, און ער׳ט ווידער בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ... אַוועקגיין פון דאַנען האָט זיך אים ניט געוואָלט. ער האָט זיך שוין אַזוי צוזאַמענגעלעבט מיטן באָס, אַז ער וואָלט פון אים אַפילו קיין געצאָלט ניט גענומען. וואָס טויג אים געלט? וועמען וועט ער דאָס איבערלאָזן? דאָ, מיטן יידן, איז אים גוט. ער קאָן ריידן, פון וואָס זיין האַרץ גלוסט, און ניט מורא האָבן, ווי פאַר אַן אַנדער באָס. אָבער... וואָס וועט זיין, אַז די בעל־הביתטע וועט קומען? וואָס וועט זי זאָגן דערויף?...

אָט־דער געדאַנק האָט דעם אַלטן אַזוי לאַנג געמאַטערט, ביז ער איז שבת נאָך האַלבן טאָג צוגעגאַנגען צו גרשונען, אָנגעהויבן ריידן און פינטלען מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן:

— באָס־דזשאָו, סיאיז עפּעס קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. איז גיב מיר קווינין, צי אַן אַנדער פערד, וועל איך צופאָרן אין ווילעדזש. פאַר־שטייסט דאָך: די ליפּן טריקענען... שוין לאַנג ניט געהאַט גאָרנישט אין מויל...

גרשון האָט געוואוסט, אַז טאָם איז ניט קיין שיכור. האָט ער אויף אים אַ שאַרפן און פאַרשטענדיקן קוק געטאָן, געוואָלט דערגיין די סיבה פונעם וועלן פאָרן אין ווילעדזש און טרינקען בראָנפן. נאָר באַגרייפנדיק, אַז דעם אַלטן קוועלט עפּעס, מסתמא, האָט ער אים ניט געוואָלט צוריק־האַלטן.

— דאַרפסט מיך גאָר ניט פרעגן. קאָנסט נעמען וועלכן פערד דו ווילסט און אויב דו פאַרלאַנגסט, קאָן איך דיר אָפּגעבן דאָס געהאַלט וואָס דיר קומט. איך האָב פיינט אַרומטראָגן זיך מיט פרעמד געלט.

דער אַלטער האָט אָנגעטאָן דעם רעגן־מאַנטל, אים פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך און מיט אַ בליק, אין וועלכן עס איז געלעגן אי דאַנק־באַרקייט, אי טרויער, האָט ער אַ קוק געגעבן אויף זיין באַלעבאָס.

— נאָ־סער! קיין געצאָלט דאַרף איך ניט! איך בין אַן אַלטער נעגער, אָן אַ ווייב, אָן קינדער און אָן אַ היים, איז צו־וואָס דאַרף איך געלט? וועמען וועל איך דאָס איבערלאָזן? דיין שטוב איז מיין היים

געוואָרן. דו ביסט מיר ליב און טייער. אָבער... די... איך וויל זיך בלויז אַביסל צעשטרייען...

אַפריער האָט גרשון געמיינט, אַז טאָם וויל אינגאַנצן אַוועקגיין פון דאַנען. האָט דאָס אים געערגערט. נאָר איצט האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט, אַרויסגעצויגן אַ פינפערל פון קעשענע און דאָס אָפּגעגעבן דעם אַלטן.

— ברענג פון דאָרט אַ פּאָר לאַבנס ברויט, אַ פלעשל בראָנפן און אַ גוט שטיקל פלייש. געסט וועלן מסתמא קומען. זאָל כאָטש זיין מיט וואָס מכבד זיין.

מיט איינגערעדטער עגמת־נפש, אַז צוליב זיין טונקלהויטיקייט וועט איםביילקע ניט וועלן האָבן אויפן פּאַרם, איז ער אַוועקגעריטן קיין גרעיג סיטי און גערעכנט אַריין צום שעריף אין שענק. דאָרט איז אַלע־מאָל פריילעך. דער גראַמאָפאָן שפּילט. עריט געוויס אָנטרעפן באַקאַנטע „הענט״, פּאַרמערס, וואָס וועלן אים צורופן טרינקען אַ שנאַפּס און פונאַנדערפרעגן זיך ווי עס גייט אים ביים יידישן האָומסטעדער.

רייטנדיק, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער איז שוין אַריין אין שענק. חברה האָבן אים דערזען, זיינען צופרידן פון זיין קומען, און שרייען פון אַלע זייטן:

— „טאָם! וואו ביסטו דאָס געווען די גאַנצע צייט?! ווערסט שוין אַלט, אָלד־באָי! וועסט טרינקען אַ שנאַפּס? וועסט שיסן „טען־עלעווען״?! קום אַהער, טאָם! וואָס הערט זיך? דער ייד וועט טאַקע זיין אַ האָומסטעדער?״

יאָ, טאָם האָט געוואוסט, אַז אַזוי אומגעפער וועט מען אים באַ־געגענען ביים שעריף אין שענק און ער האָט אונטערגעטריבן די קליאַטשע.

קאַפּיטל VIII

אין אָוונט האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען. אַפריער האָט גע־פלוכעט מיט גרויסע פולע טראָפּנס, וואָס האָט געמיינט, אַז דער רעגן וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. אָבער, מיט יעדער מינוט, מיט יעדער שעה, איז דער רעגן שטאַרקער געוואָרן. די טראָפּנס, דינינקע, ווי געשלייפטע נאָדלען, זיינען געפאַלן געדיכט, שניידנדיק, און צו וויסן געגעבן, אַז דער רעגן וועט גיין און גיין.

גרשון האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע. דער פאַרפּעצטער טעלער פון דער זופּ איז נאָך געשטאַנען אויפן טיש און געוואַרט, אַז ער

זאָל אים אויסוואַשן. מיטאַמאָל האָט פרינץ אָנגעשפּיצט די אויערן און אַ וואָרטשע געטאָן. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז „אַריינ־געפאַלן" עפּלבוימס מויד. אַ דורכגענעצטע ביזן ביין, איז זי אַביסל אַ פאַרלאָרענע געבליבן שטיין לעבן טיר און מיט כלומרשטער מורא אין די אויגן פאַרענטפערט זיך פאַרן פּלוצימדיקן קומען:

— איך בין געפאָרן צו די וואַלערס און... צוליבן רעגן אַפּנים דעם וועג פאַרלוירן... כ׳האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דאָ איז אייער פאַרם!... געזען ליכט אין פענצטער, בין איך אַריין איבערוואַרטן דעם רעגן...

גרשון האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך: אַ מענטש האָט פאַרבלאָנדזשעט, און ער האָט איר פערד אין שטאַל אַריינגעפירט, געגעבן אים אַ ביסל היי. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט אין שטיבל און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דער מויד, און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— טוט אויס אייער מאַנטל...

זי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. מיט שוועריקייט אַראָפּגע־צויגן דעם נאַסן מלבוש פון די פּלייצעס און אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט. באַמערקט איר ציטערן, האָט גרשון אָנגעוואָרפן פרישע שפּענער אין אויוון און אָנגעצונדן, אָנגעגאָסן אַ פענדעלע מיט וואַסער, צוגעשטעלט קאָכן קאַווע. און זעענדיק, אַז זי שטייט נאָך אַלץ און טרייסלט זיך ווי אַ בלאַט, איז ער צוגעגאַנגען צו איר:

— מיס עפּלבוים, אייערע קליידער זיינען דאָך נאַסע! איר וועט זיך נאָך צוקילן און חלילה באַקומען ניומאָניע. גייט אַריין אין צווייטן צימער און טוט זיי אויס. מע דאַרף זיי אויסטריקענען. איך וועל אייך געבן מיין שלאָף־ראָק אָנצוטאָן. שעמט זיך ניט און האָט ניט קיין מורא פאַר מיר. איך בין אַ פאַרהייראַטער מאַן און האָב צוויי קינ־דערלעך, זאָלן געזונט זיין...

זי האָט אַ פאַרשנדיקן קוק געטאָן אויף אים, אַ קוק, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: וועסט טאַקע זיין אַ דזשענטלמען?... און באַגראָבנדיק אַ גנביש שמייכעלע אַרום אירע פולע תאווהדיקע ליפּן, איז זי אַריין אין צווייטן אַלקערל, אַראָפּגעוואָרפן די נאַסע קליידער פון זיך, אָנגעטאָן גרשונס שלאָף־ראָק און צוגעגאַנגען צום אויוון טריקענען די קליידער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז איבערן שטיבל אויפגעגאַנגען דער אַראָמאַט פון פרישער קאַווע, געקיצלט אין די נאָז־לעכער, גערייצט דעם גומען. גרשון האָט אָנגעגאָסן צוויי טאַסן, אויפן טיש — קעז, אַ ניו־יאָרקער שטיקל וואורשט אָוועקגעלייגט:

— טרינקט. דאָס וועט אייך נאָך מער דערוואַרעמען ווי דער אויוון... איר זייט דאָך געוויס הונגעריק פון אַזאַ ווייטן וועג!

ביידע האָבן זיך געזעצט צום טיש. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דערלאַנגען די טאַסע קאַווע. דער שלאָף־ראָק האָט זיך אַביסל אַראָפּ־געגליטשט פון איר אַקסל און עס האָבן זיך באַוויזן די קאָנטורן פון אירע שטייפע, ווייסע בריסט. אַ פּאַסמע האָר איז איבערן שטערן אַראָפּ־געפאַלן און צוגעגעבן טויזנטער חנען צו איר שיינעם נאַרישוואַטן פּנים. זי האָט אַ שעלמישן שמייכל געטאָן:

— איר זיינט אַ דזשענטלמאַן און אַ גוטער מענטש... ביי אַן אַנדערן וואָלט איך מורא געהאַט אויסצוטאָן זיך...

ס'אַ כאָלערעדיקע מויד! — האָט גרשון אַ טראַכט געטאָן: זי רייצט זיך נאָך און רופט אים „דזשענטלמאַן". ער האָט געוואָלט אויפֿ־שטיין פון בענקל, צוגיין און אַריינבעמען זי אין זיינע געזונטע הענט, וואָלט זי שוין געוואוסט, ווי צו רופן אים „דזשענטלמאַן". נאָר מיט־אַמאָל איז זיין בליק געפאַלן אויפן קאָמאָדל, וואו ביילקעס טעלעגראַמע איז געלעגן אַ געעפנטע: „פּרייטיק וועלן מיר קומען. וואַרט אויף אונדז ביים סטיישאַן!"... האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר די אייגענע געדאַנקען, אַראָפּגעלאָזט די בליקן, איינגעהערט זיך צו דער שטילקייט, וואָס האָט איצט געהערשט אין שטיבל און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט טאָמס טריט. וואָס וואָלט טאָקע געווען, ווען דער אַלטער קומט פלוצים צוגיין און טרעפט זיין בעל־הבית מיט אַ נקבה? די שכנים וואָלטן דאָך אים מיט שטיינער פאַרטריבן פון דאַנען. און זי זיצט און שמייכלט אַזוי פאַרפירעריש.

— „איר זייט דאָך אַ דזשענטלמאַן"!...

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט, גענומען גיין האַסטיקער ווי פריער און עדות געזאָגט, אַז די שליכאַטע וועט אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט. שעהן האָבן זיך געגליטשט איינע נאָך דער אַנדערער, געררוקט זיך אַלץ נע־ענטער צום פרימאָרגן. דער אַראָמאַט פון קאַווע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט. די וואַרעמקייט האָט נאָכגעלאָזט. דאָס פייער אין אויוון איז אויסגעגאַנגען, און גרשונען האָט אָנגעהויבן ציען צום בעט, און צום שטיק וייב, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן קעגן אים מיט אַראָפּגעלאָזטע וויעס.

אַ מידער, אַן אָנגעלאָדענער מיט שלאָף אין די אויגן און מיט אַ גע־צאַמטער תאווה, האָט ער זיך פון אָרט ניט גערירט און געוואַרט: זאָל זי אָנטאָן די אויסגעטריקנטע קליידער און פאָרן אַהיים... נאָר זי האָט

אפנים פון אַהיים פאַרן ניט געטראַכט און אין האַלב וואַכיקן דרימל געהאַפּט: באַלד וועט ער זי נעמען אויף זיינע געזונטע הענט און אַריינשושקען איר אין אויער: „קום, מיין טייערע...״

ער האָט זיך אָבער קיין ריר ניט געגעבן. נאָר, ווען דיביינער האָבן אים אָנגעהויבן ברעכן פונעם לאַנגן זיצן אויף איין אָרט, איז ער לסוף אויפגעשטאַנען.

— אַנטשולדיקט, טייערינקע, איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן... כימוז גיין שלאָפן. אויב איר ווילט — קאָנט איר גיין אין מיין בעט און איך — אין טאָמס...

אַן איראָניש שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אַרום איר מויל. איר פאַרשלאָפן פנים איז מיט פאַרבאַהאַלטענער בייזקייט באַצויגן געוואָרן:

— שטערט אייך ניט... שלאָפט דאָ, וואו אַלעמאָל... איך וועל דאָ איבערזיצן די נאַכט...

ער האָט איר ניט געענטפערט. איז אַריין אין בעט, צוגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע. אָבער איינשלאָפן האָט ער ניט געקאָנט. די מויד איז פאַר די אויגן געשטאַנען און געלאַכט פון אים... פאַרהויבן אַ נאַקעטע האַנט, שפּאָטיש אין פנים אַריינגעקוקט. צו לעצט האָט ער איינגעדרעמלט און דערפילט: אימיצער נעמט אים אַרום, קושט זיינע פאַרמאַכטע אויגן, שפּילט זיך מיט די געקרויזלטע האָר אויפן ברוסט־קאַסטן, און אים האָט זיך אויסגעדוכט — דאָס זיינען ביילקעס הענט!...

פאַרטאָג איז ער שוין געווען אויף די פיס און מיט אַ בלאַסער באַק פון ליגן אויפן קישן איז ער שטיין געבליבן לעבן דער מויד, וואָס איז געלעגן אַ צוזאַמענגעדרייטע ווי אַ שלאַנג.

— מיס עפּלבוים, מיס עפּלבוים, איר שלאָפט? שוין באַלד גרויער טאָג. מענטשן וועלן באַמערקן. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פאַמיליע־מאַן. פריייטיק קומט מיין ווייב אַהער. מען וועט ריידן... אַ פעלד האָט אויערן און בערג האָבן אויגן. שלעכטע צינגער זיינען פאַראַן אומעטום...

זי איז ניט געשלאָפן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי געהערט יעדן ריר זיינעם. זיין בעטנדיקער קול איז איר געפעלן געוואָרן, און כאָטש זי האָט געפילט אַ טיפע באַליידיקונג וואָס ער הייסט איר גיין, האָט זי דאָס פונדעסטוועגן ניט אַרויסגעוויזן. בלויז די אויגן געעפנט, אַזעלכע גרויסן, גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן זיך ממש געבעטן, אַז מען זאָל זיי קושן, קושן.

— האָט ניט קיין מורא. קיין שאַנדע וועל איך אייך ניט אָנטאָן...

זי האָט זיך אָנגעטאָן. מיט אַ קעמעלע אויסגעלייגט די האָר אויפן קאָפּ, זיי מיט אַ קאָלירטער ליענטע אַרומגענומען און אויפן מיטן שרונט אַ שלייפּעלע אויסגעדרייט. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן צופוצן זיך, האָט גרשון אַ וואַרעמע גלאָז וואַסער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און געבעטן זיך ביי איר, ווי ביי אַ קינד:

— טוט מיר אַ טובה, טייערינקע, און טרינקט עס אויס. אויב איר וועט דאָס ניט טאָן — וועט זיך מיר אויסדוכטן, אַז איר זייט אַוועק אַ ברוגזע...

פון זיין אָפטן קוקן אין פענצטער, צי קיינער קומט ניט, און פון זיין זאָגן „טרינקט גיכער, פּליז" — איז זי אויף אַן אמתן אין כעס געוואָרן. אָבער זיין גוטסקייט, דער מילדער גלעט מיט די אויגן, האָט דעם כעס איבערגעוואויגן און, אויסטרינקענדיק, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, אַ בריי־ענדיקן קוש געגעבן אויף די ליפּן, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף איר פערד, וואָס איז שוין געשטאַנען ביים שוועל אַן אָנגע־זאָטלטער, און איז פאַרשוואונדן אין כמורנעם אויפגייענדיקן טאָג.

און ער? ער איז געבליבן אין דעם האַלב־טונקעלן שטיבל און דערפילט זיך ווי אַן אויסגעבייטלטער: קליין און נאַריש. איר קוש האָט געברענט. פון די ליפּן האָט געשמעקט מיט שמינקע, מיט מיידל־גערוך און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שויבן מיט די ערשטע שפּראָצן אויף טאָג — קוקן אויף אים און לאַכן אָפּ פונם געזונטן פּויער, וואָס קאָן שטיבער בויען, שטאַלן שטעלן, ברונעמער גראָבן און דאָך האָט ער מורא פאַרן אייגענעם שאָטן, פאַר אַ נאַריש מיידל, וואָס איז געקומען און אַוועק אַן אָפּגענאַרטע, אַ פאַרשעמטע...

קאַפּיטל IX

עס האָט אויפגעהערט צו גיסן. אַנשטאָט דעם רעגן, איז אַ קאַלטער ווינט אָנגעלאָפן. פון ערגעץ האָט זיך אַ געשמאַקער פרעסטל אַראָפּגע־כאַפּט. די בלאָטעס און בלאָטקעס זיינען מיט דינע גלאָז־שייבעלעך באַצויגן געוואָרן און ביים ערשטן פוס־באַריר — צעבראָכן זיך אונטערן טראָט, מיט אַ דינעם גלעזערנעם געקלאַנג. די זון האָט זיך פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים און איינגעוויקלט דעם סטעפּ אין סומנער האַרבסטקייט, וואָס האָט דערמאָנט אָן ווינטערדיקע פרעסט און זאַווערוכעס.

עס איז דורכגעגאַנגען דער זונטיק, און טאָם האָט זיך ניט צוריק־געקערט. ווידער איז די נאַכט אָנגעשוואוימען. ערשט ווען דער מאָנטיק־

דיקער פאַרטאָג איז אויפגעגאַנגען, און די בערג זיינען אַנזעעוודיקער געוואָרן, איז טאַם צוריקגעקומען. אַ ביסל אַ פאַרשניאַשקעטער איז ער אַראָפּ פונם זאָטל, דאָס פערד אין שטאַל אַריינגעפירט, אַריין אין שטיבל און אַ וואַלגער געגעבן זיך אויפן בעטל:

— סאָרי, באָס! די ווייסע בעסטערדס האָבן מיר די קעשענעס אויסגעליידיקט...

גרשון האָט זיך ניט אָנגעברוגזט אויף אים. געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל, איז מסתמא ניט פון פאַרגעניגן וועגן. עפּעס דריקט אים. דאָס וואָרט „ווייסע" האָט גרשונען לאַנג אין די אויערן געגרילצט און באַוויזן, אַז טאַם טראָגט אין זיך אַ פאָראורטייל קעגן ווייסע, און דאָס האָט אים געאַרט. אין דער זעלבער צייט האָט ער הנאה געהאַט, וואָס דער אַלטער האָט פאַר אים אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווי ער וואָלט געווען זיינס אַ גלייכן.

ער האָט דעם אַלטן צוגעדעקט און אַרויס אין דרויסן. די קאַרעטע מיט וואַסער אָנגעפילט, אַרויסגעפירט די פערד פון שטאַל, זיי אָנגעפּאָיעט, די בהמות אָנגעטרונקען און אויף פּאַשע אַרויסגעטריבן, נאָכדעם — איינגעשפּאַנט די צוויי אַרבעטס־פערד און אַוועקגעפאָרן אין שטעטל איינקויפן זאַכן, איידער ביילקע מיט די קינדער וועלן אָנקומען.

דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן פינקלשטיינס געשעפט, דערציילט דעם לאַנדסמאַן זיינעם, וואָס ער האָט באַוויזן אויפצוטאָן דורך די עטלעכע חדשים, אויך, אַז ביילקע מיט די קינדער וועלן אָנקומען היינטיקן פרייטיק, און איינהאַנדלענדיק אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט, איז ער אַ פריילעכער אויפן וואָגן אַרויף און פאַרקערעוועט צוריק אַהיים.

די לעצטע עטלעכע טעג האָט ער ניט גערוט: דאָ — אויפגעקלאַפּט נאָך אַ בענקל, אַ בעט, נאָך אַ פּאָליצקע אויף די ווענט. געהאַלטן אין איין באַקוקן די באַוולנע מאַטראַצן, וואָס ער האָט פון שטעטל געבראַכט; די דילן אויסגעקערט, אויסגעוואַשן, יעדעס ווינקעלע אויסגערייניקט, כדי ביילקע זאָל טרעפן אַ ריינע, איינגעפּונדעוועטע שטוב. פונדעסטוועגן האָט זיך אים געדוכט, אַז עפּעס פעלט. ס'איז נאָך אַלץ ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין...

דעם קומענדיקן פרייטיק איז ער אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלעמאָל. איינגעהייצט דעם אויוון, אויפגעקאָכט וואַסער. איינגעגנעצט דעם האַנטוך אין דעם און דאָס צום פּנים צוגעלייגט, אַז זיין באָרד זאָל אַביסל ווייכער ווערן. די מאָרדע האָט ער מיט זייף־מולינעס אָנגעזייפט און, קוקנדיק אין אַ קליין שפּיגעלע אויפן וואַנט, האָט ער זיך אָפּגעגאָלט, מיט קאַלט

וואָסער דאָס פּנים אָפּגעפּרישט און איז אַוועקגעפאָרן צום באַן באַגע־גענען דאָס ווייב מיט די קינדער.

ביים פאָרן האָבן די רעדער געשפּרונגען איבער פאַרפראָרענע הרודעס און געטרייסלט דעם וואָגן. די פערד זיינען געלאָפן. פון זייערע נאָזדרעס האָט אַ ווייסע פּאַרע געשלאָגן. נאָר מיט זייער לויפן האָט זיך גרשון ניט באַנוגנט און געקנאַלט מיט דער בייטש, געצויגן די לייצעס; אים האָט זיך געדוכט, אַז די פערד גייען פּאַמעלעך. דער וועג וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, ער וועט דאָס שטעטל אַזוי גיך ניט אָניאָגן און וועט אָנווערן די באַן.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן דער שפּיציקער דאַך פון „האָטעל“, וואָס האָט באַלאַנגט צו פּאַרסאָן, דעם שעריף. באַלד איז אויפגעשוואומען דער צלם פון נידעריקן קלויסטערל און פאַר די רעדער האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייגן אַ ברייטע גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער סטאַנציע.

די באַן איז נאָך ניט אָנגעקומען, און גרשון, אַן אַנטוישטער און אַן אומרואיקער איז אַלע ווײַלע אַריין אין וואָקזאַלעכל, צוגעגאַנגען צום פּירקאַנטיקן קאַסע־פענצטערל און געפרעגט און איבערגעפרעגט דעם איינציקן מענטשן דאָרט:

— ווען וועט שוין די באַן אָנקומען? האָט זי זיך פאַרשפּעטיקט? אפשר האָט אַן אומגליק, חלילה, געטראָפן אויפן וועג און איר ווילט מיר ניט זאָגן דעם אמת? איך דערוואַרט מיין פרוי מיט די קינדער פון דער איסט.

צוערשט האָט אים דער מענטש געענטפערט געלאַסן און אַפילו מיט אַ שמייכל: „אויף אַ באַן, אויף אַ ווייב און אויף אַ רעגן — דאַרף מען קיינמאָל ניט ריכטן זיך, אַז זיי וועלן אָנקומען אין צייט“... אָבער, ווען גרשון איז עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד צוגעגאַנגען און איבערגעפרעגט די זעלבע פראַגע, האָט דער מענטש פאַרלוירן דעם „הומאָר“ און מיט שטרענגקייט אין קול געענטפערט:

— הער זיך איין, פאַרמער! די באַן וועט פון די רעלסן ניט אַנטלויפן, און דריי מיר ניט דעם קאָפּ! האָסטו געזען, ווי אַ מענטש האָט זיך דאָס צוגעטשעפּעט. ניט פּטור צו ווערן פון אים?!...

פון יענעמס כעס האָט גרשון קיין ווערט ניט געמאַכט. ער איז געווען צו אומרואיק און אומגעדולדיק אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם. רגעס און מינוטן האָבן זיך פאַר אים געצויגן ווי יאָרן. ער האָט פון די רעלסן די אויגן ניט אַוועקגענומען, געמאָסטן זייער ווייטן שפּאַן, געקוקט אויפן האָריזאָנט, געזוכט די שוואַרצע יאַרמולקע פונם לאָקאָמאָטיוו, אַ סימן

פון רויך געוואַלט דערזען, נאָר חוץ אַ ווייסן וואָלקנדל אויפן הימל איז מער גאָרניט געווען צו באַמערקן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן דער ווייטער דומפּיקער אַפּהילך פון אַ באַסאָוון טרובען. אַ שוואַרץ געדיכטער רויך האָט נאָכגעפאָלגט און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַן אומגעלומפּערטער געשטאַלט פון אַ מעטאַלענער חיה, וואָס האָט געשאָסן מיט רויך און דאַמף אין אַלע זייטן. מיט יעדער רגע איז די באַן געוואָרן נעענטער און נעענטער און אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ביז די טאָרמאָזן זיינען פאַר־האַמעוועט געוואָרן. לסוף — האָט זי אַ שטאַרקן זיפץ געגעבן און אָפּגע־שטעלט זיך.

די באַן האָט נאָך ניט באַוויזן ריכטיק אָוועקצושטעלן זיך, איז שוין גרשון געלאָפן פון איין וואַגאָן־פענצטערל צום אַנדערן, אַריינגעקוקט אין די שויבעלעך, געזוכט ביילקעס פּנים, די קינדער — און ניט געפונען. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שרעקן אויף אַן אמתן: מסתמא איז זי ניט אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן. געדאַרפט נאָכאַמאָל איבערלייענען די טעלעגראַמע... אפשר איז זי יאָ געפאָרן מיט דער באַן און אויפן וועג האָט אַן אומגליק געטראָפן?

מיטאַמאָל האָט גרשון דערזען: אַ „פּאַרטער" האָט אַרויסגעטראָגן עטלעכע וואַליזעס, און אויף די טרעפּלעך האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פרוי אין אַ שוואַרצן מאַנטל, הינטער איר איז נאָכגעגאַנגען אַ בלאָנדע מיידעלע פון אַ יאָר זיבן און אַ יינגל פון אַרום ניין אָדער צען.

מיט צענומענע הענט איז גרשון צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן דאָס מיידעלע אויף איין האַנט, דאָס יינגל — אויף דער אַנדערער, זיי געדריקט צום האַרצן, געקושט און געלאַכט. ביילקע, זעענדיק, אַז זיינע הענט זיינען פאַרפולט געוואָרן מיט די קינדער — האָט זי זיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט און, אַנשטאָט אַ קוש טאָן אים, האָט זי גאָר אָנגעהויבן וויינען:

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע? — האָט ער זי באַרויִקט, — קריך אַרויף אויפן וואָגן. מירן צופאָרן צום האָטעל עפּעס איבערבייסן, טריב־קען אַ וואַרעמס. ס׳איז היינט אַ שטאַרקער פראָסט. דערנאָך וועלן מיר פאָרן אַהיים.

פון גרויס התפעלות, וואָס ער האָט דערזען צוויי שיינע געזונטע פערד, האָט זיך אייבעלע פאַרגעסן אַז ס׳איז אים קאַלט, און אַ געשריי געטאָן:

— פאַ! דאָס זיינען דיינע פערד? אוי, סאַרע שיינע זיי זיינען!

אויךביילקע האָט פון זיי די אויגן ניט געקאָנט אַוועקנעמען.

— טאַקע גוטע פערד, כ׳לעבן. איך האָב נאָך אַזעלכענע ניט געזען. וואו האָסטו זיי גענומען? קאָסטן אַוודאי אַ סך געלט? הערסט? מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דעם גרויען זאָל מען אַ נאָמען געבן „סילווער״, און דעם אַנדערן, דעם שווערערן — „דאָופי״. ווייל ער קוקט אויס צו זיין נאַרישער פונם ערשטן...

גרשון האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. אים איז געפעלן, וואָס זי האָט נאָך ניט פאַרגעסן זיין ערשטן בריוו, אין וועלכן ער האָט איר געשריבן, אַז ווען זי וועט קומען, וועלן זיי צוזאַמען צוטראַכטן נעמען פאַר די פערד מיט די בהמות. און איצט, אַרויפזעצנדיק די קינדער אויפן וואָגן און אויך איר העלפנדיק אַרויפקריכן, האָט ער גענומען די לייצעס אין די הענט און אַ פּאַכע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן.

— די נעמען זיינען ווי אָנגעמאָסטן! איך וואָלט קיין בעסערע ניט געקאָנט אויסקלערן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער וואָגן שטיין געבליבן לעבן האָטעל. מאַן און ווייב צוזאַמען מיט די קינדער זיינען אַריין אינעווייניק. דאָ איז געווען וואַרעם און רויִק. ביים קאָנטער זיינען עטלעכע פאַרמערס געשטאַנען, געטרונקען בראָנפן און פאַרביסן מיט שטיקלעך וואורשט און האַרטע אייער, וואָס איז געווען אַ פרייער צוגאָב צו די געטראַנקען. גרשון האָט זיין קליינע משפחה צו אַ טיש צוגעפירט, געהייסן זיי זיצן, און צוגערופן דעם שעריף:

— מיסטער פאַרסאָן, דאָס איז מיין פרוי ביילקע, מיין זון אייבעלע און מיין טאָכטער מערעלע! זיי זיינען ערשט פון באַן אַראָפּ. איר האָט עפּעס צום עסן און טרינקען פון זייערטוועגן? לאָמיר זאָגן: גע־פּראַזשעטע אייער, וואַרעמע מילך פאַר די קינדער און קאַווע פאַר מיר און פאַר מיין פרוי.

— אַוודאי איז פאַראַן. וואָדען, ניטאָ? צוליב וואָס איז ביי מיר אַ האָטעל, — האָט פאַרסאָן געענטפערט מיט ברייטקייט אין קול און אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ צו ביילקען, — עס פרייט מיך צו קענען אייך, מעם! און דו, דזשאָו, האָסט אַ ליבע פרוי און וואוילע קינדערלעך. נאָך אַ פּאָר יאָר, און וועסט האָבן גוטע הענט צו דער אַרבעט...

ביז דאָס עסן איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך גרשון אַרויסגעכאַפּט פון האָטעל, אַריין אין דזשענעראַל סטאָר, איינגעהאַנדלט נאָך עטלעכע קלייניקייטן, וואָס ער האָט פאַרגעסן צו קויפן; פאַראייִנס אָפּגעשטעלט

זיך ביי עפּלבוימען און געבעטן, אַז יענער זאָל אַריינגיין אין האָטעל און באַקענען זיך מיט זיין ווייב און קינדער.

אַז זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען און דערוואַרעמט זיך אַביסל פון דער קעלט, איז אַריינגעקומען עפּלבוים מיט זיין טאָכטער. גרשון האָט זיי צוגערופן:

— קומט נעענטער, מיסטער און מיס עפּלבוים, דאָס איז מיין ווייבביילקע און מיינע קינדער אייבעלע און מערעלע.

— ברוך הבא! — האָט דער שניידער אַרויסגענומען דעם לאַנגן, שוואַרצן ציגאַר פון מויל און געדרייט אים צווישן זיינע דאַרע פינגער, — אויסגעבלייכטע קינדערלעך, נעבעך. אָבער, נישקשה! אויפן פאַרם וועלן זיי אויסוואַקסן געזונטע גויים... די לופט איז דאָ פריש און ריין. מען דאַרף נאָר אַ סך עסן. עסן און אַרבעטן...

ביידע פרויען האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט, אָפּגעמאָסטן איינע די אַנדערע, ווי צוויי קאָנקורענטקעס, און ביי ביילקען האָט זיך אַ פּאָר־דעכטיקער געפיל אָנגעצונדן: אַזאַ געזונטע מויד! ווער ווייסט? אפשר?... דערנאָך האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויפן מאַן, צוריק אויף דער מויד און געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקע און אַן אומעטיקע...

די מויד האָט באַטראַכט ביילקען, די קינדער, אַ קאָסן קוק געטאָן אויף גרשונען, און ווען איר פאָטער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעקערט, איז זי צוגעגאַנגען נאָענט צום טישל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— האַלאָו, מיסעס פרידמאַן. ווען איר וועט זיין דאָ אַ צווייטן מאָל, קומט אַריין צו אונדז און איר, מיסטער פרידמאַן, קאָנט שוין איצט „פאַרבלאָנדזשען" צו אונדז. עס מעג אייך אָנשטיין...

גרשון האָט דערפילט דעם שטאָך, אים אַראָפּגעשלונגען, ווי ער האָט אין יענער רעגנדיקער נאַכט אַראָפּגעשלונגען איר זאָג: „איר זענט דאָך אַ דזשענטלמאַן!"...

קאַפּיטל X

ניט אויסטוענדיק דעם מאַנטל, איז ביילקע אַריין אין דער בייער, אייגענער היים. אַ שוועב־געטאָן איבער די דריי צימערלעך, באַקוקט די ווענטלעך, דעם סופיט, די צוויי טישן, די שטולן און דעם מאָדנעם „קאָמאָד" מיטן „אַלמער". ביים ערשטן בליק האָט מען גלייך געקאָנט זען, אַז ניט קיין אמתע סטאָליאַרסקע הענט האָבן דאָס געמאַכט. „אַנטיקן", — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, און אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער.

— גרשון! מען זעט דאָך דאָס גאַנצע פעלד פון דאַנען! האָסט דאָס אַלץ אַליין אויסגעבויט. כ׳מיין: די שטאַל, די „מעבל״?

ער האָט באַמערקט דעם אַרויפגעצוואונגענעם שמייכל אויף איר פּנים, געזען ווי די קינדער זייִנען פרעמדלעכע און אומעטיקע אַרומ־געגאַנגען איבערן שטיבל. מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קיך און ניט געוואָגט צו רירן זיך פון די ערטער, ווי דאָס וואָלט ניט געווען זייער היים. אים האָט דאָס פאַרדראָסן: ער האָט דאָך דאָ אַזויפיל כּחות אַרייַנגעלייגט און זיי איז דאָס ניט געפעלן... מסתּמא איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. ער האָט דאָס געזוכט מיט די אויגן און ניט געקאָנט געפינען.

טאָם, וואָס איז אין שטאַל געווען און אויסגעמאָלקן די בהמות, איז דערוויילע אַריין מיט אַ פולן עמער מילך. באַמערקט אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך אַרומדרייען זיך אין שטיבל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין די בעל־הביתטע מיט די קינדער. איז ער שטיין געבליבן מיטן עמער אין האַנט און אַ צעשראָקענער געקוקט אויף איר:

— טאָם! — האָט גרשון אָנגעוויזן אויף דער פרוי און קינדער, — וואָס ביסטו געבליבן שטיין לעבן טיר, ווי אַ האָן אין אַ מיטעליצע? דאָס איז דאָך ביילקע, אייבעלע מיט מערעלען!

— האַידי, מעם! — האָט דער אַלטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, דערפילנדיק זיך דאָ ווי אַן איבעריקער, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אים געשראָקן — באַלד וועט די בעל־הביתטע זאָגן: מיסטער, מער דאַרף מען דיך דאָ ניט האָבן. קאָנסט גיין פון דאַנען. מירן אויסקומען אָן דיר...

ביילקע האָט אַ ליכטיקן קוק געטאָן אויף טאָמס פאַרוואָלקנט פּנים, באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט, איז זי אָן קיין שום צערעמאָניעס צוגע־גאַנגען צו אים און געגעבן די האַנט:

— מיין מאַן האָט מיר אַ סך געשריבן וועגן אייך. איך וויל, אַז איר זאָלט זיך ניט פילן אומבאַקוועם אין מיין קעגנוואַרט. זייט אַזוי פריי און היימיש, ווי פריער. אפשר קוק איך אויס ווי אַ שלעכטע, אָבער פאַר מיר דאַרף מען קיין מורא ניט האָבן...

— אַ דאַנק פאַר דער גוטהאַרציקייט, מעם. איך שעץ די גוטס־קייט, וואָס איר ווייזט אַרויס אַן אַלטן נעגער... איך האָב אָנגעהייצט די שטוב און אָפּגעבריט מילך פאַר די קינדער. זיי זייִנען דאָך געוויס הונגעריק און דורשטיק. אויך אַ זופּ קאָכט זיך אין אויוון. ס׳וועט באַלד

פּאַרטיק ווערן. כ׳וואָלט דאָס צוגעשטעלט פריער, כ׳האָב אָבער ניט געוואוסט ווען איר וועט אָנקומען.

— איר דאַרפט זיך ניט פּאַרענטפערן, — האָט זי אים באַרואיקט, — עס איז אַזוי אויך שיין פון אייער זייט. אַ דאַנק!

דער אַלטער האָט ניט דערהערט אירע לעצטע רייד. אָן אויפ־געמוטיקטער איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, אים אָפּגעווישט, אַוועק־געשטעלט און אַוועקגעלייגט טעלער, מעסער און גאָפּל, ברויט אָנגע־שניטן, פון אויוון די אָפּגעבריטע מילך און די זופּ דערלאַנגט.

— זעצט זיך צום טיש, מעם! און איר, חברה, וועט היינט מוזן עסן מיינע פּאַטראָוועס...

— גייט עסן! — האָטביילקע אָנגעשריען אויף די קינדער, — אָנקל טאָם האָט אָפּגעקאָכט זופּ פון אונזערטוועגן.

געהאַרכזאַמע האָבן די קינדער געפאָלגט. אויך גרשון האָט פּאַר־נומען אָן אָרט ביים טיש. טאָם האָט אַריינגעגאָסן די זופּ אין די טעלער, מילך — אין צוויי גלעזער, און דאָס דערלאַנגט די קינדער. מערעלע האָט באַמערקט טאָמס טונקל־הויטיקע האַנט און מיט אַ פינגערל אָנגע־רירט זיין הויט:

— אָנקל טאָם, ווארום איז דיין האַנט אַזאַ שוואַרצע? וואַש אָפּ מיט זייף, וועט זי ווערן ווייס!

אָפּנים אַז טאָמען איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע פראַגעס פון ווייסע קינדער, ווייל פון מערעלעס פרעגן איז ער ניט נתפעל געוואָרן, ניט באַליידיקט זיך, נאָר אומבאַהאָלפן געשמייכלט און צערטלעך געגלעט אירע זיידענע הערעלעך:

— נאָ, מיסי. ניטאָ אַזאַ זייף אויף דער וועלט. מען קאָן דאָס ניט אָפּוואַשן...

דערפאַר אָבער האָבן זיך ביילקע מיט גרשונען פאַרשעמט פונם קינדס חוצפּה. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן.

כדי צו איבעררייסן די פּלוצים־געוואָרענע שטילקייט, וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען, האָט זיך די מוטער געכאַפּט, אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, און אָנגעשריען אויפן קינד:

— עס, און פרעג ניט קיין נאַרישע פראַגעס!

דאָס קינד האָט מיטן לעפל געפּליוטשעט אין טעלער, געקוקט — דאָ אויפן טאָטן, דאָ — אויף דער מאַמען און אויפן אָנקל־טאָמען, וואָס האָט ליבלעך געשמייכלט צו איר, און זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין,

פּאַרוואָס די מאַמע שרייט אויף איר און פּאַרוואָס אַנקל טאָם קאָן מיט זייף די הענט ניט אָפּוואַשן...

די שטימונג ביים ערשטן מאָלצייט איז ניט געווען קיין געהויבענע. מעגלעך, אַז די מידקייט פון וועג האָט דאָ אויך עפּעס געהאַט צו טאָן, ווייל באַלד נאָכן עסן האָט זיך יעדערער פאַרקליבן אין אַן אַנדער ווינקל און געוואַרט אויפן אָוונט. מיט יעדער רגע זיינען די שויבן בלויער און פינצטערער געוואָרן, און די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַריינקלייבן אין שטיבל.

אויף מאָרגן האָטביילקע איבעראַניים באַטראַכט דאָס שטיבל און איבערהויפּט דעם אויוון — גאָר אַזוי ווי אינדערהיים! אַפילו ברויט קאָן מען באַקן אין אים. זי האָט איינגעהייצט, צוגעשטעלט קאָכן פרי־שטיק. דערנאָך אַרויסגענומען די זאַכן פון די וואַליזעס און גענומען אַריינהענגען אין „אַלמער".

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שנייען. שניי־פליטערלעך האָבן זיך געדרייט אינדערלופטן און פּאַמעלעך אַרונטערגעדרייט זיך אויף דער פאַרקאַוועטער ערד. ביילקע האָט אַ קוק געטאָן אין קיך־פענצטער: אין הויף איז אַ היפּשע שטאַל געשטאַנען, אַ טשיקן־קופּ צו האַלטן הינער, אַביסל נעענטער צום שטיבל — אַ ברונעם מיט אַ קאָרעטע דערנעבן; אַ הונט מיט אַ פאַרלייגטן ווידל צווישן די הינטערשטע לאַפּעס און מיט איינצלנע שניי־פּוכעלעך אויף דער פעל איז אַן איינזאַמער אַרומגעגאַנגען איבערן הויף.

הינטערן שטאַל האָט זיך ווייט און ברייט צעלייגט דער סטעפּ, וואָס האָט אָנגעהויבן באַפאַרבט ווערן אויף ווייס. איינע קעגן דער אַנדערער זיינען צווי כמורנע בערג געשטאַנען און געדרעמלט. ביילקע האָט געקוקט אויפן סטעפּ, אויף די בערג, און אויפן האַרצן איז איר אומעטיק געוואָרן: אָט דאָ וועט זי דאָס דאַרפן אָפּפינצטערן איר לעבן, אין אָט דער ווילדקייט וועט איר אויסקומען די קינדער אויפהאָדעווען און מאַכן זיי פאַר מענטשן?...

די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן. נאָר גרשון מיט טאָמען זיינען שוין אין שטאַל געווען און געפּאָרעט זיך אַרום די בהמות מיט די פערד — געגעבן זיי צום פרעסן. ביילקען האָט זיך פאַרוואָלט אָנקוקן אירע בהמות, זען דעם דריטן פערד, די עופות. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אַ מאַנטל אויף די פּלייצעס, פאַרקנופּט אַ טיכל אַרום קאָפּ און אַוועק אין שטאַל.

ווי נאָר זי האָט געעפנט דעם טויער, האָט איר אַ וואַרעמע פאַרע אין פּנים אַ שלאָג געטאָן. אַ זיס־זויערער גערוך פון בהמהשן אָפּפאַל

האָט אין די נאָז־לעכער געגומען קיצלען. פרינץ איז צוגעגאַנגען, באַ־שמעקט זי, לאַנג געדרייט מיטן ווידל. ביילקע האָט זיך איבערגעבויגן, אַ גלעט געגעבן אים און אַריין טיפער אין שטאַל.

דריי פערד האָבן געקייט היי און געקאָפּעט מיט די קלויען די ערד. אָפּגעצאַמט מיט אַ נידעריק שיטער וועגטל זיינען געשטאַנען צוויי בהמות מיט ווייסע פלעקן אויף די קעפּ און געמעלה־גרהעט. ביילקע האָט דעם קאָפּ איינגעבויגן. זייערע אָנגעפּילטע אייטערס האָבן געשפּאַרט אין אַלע זייטן — מען דאַרף זיי אויסמעלקן. און וועלנדיק זען, צי זי האָט נאָך ניט פאַרגעסן ווי דאָס צו טאָן, האָט זי גענומען אַ בלעכערנעם עמער, אים גוט אויסגעוואַשן, אויסגעשווענקט, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ נידעריק בענקעלע און אָנגעהויבן מעלקן.

טאָם מיט גרשונען האָבן איר ניט געשטערט. פאַרבאַהאַלטענע זיינען זיי געשטאַנען אויף יענעם זייט אָפּצאַם און מיט פרייד אין די הערצער געזען, ווי ביילקע ציט די סאָסקעס, און צוויי שטראָמעלעך מילך זינגען אַריין אין עמער און הויבן אויף אַ ווייסן שוים, אַ שוים וואָס האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער צום ראַנד.

פאַרטיק געוואָרן מיט איינער, האָט זי איר אַ צערטלדיקן פּאַטש געטאָן איבערן הינטן און צוגעגאַנגען צו דער אַנדערער בהמה, אַוועק־געשטעלט דאָס בענקעלע מיטן עמער און זי גענומען מעלקן. מיטאַמאָל האָט ביילקע באַמערקט, וויביידע מענער שטייען פאַרבאַהאַלטענע, ווינקען זיך איבער, און שמייכלען, היטן יעדן ריר אירן, האָט זי אַ לאַכנ־דיקע געפרעגט:

— וואָס היט איר מיך אַזוי? זעסט, גרשון, ווי איך מעלק? אַזויפיל יאָרן אַ בהמה פאַר די אויגן ניט געזען, געמיינט, אַז איך וועל שוין ניט קאָנען. אָבער וואָס ברעכן מיר די הענט? איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין!

— דאָס איז גאָרניט, מעם! — האָט טאָם פאַרכאַפּט גרשונס ריי צום ריידן, — עס נעמט זיך דערפון, וואָס דו האָסט אָפּנים אַ לאַנגע צייט ניט געמאָלקן.

גרשון האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן אָפּצאָם, געקייכט פון געלעכטער און געריצט זיך מיטן אַלטן:

— מיינסט, אַז בלויז דו קאָנסט מעלקן אַ בהמה? וואַרט־וואַרט! וועסט זען, אַז ביילקע וועט נאָך דיך איבערשטייגן. זי וועט אַפּילו אַקערן און זייען!...

ביילקע האָט ניט געקאָנט פאַרליידן זיינע לצוואַטע אָנצוהערע־נישן, און איינגעמאַשטשעט זיך בעסער אויפן בענקעלע:

— איר ווייסט? די ערשטע בהמה דאַרף מען אַ נאָמען געבן „סאָנקע". עפּעס איז זי אַ נאַרישע מילך־געבערקע, כאָטש מעלק זי אַ גאַנצן טאָג, רירט זי זיך ניט פון אָרט, און עס דוכט זיך, זי הערט זיך איין ווי מען מעלקט זי און האָט הנאה דערפון... די, איז שוין אַ קליי־נערע, דרייט דעם קאָפּ און שמייסט מיטן עק אין פּנים אַריין. זי וויל נאָר זען, ווער עס פּאַרעט זיך אַרום אירע אייטער... זי דאַרף מען רופן „כייקע". זי האָט אַ סך לעבן אין זיך...

פון איר איינפאַל האָבן זיך ביידע מענער אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז די בהמה האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן שנאָלן מיט די אויערן, איבער־געשטעלט אַ פוס און שיער ניט איבערגעקערט דעם עמער מילך. אויך דער הונט איז פריילעך געוואָרן, געקוקט די לאַכנדיקע מענטשן אין די פּנימער אַריין און צום סוף אַ פּאָר האַווקע געגעבן, ווי ער וואָלט מסכים געווען אויף די נעמען, וואָס ביילקע האָט צוגעטראַכט פאַר די בהמות.

די בעל־הביתטע האָט איבערגעלאָזט די מענער אין שטאַל און אַריינ־געטראָגן די מילך אין שטיבל. ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין טאָג. זי האָט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן זיך צוגעוואוינען צום פּאַרמערישן לעבן, אויפשטיין פאַרפרי און געניסן אַ פולן טאָג פרישע לופט און זון, האָט זי זיי איצט אויפגעוועקט:

— שטייט אויף! טוט זיך אָן און קומט עסן, שוין שפּעט!

שפּעטער אַ ביסל איז די זון אַרויס און אָנגעהויבן וואַרעמען מיט אַ בלאַסער, קאַרגער וואַרעמקייט. דער גרינגער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין. דאָס פעלד איז איצט געלעגן מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטער גרינ־קייט. די שויבן האָבן זיך צעטרערט מיט זיג־זאַגישע בייטשעלעך, וואָס זיינען אַראָפּגערונען אויף די ראָמען און פון דאָרט אויף די אושאַקעס.

מיט אַ שאַליקל אַרום העלדזל איז אייבעלע אַרויס אין דרויסן. דער סטעפּ און די בהמות, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אויף אים און געצופּט די אַלטע גראָז, האָבן געכישופט און גערייצט די קינדערשע פאַנטאַזיע. אָנגעשטעקט מיט דער פריילעכקייט פון ווייטע ברייטע פעלדער, האָט דאָס יינגל אַ קלער געטאָן: אוי, וועט ער דאָ האָבן וואו צו שפּילן זיך! עס זאָל נאָר זיין מיט וועמען, וואָלט ער אַפילו איצט געלאָזט זיך לויפן איבערן פעלד, ווי אַ לאָשיקל. ער וואָלט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַרג און געשריען פון דאָרטן: האָ־האָ! איך בין דאָ! האָ האָ! אויפן שפּיץ באַרג בין איך!

דערזען דאָס יינגל שטיין אינמיטן הויף און קוקן אויף די בערג, האָט אים טאָם צוגערופן:

— קליינער, קום אַהער!

אייבעלע האָט זיך אָנגעבלאָזן:

— איך בין ניט קיין קליינער! איך בין אַ גרויסער! איך קאָן לויפן איבערן פעלד און אַרויפקריכן אויף דעם העכסטן באַרג. ווילסט זען? ווילסט זיך וועטן מיט מיר, אַז איך קאָן?

— דער קליינער איז אַ האַנאַראָוויסטער און לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע, — האָט טאָם אָנגעקוואָלן פונעם יינגלס דרייסטקייט. און וועלנדיק געווינען אים אויף זיין זייט, האָט ער אים געפרעגט:

— איך ווייס, אַז דו קאָנסט קלעטערן אויף בערג. אָבער אויף אַ פערד אַרויפקריכן קאָנסטו? אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אויס־לערנען ווי מען פאָרט אויף אַ פערד רייטנדיק...

דער אַלטער האָט געכאַפּט דאַפּין, אים אָנגעזאָטלט, און אַ רוף געטאָן אייבעלען:

— הויב אויף דאָס לינקע פיסל און שטעל איר אַריין אין דער סטרעמעניע, אָט אַזוי! איצט פאַרוואַרף דאָס רעכטע פיסל איבערן זאָטל. אַזוי איז פיין! שטעל זי אַריין אין דער אַנדערער סטרעמעניע! נעם אָן די לייצעס. נאָר טרייב ניט דאָס פערד, הערסט? אַז דו וועסט שוין קאָנען פאָרן, וועסטו טאָן וואָס דו וועסט וועלן מיט אים. אָבער איצט, זיץ רואיק און האָב ניט קיין מורא.

טאָם האָט אים דאָס פערד ניט אָנגעטרויט — דאָס יינגל איז אַ צו גרויסער שטיפער — און געהאַלטן דאָס פערד ביים ציימל, געפירט אַרום שטיבל, אַרום שטאַל, געקרייזט אין אַ ראָד, און אַלע ווײַלע אָנגע־זאָגט אייבעלען, ווי מען דאַרף זיך האַלטן אויף אַ פערד. אַזוי האָט ער אים געלערנט אַ טאָג, צוויי, דריי. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט טאָם צוגענומען די האַנט פונם ציימל און אַ צופרידענער געזען, ווי אייבעלע האָט געקערעוועט דאָס פערד, אין וועלכן זייט ער האָט געוואָלט.

ווען גרשון מיטביילקען האָבן צום ערשטן מאָל באַמערקט ווי אייבעלע זיצט אויף דאַפּין, זיינען זיי פאַרציטערטע געוואָרן. דאָס קינד וועט דאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן און ברעכן זיך האַלדז און נאַקן! זיי האָבן געוואָלט, אַז דאָס יינגל זאָל אַראָפּגיין, אָבער טאָם האָט אויף זיי אָנגע־שריען: „אַ פאַרמערס אַ באָי דאַרף קאָנען רייטן אויף אַ פערד!" האָבן זיך שוין מאָן און ווייב פאַרשעמט פאַר טאָמס געדעכטע רייד און צו זייער שטוינונג געזען, ווי דאָס יינגל איז שוין אויף דער צווייטער וואָך אַרומ־געפאָרן איבערן סטעפּ ווי אַן אמתער רייטער...

מעגלעך אַז דערפאַר, וואָס דאָס יינגל האָט דערווייל קיין שום חברים

ניט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן זיך און די יונגע ענערגיע האָט ערגעץ געמוזט אויספּליסן, איז ער מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנצער אַריינגייער אין שטאַל. באַפריינדעט זיך מיט די פערד, „באַקאַנט זיך" מיט די בהמות, איבערהויפּט איז ער צוגעבונדן געוואָרן צום הונט, וואָס איז ווי אויסגעוואַקסן אומעטום, וואו נאָר אייבעלע איז געגאַנגען אָדער געשטאַנען.

און איינמאָל, ווען אַלע זיינען ביים טיש געזעסן און געגעסן, האָט דער אַלטער אַ קוק געטאָן אויפן יינגל און אָנגערופן זיך צו גרשונען:

— באָס־דזשאָו, ווערסט האָבן אַ גוטע האַנט. דיין באָי וואַקסט אַן אמתער פאַרמער! אַ שאָד, וואָס דו האָסט אים געהאַלטן אין שטאָט אַזוי לאַנג...

גרשון האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זיפץ געגעבן:

— אַ פאַרמער, אפשר יאָ, אָבער, וואָס וועט זיין מכוח לערנען זיך? ער וועט דאָך ווערן ווילד און אַפילו דעם אלף־בית ניט קענען! אַפּנים, אַז „אַלץ איינאיינעם איז ניטאָ ביי קיינעם"... פיזיש וועט ער דאָ קאָנען אויסוואַקסן אַ געזונטער באָי, נאָר וועגן עפּעס גייסטיקעס וועט זיין צרות...

דער אַלטער האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט טאַבאַק און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע:

— איך קען אַ סך פאַרמערס און רענטשערס, וואָס האָבן געלערנטע קינדער. מיינסט אַוודאי, אַז מען לעבט אין סטעפּ מוז מען דווקא האָבן ווילדע און פאַרגרעבטע קינדער? עס זיינען דאָ פאַראַן סקולס, ווי אין די שטעט. אמת, אַביסל ווייטלעך, מען מוז די קינדער אַוועקפירן און אָפּנעמען. איז טיילט מען זיך: איין וואָך פאָרט אַרויס דער פאַרמער, אַ צווייטע וואָך — אַן אַנדערער, און מען קלייבט צוזאַמען די קינדער. מען גיט זיך אַן עצה. די וועלט גייט ניט אונטער דערפון!...

אַז אין דער ווילדערניש איז אויך פאַראַן אַ סקול, פון דעם האָט גרשון ניט געוואוסט און געטראַכט. אויב עס זיינען דאָ פאַראַן סקולס, ווי אין די שטעט, וואו די קינדער זאָלן קאָנען לערנען — וועט ער שוין פון דאַנען ניט אַוועקגיין און בלייבן אַ פּויער, ווי זיין טאַטע איז געווען. די קינדער וועלן דאָ אויסוואַקסן און זיין געזונטע מענטשן...

דערווייל איז טאָם אַריין אין שטאַל, און מיט אַ ווילע גענומען אַרויסטראָגן דעם גנאַי אין דרויסן. ער האָט דערפון אַ היפשן בערגל אָנגעלייגט און, ווען די הוילע ערד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסזען, האָט ער אָנגעבעט פרישן שטרוי, וואָס גרשון האָט געבראַכט צופירן פון

וואַלערס פאַרם. אויך גרשון איז ניט געשטאַנען ליידיק. ער האָט גע־קאָמט די פערד. אמת, מיט „דאַפין", צי מיט „סילווערן" האָט ער זיך אַזוי ניט אָפּגעגעבן, ווי מיט „קווינין". זי האָט ער געבאַרשט, געגלעט יעדן טייל קערפּער, ביז איר פעל האָט אָנגעהויבן גלאַנצן ווי אַ גוטער פּליוש. פונעם לאַנגן עק אַ קנופּ אויסגעבונדן, אין גריווע אַ פּאָר רויטע סטענגעלעך אַריינגעפלאָכטן, און אויף דעם אָרט, וואו זי איז געשטאַנען, אַ סך שטרוי אָנגעבעט, אַז איר זאָל זיין ווייך און וואַרעם צו ליגן.

קיין שווערע אַרבעטאַרין איז „קוויני" גראָד ניט געווען. אָן איי־דעלע, מיט אַ שלאַנקן גראַציעזן גוף, מיט קליינע אָנגעשפּיצטע אויערן, שוואַרצע אויגן און הויכע פיס, האָט זי גיכער געפּאַסט צו זיין אַ רייט־פערד איידער אַ פאַרמערס אַ שקאַפּע. דערצו איז זי געווען אַ קלוגע, אַ געהאָרכזאַמע און אויף איר פערדישן שטייגער אָפּגעשאַצט דעם בעל־הבית׳עס איבערגעבנקייט, אים ליב געהאַט מיט איר פערדישער ליבע.

דורך דער צייט האָט זיך „קוויני" אַזוי צוגעוואוינט צו אים, אַז קוים איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שטאַל, האָט זי געהירזשעט, געדרייט דעם קאָפּ צום טויער, געקלאַפּט מיט די פיס, גערופן אים. און פלעגט ער זיך באַווייזן, האָט זי אויסגעבויגן דעם לאַנגן האַלדז, אַז ער זאָל צוגיין און גלעטן זי.

די מערסטע האָמסטעדער האָבן, דוכט זיך, איין געפיל און איין צוגאַנג צו אַלע פערד גלייך, אָבער מיט גרשונען איז דאָס געווען גאַנץ אַנדערש. „קווינין" האָט מען צו קיין אַנדערע פערד ניט געקאָנט צוגלייכן. זי איז געווען געטריי, ווי אַ גוטער הונט. פלעגט טרעפן: גרשון איז אויף איר געריטן און דערנאָך ערגעץ געדאַרפט אַריינגיין — האָט עס געמעגט נעמען אַ רגע, אַ שעה צי אַ טאָג, איז זי פונם אָרט ניט אָפּגע־טראָטן און געדולדיק געוואַרט אויף אים אפילו ניט־צוגעבונדענערהייט.

אין דעם הינזיכט פון איבערגעבנקייט איז „קוויני" ניט געווען די איינציקע ביים נייעם יידישן האָמסטעדער. אויך פּרינץ, שטאַרק און הויך ווי אַ וואָלף, נאָר מיט אַ בראַנזענער פעל און ווייסע פינגער אויף אַלע פיר פיס — איז געווען געטריי, און נאָך אפשר געטרייער פאַר דער קליאַטשע. דער הונט האָט זיין צוגעבונדנקייט צו די דערוואקסענע, און איבערהויפּט צו די קינדער און צו די פערד — דעמאָנסטרירט אויף יעדן שריט און טריט.

און דער גרויס־שטאָטישער מענטש, וואָס האָט אין ניו־יאָרק זיכער ניט געהאַט אַזעלכע געטרייע „פריינט" ווי קוויני און פּרינץ, און געלעבט אָן איינזאַמער, אָפּגעזונדערטער אינם גרויסן טומל, איז מיטאַמאָל

אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אמתע פריינט, מיט אַ שטיק פעלד, מיט הויכע בערג און טאָלן, מיט אַ טיפן הימל און ליכטיקער זון, וואָס יעדערער און יעדע איינע האָט אויף זיין, אָדער איר שטייגער, געוואָרעמט און צוגעזאָגט אים שפע. און זיין חלום, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געחלומט, ווערן אַ פאַרמער, איז אַביסל פאַרווירקלעכט געוואָרן. אמת, דערווײַלע האָט ער זיך נאָך ניט צוגערירט צו דער ערד און ניט געקאָנט וויסן צי זי וועט זיין אַ גוטע און צוריקצאָלן פאַר זיין מי.

נאָר אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דאָס, וואָס ער מיט טאָמען האָבן שוין דאָ אויפגעטאָן, האָט מען ניט געקאָנט. אין לויף פון די זעקס חדשים האָט ער אַ שטאָל מיט אַ שטיבל אויסגעבויט און אַ ברונעם אויס־געגראָבן. און דאָס איינהאַנדלען פערד און בהמות מיט עופות און אַרי־בערצובערענגען דאָס ווייב מיט די קינדער אַזוי גיך איז אויך ניט קיין קליינינקייט!..

אַמאָל פאַרדריסט אים טאַקע, וואָס ער האָט זיך צוגעאײַלט מיטן ברענגען ביילקען מיט די קינדער אַזוי גיך, ווייל פון וואַנען דורכצוקומען דעם ווינטער איז כמעט ניטאָ מיט וואָס. די עטלעכע דאָלער, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבן, זיינען דאָך אין דער אמתן ניט זיינע און געהערן צו טאָמען. יענער קאָן אַ ליאַדע טאָג אַ בעט טאָן: „באָס, גיב מיר אָפּ מיין געלט." און ער וועט דאָס מוזן אָפּגעבן. ער האָט בכלל פיינט צו האַלטן ביי זיך פרעמד געלט.

נאָר צוריקגערעדט: וואָס אַ שטייגער וואָלט ער געטאָן אַ גאַנצן ווינטער איינער אַליין און, איבערהויפּט, אַז קיין סך אַרבעט איז איצט ניט געווען? די טעג זיינען קורצע, די נעכט — לאַנגע, ווי דער יידישער גלות! ער וואָלט דאָך דאָ פון זיבן אַראָפּ! איצט, אַז ער גייט אַריין אין שטוב, איז פריילעך. די קינדער קאָמאַנדעווען, לויפן, שפּרינגען אַרום, און ביילקע, אַן אַנגעפּלאָמטע פון דעם אָנגעגליטן אויוון, קומט אים אַנטקעגן מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פנים: „ביסט הונגעריק?"

אַלץ איינס, האָט ער ווייטער געטראַכט: אונטערגעאײַלט און אַראָפּגעבראַכט? — זאָלן זיי דאָ זיין געזונטערהייט! נאָר וואָס דען? ער׳ט דאַרפן געפינען אַ רייכן פאַרמער, צי אַ פאַבריק ערגעץ, און פאַר־דינען אויף דער הוצאה, אַז די פאַר דאָלער זאָלן דערווייל ניט צעקריכן. ער וועט נאָך פאַרדינען און פאַרן געלט קויפן אַ פאַר קעלבלעך, צי נאָך אַ פערד. מילא, זריעה צום פאַרזייען עטלעכע אַקער דערווייל קאָן ער אויסבאָרגן ביי אַ שכן, צי ביים לאַנדסמאַן אין שטעטל...

קאַפּיטל XI

ווידער האָט עס אָנגעהויבן צו פּליוכען, אָבער לאַנג האָט דער רעגן ניט אָנגעהאַלטן. אַרום האַלבע נאַכט איז פון הינטער די בערג אָנגעלאָפן אַ שטאַרקער פראָסט און פאַרקאָוועט די בלאָטעס. דער הויף איז פאַרזייט געוואָרן מיט הרודעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד, ווי כראַפּעס... עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אין הויף זיינען קאַש־טאַנעס קרויט געוואַקסן, און איצט האָט מען זיי אַראָפּגענומען און ס׳זיינען איבערגעבליבן פון זיי די בלויזע כראַפּעס.

פאַרטאָג. שאַרפע ווינטן האָבן זיך צעהוליעט, און געקלאָגט ווי אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף. אַ שווער־אָנגעלאָדענער הימל האָט זיך גע־שטעלט נידעריק און שוואַרץ. אינדערלופטן האָבן שניי־פּוכעלעך אָנגע־הויבן דרייען זיך אין אַ ראָד און געגומען פאַלן געדיכט און געדיכטער און איינגעדעקט דעם גאַנצן אַרום אין אַ ווייס־בעריקן פעלץ.

אין די בערג האָט זיך אַ היענע צעלאַכט מיט אַ שניידנדיקן געלעכ־טער און אָנגעוואָרפן אַן אימה. דערהערט דעם מאָדנעם געלעכטער פון דער חיה, האָט זיך ביילקע אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ צעשראָקענע אָנגעהויבן וועקן דעם מאַן:

— גרשון־גרשון, הערסט? ס׳איז עפּעס ווי אַ וואָלף וואָלט גע־וואָיעט. איך האָב מורא. שטיי אויף!

ער האָט די אויגן געעפנט, אַ קוק געטאָן אויפן ווייב, אַ רגע איינ־געהערט זיך און צוגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע:

— וואָס שרעקסטו זיך, נאַרעלע? דאָס איז ניט קיין וואָלף, נאָר אַ היענע. שלאָף, ס׳איז נאָך פרי אויפצושטיין.

אַ היפּשע ווײַלע איז זי נאָך געבליבן אונטער דער קאָלדרע און געוואָרעמט זיך לעבן מאַנס געזונטן קערפּער, פון וועלכן עס האָט גע־שלאָגן מיט היץ ווי פון אַ הייסער הרובע. נאָר צו לאַנג איינליגן האָט זי ניט געקאָנט. די קעלט, וואָס איז, ווי אַ דינע פאַרע, אַרומגעגאַנגען איבערן שטיבל, האָט זי געהויבן און געריסן פון אָרט. דער געדאַנק, אַז די קינדער וועלן אויפשטיין און כאַפּן דעם אמתן ציטער, האָט איר רוען ניט געלאָזט.

זי האָט געוואָלט כאָטש ליגן לעבן גרשונען ביז טאָג — פון אים שלאָגט דאָך מיט זיכערקייט, מיט געזונטן וואַרעמען דופט און יונג־לעבן. ס׳ווילט זיך ניט אַרויסקריכן פון אונטער דער קאָלדרע. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַ הויב געגעבן, אויף גיך אָנגעטאָן אַ קליידל, אַ בליוזקע,

די זאָקן און די שיך, אַרויפגעצויגן אַ וואָלענעם סוועטער, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אַרייַנגעגאַנגען אין קיך און געוואָלט דעם אויוון אייַנהייצן.

ווי איבערראַשט איז זי אָבער געוואָרן, ווען זי האָט דערזען — דער אויוון איז שוין געווען אָנגעפּראָפּט מיט שפּענער און שטיקער האָלץ. טאַם, וואָס האָט אין קיך זייַן בעט געהאַט, איז געשטאַנען לעבן פּריפּע־טשאָק, אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן די שפּענער.

— טאַם, וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי? הלמאי שלאָפסטו ניט?

די שפּענער אין אויוון האָבן זיך אָנגעצונדן, צעפלאַמט. אַ פּאַס ליכט האָט זיך אַ שפּיל געגעבן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, אויפן פענצטער, אין וועלכן די נאַכט איז נאָך געלעגן, און דערבײַ אָפּגע־קופּערט טאַמס שמייכלענדיקן פּנים:

— די קינדער וועט זייַן קאַלט, מעם.

זייַן פּנים, וואָס האָט פריער געשמייכלט, איז איצט באַצויגן געוואָרן מיט אַ באַזאָרגטקייט און אָנגענומען אַ נעבעכדיקן אויסזען. ביילקען האָט דאָס ביים האַרצן געצופּט: אַן עלטערער מענטש, נעבעך, ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף אים, און ער זאָרגט זיך גאָר וועגן אירע קינדער!

— גיי שלאָפן!

ער איז געשטאַנען, געפינטלט מיט די אויגן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן — גיין אין בעט, צי ניט. נאָר זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים און ממש געצוואונגען אים צו טאָן, וואָס זי האָט געהייסן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן זייַן בעטל, פאַרהויבן די קאָלדרע און ווי אַ מאַמע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אין בעט אַרייַן!

ווי אַ געהאָרכזאַם ייִנגל, איז ער צוגעגאַנגען, אויסגעטאָן די שיך, אַרייַנגעקראָכן אין בעט און, ווען ביילקע האָט צורעכט געמאַכט זייַן קישן און מיט די פינגער געדראָעט, אַז ער זאָל אייַנשלאָפן, האָט ער מער ניט געקאָנט פאַרנעמען די גוטסקייט, וואָס די ווייסע פרוי האָט אים אַרויסגעוויזן, און אָנגעהויבן וויינען אין דער שטיל.

ביילקע האָט שוין אַ סך מאָל געזען, ווי עס האָבן געוויינט קינדער, איבערהויפּט ווייבער, און דאָס האָט איר ווינציק געאַרט: פרויען זייַנען גרינג אויף טרערן... אויף דער מלאכה זייַנען זיי געשיקט. ממש באַרופן דערצו... אָבער טאַמס וויינען האָט זי אַזוי גענומען, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן און האָט מיטגעוויינט צוזאַמען מיט אים...

אַ יונגער געזונטער מענטש איז געניגט בייצוקומען אַלע סיטר־אַציעס און שטרויכלונגען, וואָס דאָס לעבן טראָגט מיט זיך אָן. באַ־וואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, האָט דאָסביילקע געוואוסט און, אויסשנייצנדיק די נאָז אין פאַרטוך, האָט זי מוטערלעך אָנגעבייזערט זיך אויפן אַלטן:

— פע! שעמען מעגסטו זיך! אַ מאַן זאָל גאָר וויינען? דאָס פּאַסט פּאַר אַ פרוי! שלאָף, און נעם זיך ניט איבער, ווי אַ קינד!

זי איז אַוועק צום אויוון, אָפּגעבריט מילך, אַ טאָפּ וואַסער צוגע־שטעלט, אָנגעהויבן צו צעפירן מעל מיט מילך אויף באַקן לאַטקעס, און אַלץ ניט געקאָנט אויסטשוכען זיך פונם איינדרוק, וואָס טאַמס וויינען האָט אויף איר געמאַכט. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס האָט געוויינט אַן אייגענער, אַ נאָענטער מענטש — איר אייגענער טאַטע...

פאַרוואָס איז דער טאַטע גראָד איצט אַרויפגעשוואומען איר אויפן געדאַנק, האָט זי ניט געוואוסט. זי האָט דאָך שוין אים אַ יאָר פופצן ניט געזען. אירע דריי ברידער מיט די צוויי שוועסטער זיינען אין פאַר־שיידענע שטעט און לענדער. די מאַמע איז מיט אַ יאָר נײַן צוריק גע־שטאָרבן. בלויז דער טאַטע איז איבערגעבליבן אין שטעטל און וואַל־גערט זיך, מסתמא, אין אַ שול אויף אַ באַנק, צי ביי אימעצן אין קיך, ווי טאָם, און פונקט ווי דער אַלטער נעגער — אַזוי וויינט ער געוויס אויף זיין עלנטן עלטער...

אין שטיבל איז ליכטיקער געוואָרן. אין די פראָסטיק־אַרומגע־כאַפּטע פענצטער האָט קוים אַריינגעקוקט אַ כמורנער הימל. אינדרויסן איז דער שניי געפאַלן געדיכט און רואיק. איינע נאָך די אַנדערע זיינען אָנגעלאָפן שניי־פליטערלעך און אָנגעשלאָגן זיך אין די שויבן. פון שלאָף־צימער האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. דאָס איז גרשון אויפ־געשטאַנען, אָנגעטאָן זיך און אַריינגעקומען אין קיך:

— אַפּנים אַ גרויסער פראָסט אינדרויסן. די הינער וועלן צעפרוירן ווערן, — האָט ער פאַרשפּיליעט דעם לעצטן קנעפּל פון סוועטער, — כאָטש איך האָב דעם טשיקן־קופּ מיט ליים אַרומגעשקאַטורעוועט, און אינעווייניק אָנגעלייגט היי. מען וועט זיי דאַרפן אַריינגעמען אין שטוב.

ער האָט אַריינגעגאָסן וואַסער אין אַ שיסל, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, אָפּגעווישט מיט אַ טערקישן האַנטוך, און ביילקע האָט די ערשטע סקאָווערדע לאַטקעס אַרויסגענומען פון אויוון:

— דערווייל איז נאָך ניט אַזוי קאַלט. עס קאָן זיין, אַז די הינער

זיינען שוין צוגעוואוינט צו די היגע קעלטן. ס׳איז דאָך ניט די איסט. און טאָמער וועט מען זיי דאַרפן אַריינגעמען — איז אויך אָן סכנה, כאָטש איך וואָלט זייער ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן פאַראומרייניקן די שטוב...

— אַ פויערטע דאַרף קאָנען פאַרנעמען אַלע גערוכן... וואָס וואָלסטו געטאָן, למשל, ווען „אַנאַ״, צי די אַנדערע בהמה, „כייקע״, קעלבט זיך אַפּ אינמיטן ווינטער און מען דאַרף דאָס ביקל, צי אַפילו די מאַמע גופא, אין שטוב אַריינגעמען? איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן, מ׳עט דאַרפן צופאָרן צו אַנקוויסטן, דעם נאָרוועגישן פאַרמער, און פרעגן וואָס צו טאָן אין פאַל אַ בהמה „גייט שווער צו קינד״. אַלע האַלטן אים פאַר אַ גאַנצן דאָקטער...

ביילקע האָט אַרויסגענומען נאָך אַ סקאָווערדע לאַטקעס און אַריינגעלייגט זיי אין אַ טיפן טעלער. דעם טעלער האָט זי איבער־געדעקט, אַוועקגעשטעלט אויפן פּריפּעטשאָק, עס זאָל ניט קאַלט ווערן, און אַ פאַרוואונדערטן קוק געטאָן אויפן מאַן:

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? ביי דיר וועט זיך דען אַ בהמה אָפּקעלבן היינטיקן ווינטער?

גרשון האָט אויפגעהאָנגען דעם האַנטוך אויפן אַריינגעזעצטן קלעצל אין וואַנט און פאַרזשמורעט די אויגן.

— ביסט דאָך אַ פרוי! האָסט גאָרניט געזען דיין „אַנאַס״ אייטער? זי איז באַלד אויף „דער צייט״. בכלל דאַרף אַ פאַרמער וויסן, ווען עס קומט עפּעס צו דעם... איך געדענק ווי אינדערהיים פלעגט מען זיך באַגיין אין אַזעלכע פאַלן. אָבער אין אַמעריקע, זאָגט מען, זיינען פאַראַן אַנדערע מיטלען... און דאָס וויל איך וויסן. ס׳קאָן ניט שאַדן...

דאָס ווייב האָט געוואָלט אַרויספירן אים אויף אַן אַנדער שמועס און אַביסל אַ פאַררויטלטע, סיי פון דעם ברענענדיקן אויוון און סיי פון דעם מאַנס רייד וועגן טראָגן און האָבן, האָט זי אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל:

— טאָם האָט פריער געוויינט. אַ צעבראָכענער שאַרבן, נעבעך. דאָס האַרץ איז מיר צעגאַנגען, קוקנדיק אויף אים.

גרשון האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט צו טאָמס געלעגער. אַן אייב־געקאָרטשעטער און אַן איבערגעדעקטער מיט דער קאָלדרע, איז דער אַלטער געלעגן און געשלאָפן מיט אַ גרינגקייט אויפן פּנים, ווי ביי אַ שלאָפנדיקן קינד.

— דער אַלטער איז אַ ליבער און עלנטער מענטש. ס׳אַ רחמנות.

זיי גוט צו אים,ביילקע. און פֿאַרגעס אויפֿן קאַליר. ער איז האַרציקער ווי אַנדערע ווייסע... זשאַלעווע אים ניט קיין עסן.

זיינע רייד האָבן איר פֿאַרדראָסן. מיט אַ שטרענגער מינע אויפֿן פּנים האָט זי אַריינגעלייגט די הענט אין די קלובעס:

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס מיר? פֿאַרוואָס זאָל איך זיין שלעכט צו אים און זשאַלעווען עסן? ווען האָב איך דאָס אויסגעטיילט דעם ביסן? פֿון אָנהויב איז מיר טאַקע אויסגעקומען אַביסעלע פֿריקרע צו זיצן ביים זעלבן טיש און עסן פֿון די זעלבע געשיר מיט אַ שוואַרצן, אָבער איצט האָב איך זיך אַזוי צוגעוואוינט צו אים, אַז מיר דוכט זיך, ער איז איינער פֿון אונזער משפּחה — און דו רעדסט גאָר וועגן „זשאַלעווען אים עסן!"...

דערויף האָט ער ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן און ביי זיך אין האַרצן אָנגעקוואָלן:

— אַזוי דאַרף טאַקע זיין. ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן איין בשר־ודם און אַ צווייטן!

ער האָט געוואָלט אַריין אין טשיקן־קופּ זען ווי די הינער האָבן אויפֿגענומען דעם ערשטן ווינטערדיקן טאָג, נאָר אַריינגעגאַנגען איז ער גאָר אין שטאַל. אינעווייניק זיינען די ווענט, ערטערווייז, געווען מיט אַ דינעם גלאָזיקן פֿראָסט באַצויגן. די פֿערד האָט דאָס צופֿיל ניט געאַרט, זיי האָבן געהאַלטן אין איין כראָמטשען. אַפֿילו די בהמות האָבן ווינציק וואָס גענומען זיך צום האַרצן די נייע קעלט מיטן שניי אינדרויסן. פֿאַרטראַכטע אין ווייטע בהמהשע מחשבות, זיינען זיי געלעגן, נאַריש געקוקט אין ערגעץ און געטראַכט, אפֿשר, פֿון זומערדיקע הימלען און גרינעם גראָז.

ביילקע האָט דערווייל אַרויסגענומען די לעצטע סקאָווערדע לאַטקעס פֿון אויוון און געכאַפּט זיך, אַז אין שטוב פֿעלן אויס אַ פּאָר אייער אויף אָנבייסן. איז זי אַרויס אין הויף. דער פֿראָסט האָט זי ביי־גערים אַרומגענומען, אָפּגעפֿאַרבט די באַקן און אַ קוש געגעבן דעם שפּיץ־נאָז. אויף די האָר, וואָס זיינען אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער דער טיכל, האָבן פֿאַלנדיקע שניי־פֿליטערלעך זייער נעסט געמאַכט און אָפּגעטונקט אירע שוואַרצע האָר אין ווייסן פּוך.

אַ געזונטע און אַ פֿריילעכע, האָט זי אַלעמאָל ליב געהאַט שניי און רעגן, פֿלעגט קאָנען אַרומגיין שעהן אונטער זיין ממשלה. און איצט? פֿונם שניי און פֿונם פֿראָסט האָט זיך טיף אין האַרצן אַ שטילער ניגון צעזונגען. אירע אויגן זיינען גרעסערע און ליכטיקערע געוואָרן. זי האָט

אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן סטעפּ, אויף די קוים־אַרויסזעעוודיקע בערג, אויפן שטאָל, שטיבל, און אויפן ברונעם, און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט זי דערפילט, אַז אַלץ געהערט צו איר. ס׳איז איר אייגנס! אַפילו די שנייעלעך, וואָס פאַלן אויף דער ערד, און ביי איר אויפן קאָפּ — געהערן צו איר און ניט צו עמיצן אַנדערש...

סיי פאַר דער חתונה און סיי דערנאָך האָט זי שטענדיק געוואוינט אין אָרעמקייט, אין פאַרשטיקטע רומקעס, און קיינמאָל ניט געוואוסט, ווען דער „לענדלאָרד״ וועט אַריינקומען און הייסן אַרויסציען זיך, שטענדיק געהאָפּט צו האָבן אַן אייגן ווינקעלע. און איצט? מיטן באַגריף, אַז דער הויף, דער סטעפּ, דאָס שטיבל, די שטאָל מיט די לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען אירע, האָט זי אַזש אָוועקגעטאַנצט איבערן שניי, געפּענט די טיר פון טשיקן־קופּ, איינגעבויגן דעם קאָפּ און אַריינגעגאַנגען.

עטלעכע הינער האָבן שטייף צוזאַמענגענומען די פּעדערן אַרום זייערע קערפּערס און, זיצנדיק אויפן אָנגעבעטן היי, ניט גערירט זיך פון די ערטער. די אַנדערע, ווידער, האָבן אַרומגעשפּאַנט מיט בלויע קעמעלעך אויף די קעפּלעך און געזוכט צו דערוואַרעמען זיך אינם אייגענעם גאַנג.

דערזען אַ מענטשן אַריינקומען, האָבן זיך די הינער דערשראָקן, אָנגעהויבן שרייען, אַרומלויפן איבערן „שטיבעלע״.ביילקע האָט זיי גיך באַרואיקט; געגעבן צו פאַרשטיין: ס׳איז אַן אייגענע... אַ פריינט־לעכער באַזוך... זי האָט אָנגעשאָטן גערשטן אין דער קאָרעטקע. די עופות זיינען „ביזי״ געוואָרן מיט דער אכילה, און ביילקע האָט אָנגעהויבן צוזאַמענגעמען די אייער.

דאָס צוזאַמענקלייבן די אייער פון די אַרומגייענדיקע הינער איז געווען גאַנץ גרינג. דערפאַר אָבער איז שווער געווען אַרויסצונעמען די אייער פון אונטער יענע הינער, וואָס זיינען געזעסן אויף זיי. יעדעס מאָל וואָס זי האָט אונטערגערוקט די האַנט אונטערן וואַרעמען קערפּערל פון אַ הון, האָט איר די זיצערקע אַ פּיק געטאָן אין האַנט, אַזש בלוט איז געגאַנגען. ביילקע האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב: אייגענע הינער — זאָלן זיי פּיקן. זיי וועלן זיך צוגעוואוינען און בעסער ווערן...

זי האָט אַריינגעטראָגן אין שטיבל די עטלעכע אייער, באַטראַכט זיי, און אַ באַגייסטערטע געזאָגט צו גרשונען און צו טאַמען, וואָס זיינען שוין געזעסן אַרום טיש אַן געוואַרט אויפן אָנבייסן:

— זעט ס׳אַרע גרויסע אייער! זיי האָבן געווים צווייענדיקע געלכלעך!..

גרשון האָט נאָך פון פריער געוואוסט, אַז אייניקע הינער לייגן אייער מיט טאָפּלטע געלכלעך, און איז דערפון ניט נתפעל געוואָרן:

— נו, וואָס איז דאָ די שמחה? האָסט געזען ווי זי האָט זיך דאָס צעטאַראַראַמעוועט! גיב בעסער עסן, כ׳בין טויט הונגעריק!

דערשמעקט דעם גערוך פון לאַטקעס, האָבן זיך די קינדער אויפגעכאַפּט, אויף גיך זיך אָנגעטאָן, איינגעוואַשן די פּנימלעך און געזעצט זיך צום טיש. די פריערדיקע פרייד איז נאָך פון ביילקען ניט אַוועקגעגאַנגען. זעענדיק ווי די קינדער שלינגען דאָס עסן מיט גרויס הנאה, האָט זי אָנגעקוואָלן.

— עסט־עסט, קינדערלעך. פרישע אייער, וואָס אונדזערע אייגענע הינער האָבן געלייגט. טאָם, גרשון, נעמט נאָך צו פּאָר אייער. זשאַלעוועט ניט. ס׳איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן גענוג!..

גרשון האָט מיטן האַנט אָפּגעווישט דאָס מויל און אַ קוק געטאָן אין פענצטער. דער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן... ערגעץ האָט אַ ברעט אַ קנאַק געטאָן — אַ סימן, אַז דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט.

— איך רעכן, אַז ס׳איז מילדער געוואָרן. איז אפשר זאָלן מיר אַריינשטעלן די פּאָסטנס? כאָטש פאַרצאָמען דעם הויף, עס זאָל אויסקוקן אַביסל לייטישער.

טאָם האָט איבערגעקערט די טאָסע אינדערלופטן און אויסגעטרונקען די לעצטע טראָפּנס קאַווע.

— איצט אַריינזעצן פּאָסטנס? משוגע, צי וואָס? די ערד איז דאָך שוין פאַרהאַרטעוועט! און וואָס וועסטו טאָן אין אָנהויב פרילינג? דעמאָלט איז דאָך די ערד ווייכער ווי איצט. מיין ניט, אַז איך פויל זיך. נאָר גראָבן די ערד איז בעסער, ווען זי לאָזט זיך...

פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער איז גערעכט, האָט גרשון אַ פאַרדאגהטער אַ קוק געטאָן אויפן ווייב, אויף די קינדער, און פאַר זיינע אויגן איז אויפגעשוואומען דאָס בילד, ווי ער זיצט אַ גאַנצן ווינטער אין שטוב, טוט גאָרניט, עסט פונם גרייטן, און די עטלעכע דאָלער, וואָס געהערן טאָמען, צעקריכן, ווערן ווינציקער און ווינציקער. איבערן רוקן־ביין איז אים אַ שוידער דורכגעלאָפן; וואָס וועט זיין דער תכלית פונם זיצן מיט פאַרלייגטע הענט?

אמת, מיסטער אַנקוויסט האָט צוגעזאָגט אויסצובאָרגן וואָס נאָר ער וועט דאַרפן. אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז אין ערגסטן פאַל קאָן ער,

גרשון, פאַרדינגען זיך (מיט די פערד, פאַרשטייט זיך) צו אַרבעטן ביי דער באַן־קאָמפּאַניע ביים אַריבערפירן שפּאַלן און צעדריבלטע שטיינער פון איין אָרט אויפן אַנדערן און פאַרדינען דריי מיט אַ האַלב דאָלער אַ טאָג.

— גרשון, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? — איז ביילקע צוגעגאַנגען צום מאַן, אַריינגעקוקט אים אין פּנים און געוואָלט טרעפן די סיבה פון זיין פאַרלאָרנקייט. — איז עפּעס דער מער? אַ בהמה צי אַ פערד איז, חלילה, קראַנק? זאָג, פון מיר דאַרפסטו ניט באַהאַלטן! איך מעג וויסן.

ער האָט ניט געוואָלט זי זאָל וויסן ווי שמאָל עס האַלט מיטן געלט, אַז אָט נאָך אַ ביסל און זיי וועלן אַפילו ניט האָבן מיט וואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער, נאָר, ניט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן, און בכלל ניט קאָנענדיק זאָגן אַ ליגן אַפילו ווען ס'איז נויטיק, האָט ער נעבעך געמוזט אַרויסקומען מיטן אמת:

— עס גייט אַ לאַנגער, קאַלטער ווינטער. עסן דאַרף מען און אויסהאַלטן אַ פאַרם קאָסט געלט. קיין „סך" האָבן מיר ניט. דאָס ביסל וואָס איז נאָך פאַראַן איז ביט אונדזערס. ס'איז טאָמס שכירות. איצט ווייסטו שוין וואו מיר האַלטן?..

ער האָט איבערגעריסן די אייגענע רייד, איז אומעטיק געוואָרן, און מיט אַ פינגער אָנגעהויבן אויסקלאַפּן אויפן ברעג טעלער אַ ניגון, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אויפכאַפּן די האַרמאָניע פון זיינע קלאַנגען. אַ ווײַלע האָט גרשון געשוויגן און באַלד ווידער גערעדט, נאָר דאָס מאָל מער צו זיך ווי צו עמיצן אַנדערש:

— פאַראַן איין אויסוועג: איינשפּאַנען די פערד און פאָרן אין שטאָט אַרבעטן. מען זאָגט, אַז די באַן־קאָמפּאַניע צאָלט דריי און אַ האַלב דאָלער אַ טאָג.

דערהערט איבער וואָס גרשון זאָרגט זיך אַזוי, האָט טאָם אַרויסגענומען די ליולקע און אַרויסגעלאָזט דאָס לעצטע ביסל רויך פון מויל:

— איידער ביילקע איז געקומען, האָב איך זיך געשראָקן, געמיינט — אַ ווייסע ליידי וועט ניט וועלן האָבן אַ נעגער אין שטוב. נאָר איצט זע איך — איר זייט ערלעכע, גוטע מענטשן, און איך בין אַלט און אָן אַ היים, אָן אַ ווייב און אָן קינדער. איז אויף וואָס דאַרף איך געלט? דערפאַר וואָס איר גיט מיר אַ היים — דאַרפט איר מיר נאָך צוצאָלן? מיין אַרבעט האָט שוין אַלץ איינס קיין ווערט ניט, איך ווייס דאָס. איז נעמט דאָס געלט, קינדערלעך, און פאַרנוצט עס געזונטערהייט.

נאָר די פערד זאָלסטו, באָס, ניט פאַרדינגען. זיי וועלן אויסגעמוטשעט ווערן און וועסט ניט האָבן מיט וואָס צו באַאַרבעטן דיין שטיקל פעלד. נאַ־סער! טאָרסט דאָס ניט טאָן!

די קינדער האָבן דערזען, אַז די דערוואַקסענע זיצן מיט ערנסטע פנימער, האָבן זיי אויפגעהערט קאָמאַנדעווען. זייערע פריערדיקע גע־לעכטערלעך זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. איבערן שטיבל איז אויפגע־גאַנגען אַ נאָגנדיקע שטילקייט, אין וועלכער עס האָט זיך בלויז געהערט, ווי פרינץ עפּנט און פאַרמאַכט דאָס מויל — דאָס האָט ער זיך פאַרמאַסטן צו כאַפּן אַ פאַרשפעטיקטע פליג, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט נאָענט צו דער ערד.

גרשון איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, געשפּאַנט פון איין צימערל אינם אַנדערן. לסוף איז ער שטיין געבליבן לעבן דעם אַלטן און מיט אַ באַשלאָסנקייט אין קול געזאָגט:

— הער זיך איין, טאָם. מיין שטוב איז דיין היים! וואָס מיר האָבן — דאָס וועלן מיר עסן אַלע אינאיינעם! קאָנסט דאָ זיין ווי לאַנג דו וועסט וועלן. ביסט אַ גוטער מענטש. אַפילו די קינדער האָבן דיך ליב. נאָר קיין געלט וויל איך פון דיר ניט נעמען, פאַרשטייסט? פריינטשאַפט קויפט מען ניט און מען פאַרקויפט ניט. סיידן דו ווילסט עס מיר אויס־באָרגן נאָר מיט איין תנאי: אַזוי גיך ווי מיר וועלן אַראָפּנעמען דעם ערשטן „קראָפּ" מוזטו דאָס געלט צונעמען.

דער אַלטער האָט זיך געקראַצט אין פּאַטיליצע און ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דער ווייסער מענטש וויל ביי אים ניט נעמען דאָס געלט.

— דו ביסט אַ מאָדנער, באָס, זייער אַ מאָדנער, און אַן ערלעכער דערצו!.. ערשטנס, פון וואַנען ווייסטו, אַז דו וועסט האָבן אַ קראָפּ? און פאַרוואָס מוזטו דאָס געלט אָפּגעבן גלייך נאָכן ערשטן קראָפּ? און צווייטנס, וואָס וועל איך טאָן מיט דעם? מיין ווייב דאַרף דאָס ניט האָבן... מיינע קינדער — אויך ניט. איבערלאָזן, אַז אַ פרעמדער טייוול זאָל עס צונעמען? בעסער נוץ דאָס אַליין, און גענוג גערעדט וועגן דעם!

מערעלע האָט זיך ניט איינגעהערט וואָס די גרויסע האָבן גערעדט. זי איז געזעסן, געקוקט די גאַנצע צייט אויף די אָפּגעקאָכטע אייער, וואָס זיינען איבערגעבליבן אויפן טיש און געוואָלט עפּעס פרעגן די מוטער, צי דעם פאָטער, נאָר זעענדיק וויביידע זיינען פאַרטראַכט און אומעטיק, האָט זי זיך געווענדט צום אַלטן:

— אָנקל טאָם, פאַרוואָס לייגן הינער אייער?

פון איר פרעגן איז אין שטוב צוריק לעבעדיק געוואָרן. אַלע האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. אַפּילו אייבעלע, וואָס פּלעגט זיך שטענדיק האַלטן אין איין קריגן מיט איר, האָט זיך איצט ניט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן און געענטפערט:

— דאַמבבעל! ווייסט ניט פאַרוואָס אַ הון לייגט אַן איי?

ביי מערעלען האָט זיך אויף אַ ווײַלינקע אויפגעוועקט אַ מין דרך־ארץ צום עלטערן ברודערל, וואָס איז שוין אַ „גרויסער" און ווייסט אַלצדינג... דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. באַלד האָט זי אָנ־געשטעלט אירע בלויע אומשולדיקע אייגעלעך אויף אים:

— און דו ווייסט פאַרוואָס הינער לייגן אייער?

דאָס בחורל איז אינגאַנצן רויט געוואָרן און געבליבן זיצן אַ פאַר־לאָרענער. נאָך קיינמאָל ניט געזען ווי און פאַרוואָס אַ הון לייגט אַן איי, האָט ער איצט דערפילט, אַז די קליינע האָט אים „געכאַפּט ביי דער האַנט", איז ער אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין, וואָס ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן, און אין זיין אומבאַהאָלפנקייט אויפגעשפרונגען פון אָרט:

— ביסט אַ נאַרישע קאַץ!

פון זיין געשריי און פון זיין „נאַרישע קאַץ" האָט זיך מערעלע באַליידיקט. זי האָט אָנגעבלאָזן די ליפּעלעך און אָנגעהויבן וויינען. טאַם איז צוגעגאַנגען, גענומען זי צו זיך אויפן שויס, צוגעדריקט צום האַרצן און מיט ליבע געגלעט איר קעפּעלע:

— וויין ניט, מיין קליינע מיסי! אַנקל טאַם וועט דיר דערציילן, פאַר וואָס אַ הון לייגט אַן איי: אַ הון זעצט זיך אַוועק אויף אַ ווייכן אָרט, זיצט און זיצט אַזוי לאַנג מיט אַ צעעפנט מויל, ביז זי לייגט אַן איי...

— פאַרוואָס איז ביי איר אָפן דאָס מויל, אַנקל טאַם, און וואָרום דאַרף זי זיצן אַזוי לאַנג?

אויך דער אַלטער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט און ניט געוואוסט ווי אַרויסצוקריכן פון דער נעץ פראַגן. ער האָט איר געגעבן אַ קניפּעלע אין בעקל:

— דו פרעגסט אַזעלכע מאָדנע פראַגעס, מיסי. אַ הון זיצט, ווייל, ווייל... נו, ווייל זי מוז זיצן... מסתמא טוען איר ווי די פיסעלעך פון צופיל אַרומגיין... זי האַלט אָפן דאָס מויל, ווייל, ווייל... ס'איז איר אַוודאי הייס, וויל זי אַריינאָטעמען פרישע לופט...

— מערעלע! — האָט די מוטער אָנגעשריען אויפן קינד, — לאָז

צורו אַנקל טאָם! גענוג געפּרעגט נאַרישע פראַגעס! גיי אַראָפּ פון זיין שויס און נעם עפּעס לייענען. און דו, אייבי, מעגסט אויך נעמען אַ ביכל אין האַנט! מיינסט, אַז מען איז אויפן פאַרם, דאַרף מען שוין אויפהערן לערנען?

— האָסט מיך טאַקע דערמאָנט, — איז גרשון צוגעגאַנגען צום ווייב, — אַז כ׳דאַרף צופאָרן צו צוויי ערטער: צו וואַלערן, פרעגן וועגן ס׳וועט די קומענדיקע וואָך פירן די קינדער אין סקול, און צו אַנקוויסטן, ער זאָל מיר גענוי דערקלערן, וואָס מען דאַרף טאָן, ווען אַ בהמה, צי אַ קליאַטשע, דאַרף גיין צו קינד, אַזוי צו זאָגן, און ס׳קומט זיי אָן שווער אָנטבונדן ווערן...

— ס׳איז אַ וויכטיקע זאַך, — האָט אים טאָם פאַרזיכערט, — אַ פאַרמער דאַרף זיין פאַרבאַרייט אויף אַלץ. מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און קיין דאָקטוירים זיינען דאָ אונטערן האַנט ניטאָ.

— אַנקל טאָם, — האָט שוין אויך ביילקע אָנגעהויבן רופן דעם אַלטן „אַנקל״, — ס׳איז ניט גענוג, וואָס מיין מאַן וויל ווערן אַ פאַרמער, וועט ער נאָך ווערן אַ „דאָקטער״ אויך?.. איר וועט זען: ער וועט נאָך עפענען אַן „אָפיס״ אין די בערג און אויפנעמען „פּאַציענטן״ בלויז דורך „אַפּאָינטמענטס״!..

דער אַלטער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָ צו לאַכן און האָט אַן ערנסטן קוק געטאָן אויף זיין בעל־הביתטע:

— לאַך ניט, מעם. דאָס וועט אים צונוץ קומען. איך האָב שוין ניט איינמאָל געזען, ווי ביי אַ פּויער איז אַ בהמה שווער געגאַנגען צו קינד, דאָס וואַסער ניט געקאָנט לאָזן, איז דאָס קעלבל געבליבן שטעקן מיט דער מאָרדע אין דער „עפענונג״, ניט אַהער און ניט צוריק... דער פּויער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, איז טאַקע די בהמה אַוועק־געפאַלן צוזאַמען מיטן קעלבל. ניטאָ וואָס צו לאַכן, נאַ־מעם!

גרשונען האָט פאַרדראָסן אויפן ווייב און, אַנטוועגדיק דעם קורצן מאַנטל, וואָס איז געווען אונטערגעשלאָגן מיט שעפּסענער פעל, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, אָנגעזאָטלט זיין באַליבטע קווינין און אַוועק־געריטן אַפריער צו וואַלערן און דערנאָך — צום נאָרוועגישן פאַרמער.

אַן אויסגערוטע, מיט אַן איינגעבויגענעם האַלדז, איז קווינין אַרויף אויפן וועג און זייטיק אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען. באַלד האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן און ווי אַ ווינט געוואָלט דורכשניידן דעם פאַרשנייטן סטעפּ. נאָר גרשון איז געזעסן ווי אַן אַריינגעוואַקסענער אין זאָטל, שטייף אָנגעצויגן די לייצעס און געצוימט אירע טריט.

פון דער ניט־אויסגעשלאָגענער ענערגיע האָט די קליאַטשע געביסן דעם אייזערנעם קלעם ביי זיך אין מויל. געשטעלט געדיכטע, אויבנ־אויפיקע טריט. מיט די קלויען אויפגעהויבן בולקעס שניי און געוואָרפן אינדערלופטן. פּירכקענדיק מיט די נאָזדרעס, האָט זי געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, בעת מעשה געכאַפּט אַ פאַרגנבעטן בליק אויפן רייטער און ניט געקאָנט פאַרשטיין הלמאי יענער צאַמט איר די טריט און לאָזט ניט אַ טראָג טאָן זיך ווי אַ פויגל.

באַמערקט פרענקן לעבן זיין רענטש, האָט גרשון אָפּגעשטעלט דאָס פערד:

— גאָט העלף, מיסטער פרענק! וואָס הערט זיך נייעס אויף דער וועלט?

— האַי די! — איז פרענק געבליבן שטיין לעבן טויער. — איך האָב געהערט, אַז דיין פרוי מיט די קינדער זיינען געקומען. אַ שאָד... ניט געדאַרפט זיי אַריבערברענגען. זיי וועלן פאַרשוואַרצט ווערן אין דער ווילדערניש. און ווי אַזוי וועסטו קאָנען מאַכן אַ לעבן פאַר זיי, אַז דיין לאַנד איז ניט קיין גוטס? נאָר מסתמא ווייסטו וואָס דו טוסט...

— יאָ, — האָט גרשון אַ זיפץ געטאָן, — אַביסל צוגעאיילט זיך, אָבער — פאַרפאַלן! דאָס פאַר איך צו וואַלערן אויסגעפינען ווער עס וועט פירן די קינדער אין סקול. מיין באַי מיטן מיידל דאַרפן גיין אין סקול.

— דיין וואַלער איז אַ לייזי מען! ער פוילט זיך צו באַאַרבעטן זיין שטיקל פעלד און ווייסט ניט ווי אומצוגיין מיט פערד. פונדעסט־וועגן מעגסטו צופאָרן צו אים. ער ווייסט בעסער פון מיר וועגן די זאַכן. מיינע „באָמס" (אַזוי האָט ער גערופן זיינע צוויי זין) האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט לערנען. און איצט, אַז איך האָב העכער צען טויזנט שעפּסן און פאַרקויף אַ סך וואָל — מוז איך אָנקומען צו פרעמדע הענט. ניטאָ ווער עס זאָל קאָנען עפּעס צוזאַמענרעכענען...

אַ צופרידענער, וואָס ער האָט סוף־כל־סוף אָנגעטראָפן פרענקס שוואַכפּונקט, איז גרשון נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, גערעדט, און צום סוף אויפגעהויבן די האַנט אינדערלופטן:

— האָט ניט קיין זאָרג וועגן דעם! אַז איר'ט דאַרפן עפּעס צוזאַמענרעכענען, וועל איך דאָס טאָן פאַר אייך אומזיסט!

ביי וואַלערן אין שטוב איז געווען קאַלט און פייכט. דער אויוון, אַן אָנגעפּרעסענער מיט פרישע קוילן, האָט געראויכערט, און קיין וואַרעמ־קייט ניט אַרויסגעגעבן פון זיך. מיסיס וואַלער, אָנגעטאָן אין צוויי

גראָבע סוועטערס איינער אויפן אַנדערן, האָט אונטערגעיאָגט די קינדער, זיי זאָלן וואָס גיכער אָפּעסן און גרייטן זיך צו פאָרן אין סקול.

דערזען גרשונען אַריינקומען, האָט זי פאַרשאַרט די פּאָר פּאַסמעס האָר, וואָס זיינען איר אין די אויגן געקראָכן:

— אַ גאַסט, כ׳לעבן! וואָס עפּעס אַזוי פרי? מיר האָבן געקליבן זיך צופאָרן צו אייך, באַקענען זיך מיט אייער פרוי, און ס׳איז אַלץ קיין צייט ניטאָ.

גרשון האָט ניט געוואוסט ווי אַזויאַרום אָנהויבן ריידן צו איר און אָנגעפּאַנגען דרייען מיטן צונג:

— מיין ווייב האָט זיך טאַקע נאָכגעפרעגט אויף אייך. איר הייצט גאָר דעם איוון מיט קוילן? וואו האָט איר גענומען קוילן אין דעם געגנט? יאָ. איך האָב אייך געוואָלט פרעגן: איר ווייסט אפשר ווער עס וועט פירן די קינדער אין סקול די קומענדיקע וואָך?

זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין: ווי קומט דאָס, וואָס אַ „היגער" האָומסטעדער ווייסט ניט, ווער עס פירט די קינדער אין סקול, און אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג:

— וועגן דער קומענדיקער וואָך ווייס איך טאַקע ניט. אָבער היינ־טיקע וואָך פירט זיי מיין מאַן. דאָס איז ער אָוועק אין שטאַל איינ־שפּאַנען די פערד. זעצט זיך צו אַ ווײַלע. ער׳ט באַלד אַריינקומען.

די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן און וואָלער איז אַריין אין שטיבל. זיין אָנגעפּעלצטער קערפּער איז איצט געווען ברייטער ווי לענגער. אויף זיינע קינבאַקן איז אַ פּראָסטיקע פאַרב געשטאַנען. ער האָט געוואָלט אָנשרייען אויף די קינדער, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאָרן אין סקול, נאָר גרשונס אָנוועזנהייט האָט אויסגעמעקט דעם געשריי פון האַלדז:

— זע נאָר, סקאָצל איז דאָ! דער פראָסט האָט אייך געבראַכט?

גרשונען איז געפעלן געוואָרן וואָלערס היימישער טאָן, איז ער אָנטקעגן געקומען דעם פאַרמער און געענטפערט מיטן זעלבן נוסח:

— געבראַכט האָט מיך גראַד מיין קליאַטשע און ניט דער פראָסט... איך בין געקומען פרעגן ווער עס וועט נעקסטע וואָך פירן די קינדער אין סקול? און וואו קאָן מען קויפן קוילן? דאָס ביסל האָלץ, וואָס איז פאַר־בליבן פונעם בויען, וועט אפשר קלעקן אויף נאָך אַ וואָך און ניט מער.

— אַז איר׳ט צוזאָגן צו שפּילן אַ פינאָקל מיט מיר און פאַלן אַ בעיט אויף אַ דריי הונדערט און פּופציק־האַנט אין שיפּע, וועל איך אייך דערציילן ביידע סודות אויפאַמאָל... ערשטנס, פאַרוואָס עפּעס נעקסטע וואָך? פאַרוואָס זאָלט איר זיי ניט פירן היינטיקע וואָך?

אויב איר ווילט, וועל איך מאָרגן צופאָרן צו אייך און מיטנעמען אייער חברה. און וועגן קוילן איז די זאַך אַזאַ: לעבן וואָטער־פאָלס, אַ ביינצן מייל פון דאַנען, איז פאַראַן אַ קוילן־מינע. דאָרטן קאָנט איר קריגן די בעסטע קוילן און פאַר אַ העלפט פרייז. נו, איצט, אַז איר ווייסט שוין ביידע זאַכן, איז וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך? ווי גייט עס? און וואָס דערציילט עפּעס אייער פרוי פון ניו־יאָרק?

— עט! — האָט גרשון אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אינדער־לופטן, — נישט אַזוי אַי־אַי־אַי! גערעכנט, אַז ס׳וועט זיין אַנדערש... אַביסל צוגעאיילט זיך. ניט געדאַרפט אַריבערברענגען זיי אַזוי גיך. ווער ווייסט, וואָס ס׳וועט נאָך זיין דער סוף?..

— ניט געזאָרגט, מיסטער פרידמאַן, נאָר ניט געזאָרגט, קיין צרות וועט אייך דאָ ניט פעלן... אָבער דעם מוט דאַרף מען ניט פאַרלירן... אַ האָומסטעדער איז ווי אַ סאָלדאַט און דאַרף קאָנען פולווער שמעקן...

צוריקוועגס איז גרשון געריטן אַן אומעטיקער: אַ שווערער ווינטער רוקט זיך. ווי וועט ער אים קאָנען בייקומען? וואָס וועט זיין, אַז די פאָר דאָלער וועלן זיך אויסלאָזן, וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן?

קוויני איז שטיין געבליבן לעבן אַנקוויסטס פאַרם. אַ הונט, ווי אַ לייב, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער קליאַטשע, אויפן רייטער. גרשון האָט זיך פאַרן כלב ניט דערשראָקן. מיט גלייכע און זיכערע טריט איז ער דורכגעגאַנגען דעם הויף. דער הונט האָט אפשיי געקראָגן פאַרן גרשונס זיכערע טריט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אַ הויכע מויד, מיט פלאַקסענע האָר, אַרומגעכאַפּט מיט אַ געבלימלט טיכל, האָט גרשונען געעפנט די טיר. דער גאַסט האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דעם פאַרמערס טאָכטער און אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגן, מיס אַנקוויסט. קאָן איך זען דעם פאָטער אייערן?

אַ פאַררויטלטע און מיט פויערשער פאַרלאָרנקייט האָט זי די אויגן אַראָפּגעלאָזט, פון אונטער די ברעמען געכאַפּט אַ פאַרגנבעטן בליק אויפן געזונטן מאַנספאַרשוין און אַ שמייכל געטאָן:

— מיין טאַטע ליגט שוין איבער אַ וואָך אין בעט. אַ פוס אויס־געלונקען. איר קאָנט אַריין צו אים אין שלאָפצימער...

מעשה גרויס־שטאָטישער קאַוואַליער, האָט ער איר באַדאַנקט און איז אַריינגעגאַנגען צום חולה, וואָס איז געלעגן אין אַ ברייטער בעט מיט אַ הויכן מעשענעם ווענטל צוקאָפּנס.

— אַ גאָט העלף אייך, מיסטער אַנקוויסט! איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איר זייט קראַנק! וואָס איז מיט אייך?

— עס, נאַרישקייט! — האָט דער נאַרוועגיער אָפּגעזיפצט און איז צופרידן געווען, וואָס אַ מענטש האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט צו אים אין שטוב, — ווייסט דאָך, אויף דער עלטער קלעפּט זיך אַלץ! אַ פּוס אויס־געלונקען און וויל ניט בעסער ווערן. און די מויד מיינע, אַ ניכפּה אויף איר, מאַכט דערפון אַ גאַנצן ווען און לאָזט מיך פון בעט ניט אַראָפּ!.. נו, וואָס הערט זיך ביי דיר, פרידמאַן? דיין ווייב מיט די קינדער זיינען שוין געקומען?

— יאָ. זיי זיינען דאָ! נאָר לאָמיר דערפון ניט ריידן. איך בין געקומען דערקונדיקן זיך ביי אייך, וואָס טוט מען, ווען אַ בהמה, צי אַ קליאַטשע, גייט שווער צו קינד? מען זאָגט, אַז איר ווייסט וועגן דעם. איך ריכט זיך, אַז „אַנאַ", די בהמה מיינע, וועט זיך באַלד אָפּקעלבן. וויל איך זיין גרייט. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן זיך מאַכן...

דער נאַרוועגיער האָט זיך אונטערגעהויבן, אונטערגעשאַרט די קישן אונטערן קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף גרשונען:

— דו ביסט דער איינציקער האָומסטעדער, וואָס פרעגט אַזעלכע זאַכן. דאָס באַווייזט, אַז דו וועסט טאַקע זיין אַ פּאַרמער. און איצט וועל איך דיר דערקלערן, וואָס מען דאַרף טאָן. אַז עס קומט צו אַ ווינטערדיקן קעלבן, דאַרף מען די ערשטע זאַך זען דער בהמה זאָל ניט צופאַלן קיין היץ, זי זאָל לאָזן וואַסער... אויב זי קאָן ניט, גיב איר טרינקען אַ סך וואַ־רעמע, געזאַלצענע וואַסער. און טאָמער העלפט דאָס אויך ניט, זאָלסטו איר געבן וואַרעמען האָבער, צעפּירט מיט געזאַלצן וואַסער. מאַסאַזשירן דעם בויך שאַדט אויך ניט. איבערהויפּט דאַרף מען זיך ניט פאַרלירן, האַלטן דעם קאָפּ אויף די פלייצעס און ניט איבערשרעקן די בהמה...

אַ געהאַרכזאַמער איז דער „תלמיד" געזעסן קעגן זיין „רבין" און איינגעהערט זיך וואָס יענער האָט אים אָנגעזאָגט צו טאָן. מיטאַמאָל איז דער חולה איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע און אַ געשריי געטאָן צו דער טאָכטער אין קיך:

— העלענאַ! דערלאַנג אַהער דעם ווייַן! אַ גאַסט איז דאָך גע־קומען! מען דאַרף אים מיט עפּעס מכבד זיין. אַליין האָט דאָס קיין שכל ניט! שטייט אין קיך און גלאָצט מיט די אויגן, ווי אַ בהמה!..

אַן איבערגעטאָנענע אין אַ טונקל־בלויער קלייד, מיט אַ ווייסער בלוזקע און אַ סאַמעטענער לענטע אויפן קאָפּ, איז העלענאַ אַריינ־געקומען, מיטגעבראַכט אַ האַלבן גאַלאָן ווייסן וויין, אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר גלעזער אויפן קליינעם טישעלע דערביי און אַ קוק טוענדיק גיך אויף גרשונען, צי יענער האָט באַמערקט איר איבערטאָן זיך, איז זי שטיל ווי אַ קאַץ אַרויס פון שלאָפצימער.

דער אַלטער האָט אַרויפגעלייגט זיין אַדערדיקע האַנט אויף דער קאַלדרע, אַ האַנט, וואָס האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן הענטלעך פון ווילעס, קאָסעס, גראַב־אייזנס און אַקער־אייזנס, לייצעס פון פערד, די האַנט איז איצט געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטע, אַן אומבאַהאָלפענע:

— זיי אַזוי גוט, פרידמאַן, און גיס אָן די גלעזלעך. זעסט דאָך, אַז עס איז מיר שווער אויפצוהויבן זיך! די פוס מיינע וועגט אַוודאי אַ טאָן! ס׳איז גוטער וויין, מעגסט טרינקען, ס׳וועט דיך דערוואַרעמען. אין דרויסן איז אַפנים גוט קאַלט, אַ?

— יאָ! ס׳איז אַ געשמאַקע קעלט, — האָט גרשון אָנגעגאָסן דעם וויין, דערנאָך אָנגעשלאָגן זיין גלעזל אָן דעם פאַרמערס, — צו אייער געזונט, מיסטער אַנקוויסט! צווישן די שכנים זיינט איר דער בעסטער מענטש. דערפאַר אָבער איז פרענק זייער אַ מאָדנער נפש. ס׳איז אים שווער צו פאַרשטיין. רק ער איז אין כעס. ער האַלט אין איין אָפריידן מיך פון דער ערד. ער זאָגט, אַז מיין מי איז אַן אומזיסטיקע. „די ערד טויג דאָ ניט" און איך „וועל דאַרפן צוריקפאָרן אין שטאָט"...

דער אַלטער פאַרמער האָט אויסגעזופּט דעם וויין און אַוועק־געשטעלט דאָס אויסגעליידיקטע גלעזל אויפן טישל:

— ער איז שוין געווען ביי דיר, דער בעסטערד? אַזוי זיינען זיי, די רענטשערס! די וועלט איז זיי ווינציק! זיי קאָנען ניט פאַרליידן, ווען אַ האָומסטעדער באַזעצט זיך אויף דער ערד... און מיינסטו פאַרוואָס? בלויז דערפאַר, וואָס אַ האָומסטעדער פאַרצאַמט זיין שטיקל ערד און די רענטשערס ווערט ווינציקער פאַשע פאַר זייערע טאַבונעס פערד און פאַר די טויזנטער שעפסן. נאָר דו הער זיך ניט איין. אַלע קענען אים, דעם הונט, און קיינער האָט אים ניט ליב.

ביילקע האָט נאָך ניט פאַרגעסן ווי זי האָט אינדערפרי אַריינגעזאָגט דעם מאַן אירן, אַריינגעטראָפן אים אין דער זיבעטער ריפּ, און איצט, אַז ער איז צוריקגעקומען פון אַנקוויסטן אין אַ געהויבענער שטימונג, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען און מיט אַ חוזקדיקן שמייכעלע אַ קוק געטאָן אויף אים:

— נו? וואָס הערט זיך? האָסט טאַקע אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף דאָקטער?..

אויך ער האָט זיך איצט צעלאַכט פון איר קיבעץ און, אַ כאַפּ טוענדיק מערעלען אויף די הענט, האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין בעקל און אַ פריי־לעכער גערעדט צום ווייב:

— קאָנסט לאַכן וויפיל דו ווילסט! דערווייל בין איך הונגעריק. האָסט עפּעס אָפּגעקאָכט?

באַלד האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס מיידעלע אויף דער ערד, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש און צוגערופן אייבעלען, וואָס האָט מיט אַ מעסערל געמייסטרעוועט שטעקלעך צו מאַכן דערפון אַ „קאַיט״.

— קינדער, מאָרגן וועט איר גיין אין סקול! מיסטער וואַלער וועט קומען נאָך אייך אַרום האַלב נאָך זיבן אינדערפרי.

— באָס־דזשאָו, — האָט טאָם מיט איבערגעבנקייט אין קול אָנגעשלאָגן זיך צו באַגלייטן די קינדער, — איך וועל מיטפאָרן מיט זיי. איך וויל זען, וואו די סקול געפינט זיך... אפשר וועט אַמאָל אויסקומען צו פאָרן אָפּנעמען זיי.

גרשון האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן דערפון און באַשטאַנען אויף זיין רעכט צו פאָרן אַליין מיט די קינדער.

— מען דאַרף זיי דאָרטן איינשרייבן. אַגב בין איך בילכער צו וויסן וואו די סקול געפינט זיך. איך בין דאָך פאָרט אַ טאַטע, פאַרשטייסט?.. אַ צווייטן מאָל. אָבער וועסט דאַרפן אַכטונג געבן זיי זאָלן דיר דאָס בערדל ניט אויסצופּן... די אַמעריקאַנער חברה זיינען גרויסע שטיפער...

ביילקע האָט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן אַרויסגיין אָפּגעגעסענע און אָנגעטרונקענע, איז זי אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען פאַר פרי, אָנגעהייצט דעם אויוון, אָפּגעקאָכט אָנבייסן פאַר אַלעמען. דערנאָך האָט זי אויפגעוועקט דאָס קליינוואַרג, געהאָלפן זיי אָנטאָן זיך, אייבעלען פאַרקעמט די ווילדע טשופּרינע, פון מערעלעס הערעלעך צוויי דיקלעכע צעפּעלעך אויסגעפלאָכטן און געבעטן זיך ביי זיי:

— גייט עסן, קינדער, שוין שפּעט, מיסטער וואַלער וועט באַלד אָנקומען.

דאָס וואַרטן אויף וואַלערן האָט זיך געצויגן לאַנג און נודנע. אינדרויסן איז שוין גרויסער טאָג געשטאַנען און פון וואַלערן איז נאָך קיין זכר ניט געווען. מיטאַמאָל האָט פרינץ אויפגעשנאָלט די אויערן, אַ ווילדע צוגעהערט זיך צום דרויסן און אַ האַווקע געטאָן. גרשון האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס אין הויף. פון דער אַרומיקער ווייסקייט האָבן זיך אַרויסגעשיילט די סילועטן פון צוויי פערד מיט אַ וואָגן, אָנגעפּיקעוועט מיט שוואַרצע פּינטעלעך; קינדער זיינען געזעסן אין אים.

מיט יעדער רגע, מיט יעדער מינוט האָבן זיך די פערד מיטן וואָגן דערנענטערט נעענטער און נעענטער. באַלד איז דער וואָגן שטיין געבליבן לעבן גרשונס גאַניק, און וואַלער, אַ פריילעכער, האָט אַליין אויך אויס־

געזען ווי איינער פון די קינדער, וואָס ביי אים אויפן וואָגן:

— אַ גוט מאָרגן, מיסטער פרידמאַן! אייער חברה איז שוין גרייט? פירט זיי אַרויס! שוין שפּעט! און וואָס מאַכט די פאַרמערקע?.. לאָזט מיך זי כאַטש אָנקוקן...

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר אויף אייך! זיי זייַנען שוין גרייט. מיין ווייב וועט זיי תיכף אַרויספירן.

אַ פאַרשמייעטע האָטביילקע אַרויסגעבראַכט די קינדער, און גרשון האָט זיי אַרויפגעהויבן אויפן וואָגן.

— ביילקע, זיי באַקאַנט, דאָס איז מר. וואָלער, אונדזער שכן.

— העלאָו, מיסטער וואָלער.

— עס פרייט מיך צו קענען אייך, מיסעס פרידמאַן, — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פון וואָגן אַרויס און אָנגעהויבן ריידן צו גרשונען, — איר האָט דאָך אַ שיינע פרויקע! איך פאַרגין אייך גאָר ניט! הלמאי זאָל איך דאָס לייקענען?..

ביילקע האָט זיך געררויטלט און געלאַכט, טראַציק אַ קוק געטאָן אויפן מאַן. ס׳האָט געמיינט צו זאָגן: זעסט? אַנדערע שאַצן מיין שיינקייט, און דו?

גרשון האָט אויף איר ניט געקוקט און געפרעגט וואָלערן:

— אפשר וועל איך קאָנען מיטפאָרן? איר ווייסט דאָך, מ׳דאַרף די קינדער איינשרייבן...

— צו וואָס דאַרפט איר פרעגן אַזאַ נאַרישקייט? כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן, ס׳וועט זיין פריילעכער צוריקפאָרן.

אַז די קינדער זייַנען אין סקול אַוועקגעפאָרן, איז אין שטיבל אָן אומעט אויפגעגאַנגען, אַן אומעט, וואָס באַפאַלט נאָך אַ שמחה, ווען די געסט צעגייען זיך. דאָס שטיבל איז, דוכט זיך, פּוסט און גרעסער געוואָרן ווי אין דער אמתן. פון די פּאָר צימערלעך און פון יעדן ווינ־קעלע איז דער אומעט ווי אויף פיס געקראָכן און גענאָגט דאָס האַרץ און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין שטיבל איז קיינמאָל קיין פריי־לעך געמיט ניט געווען.

אמת, ביילקע האָט קיין צייט ניט געהאַט צו זען, ווי דער אומעט האָט זיך אין שטיבל אַריינגעכאַפּט און צעשפּרייט זייַנע פליגלען, ווי אַ פאַרנאַכטיקער שאָטן. און אפשר האָט זי דאָס יאָ געזען, נאָר קיין חשבון זיך ניט אָפּגעגעבן. זי האָט אויסגעשייערט דעם עמער, אַוועק אין שטאַל, די בהמות געגעבן צום פרעסן און אָנגעהויבן מעלקן זיי, דערנאָך די מילך אין אַ ציינענער קאַן אַריינגעגאָסן און גענומען צוראַמען די צימערלעך.

דערפֿאַר, אָבער, האָט דער אומעט געטראָפֿן מער טאָמען, איידער די בעל־הביתטע גופא. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי ניט איינגעלעבט מיט קיינעם, ווי דאָ אין שטיבל מיט די ווייסע מענטשן. איבערהויפּט מיט די קינדער, וואָס זיינען אים איינגעבאָקן געוואָרן אין האַרצן. און איצט, אַז זיי זיינען ניט געווען, און דאָס שטיבל איז געבליבן אַ פּוסטקע, האָט ער ממש ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיך. איז ער פון עגמת־נפש אַריין אין בעטל, צוגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע, פֿאַרמאַכט די אויגן און געטראַכט פון אַמאָל, פון זיין אייגן לעבן, וועגן די צוויי זין זיינע, וואָס זיינען ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין דער גרויסער קאַלטער וועלט...

קאַפּיטל XII

טעג האָבן זיך געשטעלט קורצע און כמורנע. דער ווינטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט ברעג, מיט ווינטן און זאַווערוכעס. דאָס וואָיען פון די קאַיאָטן האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדער נאַכט. אין קוימען זיינען ווינטן געוואָרן אָפטע געסט און געפייפט, געברומט, געוויינט און געקלאָגט אויף זייער נע־ונדנעם לעבן, אויפן אַרומוואַנדערן פון קוימען צו קוימען און אין קיינעם פון זיי קיין באַרוטע מינוט ניט געפינען פאַר זייער ווינטיקן זיין...

דער אויוון האָט געהאַלטן אין איין שלינגען שפּענער און פרעסן איין שייטל האָלץ נאָכן אַנדערן, נאָר אַנוואָרעמען דאָס שטיבל האָט ער ניט געקאָנט, און גרשון האָט מיט מורא אין האַרצן געזען, ווי דאָס האָלץ לעבן פיר־הויז ווערט אַלץ ווינציקער און ווינציקער. איז ער אין אַן איינ־דערפרי צוגעגאַנגען צום קופערט, אַרויסגענומען עטלעכע דאָלער, אַריינ־געלייגט דאָס אין קעשענע, אַנגעפּעלצט זיך, איינגעשפּאַנט די צוויי גע־זונטע אַרבעטס־פערד, „דאָופין" מיט „סילווערן", און איז אַריין צוריק אין שטיבל:

— איך פאָר ברענגען אַ וואָגן קוילן.

טאָם האָט געפינטלט מיט די אויגן און אַנגעהויבן בעטן זיך ביי אים, ווי אַ קינד:

— באָס־דזשאָו, לאָז מיך מיטפאָרן. אין דעם טייל לאַנד קאָן נאָך אַ שטורעם אויסברעכן, און דיך פון וועג אַראָפּטרייבן. ווּעסט פאַר־בלאָנדזשען אָדער פאַרפרוירן ווערן. אין צווייען איז בעסער...

גרשון האָט נאָך קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט: דער פרימיטיווער

חוש פון אַ פויער האָט אים ניט גענאַרט. בכלל איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט צופיל געגלויבט אין די אייגענע כוחות, אַלץ געשטעלט אויף זיך. צו טאָמס רייד ניט צוגעהערט זיך, און בלויז אַ לאַך געטאָן פון דער פאַרגעזאָגטער געפאַר:

— אַז אַ פויער באַזעצט זיך אויף אַ נייעם אָרט, דאַרף ער אַליין אויסגעפינען און אויסמעסטן אַלע וועגן און סטעזשקעלעך, וואָס כאַפּן אַרום זיין ערד און ניט מורא האָבן פאַר קיין געפאַרן. אַגב, האָב איך געהערט, אַז דו האָסט געהוסט ביינאַכט, וויל איך ניט דו זאָלסט זיך צוקילן.

— גרשון, — איז דאָס ווייב צוגעשטאַנען צום מאַן, — אפשר זאָלסטו אים טאַקע מיטנעמען ? זאָלבענאַנד איז פאַרט גרינגער, פריי־לעכער און זיכערער. דו קענסט דאָך נאָך ניט דאָ די וועגן אַקוראַט... ס׳איז דאָך אַ ווילדערניש. ווער ווייסט וואָס עס קאָן פּאַסירן, די בייזע שעה זאָל ניט זיין ?..

גרשון איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס, ניט געגלויבט, אַז מיט אים קאָן עפּעס וואָס טרעפן און, אַרויפקריכנדיק אויפן וואָגן, האָט ער גענומען די לייצעס אין די הענט, אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש און אויסגעדרייט די קאָפּ צום ווייב און צו טאָמען:

— האָט קיין מורא ניט, אין אָוונט וועל איך צוריקקומען !

דער וועג צו די קוילן־מינען איז געלאָפן אַ גלייכער און אַן אויס־געפאָרענער. פון איין זייט האָט זיך געברייטערט אַ ווייטער טאָל און פון דער אַנדערער — אַ קייט נידעריקע בערגלעך, באַשפּריגקלט מיט קליינע אויסגעדאַרטע סיידזש־ביימעלעך. אין האַלב וועג איז די זון אַרויס און אָפּגעבאָדן אירע שטראַלן אינעם גלאַנציקן שניי. ס׳איז וואַ־רעמער געוואָרן. גרשון האָט אויסגעטאָן דעם אויבערמאַנטל, געבליבן זיצן אין דער פוטערנער קורטקע און אָנגעהויבן בעסער באַטראַכטן דעם געגנט.

דער באַרג, וואָס האָט אָפּגעטיילט פרענקס לאַנד פון זיין שטיקל ערד, איז אַלץ געזונקען נידעריקער און נידעריקער. זיין ווייסער קאָפּ האָט געגלאַנצט אין דער זון און צוריקגעוואָרפן פילפאַרביקע שטראַלן. מיליאָנען בלויאינקע דימענטלעך האָבן אַרויסגעפינקלט פונם שניי און געכישופט דאָס אויג.

געווייינטלעך, האָט גרשון פיינט געהאַט צו טרייבן די פערד. נאָר איצט האָט ער זיי אונטערגעיאָגט, געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די קוילן־מינען, אָנלאָדן דעם וואָגן און אין אָוונט צוריקקומען אַהיים. די

בייטש האָט אַ רעד געטאָן אויף איר לשון, אַ ברי געגעבן די פערד איבער די פלייצעס, און די סוסים האָבן געשטעלט פיס. די רעדער האָבן געסקריפּעט, געגרילצט אין די אויערן, גרינג געקייקלט זיך. דער וועג איז אַנטקעגן געלאָפן מקבל פּנים־זיין דעם פויער און אָוועקגעטראַקט ווייט הינטערן וואָגן.

מיטאַמאָל האָבן די פערד אויפגעהערט לויפן און אָנגעהויבן גיין פוס־טריט. דער וועג האָט זיך פאַרהויבן באַרג־אַרויף און גרשונען איז קלאָר געוואָרן וואו ער געפינט זיך. באַלד איז וואָטער־פאָלס. מיט די אויגן האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ שטוב, אַ קוימען, צי שוואַרצע בערג, וואָס זאָגן געוויינטלעך אָן דעם אָרט וואו עס געפינט זיך אַ קוילן־מינע. אָבער, וואו נאָר דאָס אויג איז געפאַלן — שניי און שניי! אמת, בערגלעך האָבן זיך טאָקע באַוויזן, נאָר אַלץ פאַרדעקטע מיט ווייסן פוך, און גרשון האָט ניט געוואוסט, צי זיינען דאָס קוילן־מינעס אָדער ניט.

אַ צווייפל האָט אים אַרומגעכאַפּט: אפשר האָט מען אים ניט אָנגעגעבן דעם ריכטיקן וועג, און ער פאַרט אין דער וועלט אַריין? נאָר אָט זיינען אויפגעשוואומען עטלעכע אומגעלומפּערטע געביידעס מיט פאַרשוואַרצטע, בלעכענע דעכער. שמאָלע און הויכע בריקלעך, מיט שטאָלענע שינעס אויף זיי, אויף וועלכע עס האָבן אַרומגעפּויזעט וואַגאָנעטקעס, האָבן זיך געצויגן פון אונטער דער ערד אַרויס און אַריינגעפאַלן אין די אָפענע שוואַרצע בוידעמער און זיינען דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן.

אַ האָפּערדיקער האָט גרשון צוגעקערעוועט די פערד צו אַ שטיבל, אויף וועלכן ס׳איז געהאַנגען אַ שילדל און אָנגעזאָגט, אַז דאָ איז דער „אָפיס" פון דער וואָטער־פאָלס קוילן־מינע. גרשון איז אַריין אינעווייניק, געזאָגט וואָס ער וויל, אָפּגעצאָלט די עטלעכע דאָלער, וואָס דער אָנגעשטעלטער האָט פאַרלאַנגט, און צופירנדיק די פערד צו אַ באַרג קוילן, האָט ער געגעבן זיי פרעסן, נאָכדעם אויסגעטאָן דעם אויבערמאַנטל און אָנגעהויבן אָנלאָדן זיין וואָגן.

אָנגעאַרבעט זיך מיט דער לאָפּעטע און „אָנגעדרעליעוועט" אַ וואָגן מיט אַ „ווערדך", האָט גרשון געוואָלט, אַז די פערד זאָלן זיך נאָך אַביסל אויסרוען. ער איז דערווייל אַריינגעגאַנגען אין אַ כאַלופּקע, וואָס האָט געדינט ווי אַ רעסטאָראַן, „געכאַפּט" אַ קאַווע מיט אַ סענדוויטש, נאָכדעם אַרויס צו די פערד און געלאָזט זיך צוריק אַהיים.

אַראָפּ־באַרג האָט זיך דער וואָגן געקאַטשעט ווי פון זיך אַליין. נאָר שפּעטער, ווען דער וועג האָט זיך אויסגעגלייכט און טאָקע אָנגעהויבן פאַררייסן זיך באַרג־אַרויף, האָבן די רעדער אָנגעהויבן האַמעווען, אָבער

די אויסגערוטע פערד האָט דאָס כמעט ווי ניט געאַרט. אמת, זיי זיינען ניט געלאָפן, בלויז געגאַנגען פוס־טריט און קיין וועזן ניט געמאַכט פון דער שווערקייט.

און כאָטש פוס־טריט מיינט ניט לויפן, האָט אָבער די צייט דערפון ניט געוואָלט וויסן און איז זיך געגאַנגען איר וועג, געדרייט און געיאָגט זיך גיכער פון די רעדער. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אָפּנויגן צום אָוונט. דער הימל איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט שווערע געדיכטע וואָלקנס, וואָס האָבן געדראָט מיט שניי און זאַווערוכע.

דערזעען די וואָלקנס, האָט גרשון אָנגעהויבן אַרבעטן מיט דער בייטש, געצויגן די לייצעס און געטשאָמקעט מיט די ליפּן: „געדיאָפּ״! „גע־דיאָפּ״! די פערד האָבן אָפּנים דערפילט, אַז אַ געפאַר רוקט זיך אָן, האָבן זיי געפּאָרכקעט מיט די נאָזדרעס, געוואָרפן מיט די דעכוועגעס און געשטעלט גרעסערע שפּאַנען. אָבער, וואָס גיכער דער וואָגן האָט זיך געקייקלט און וואָס טיפער ער האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער פאַר־שנייטער פרייערי, איז דער הימל אַלץ טונקעלער, שוואַרצער און דראָענ־דיקער געוואָרן.

עס האָט אָנגעהויבן שנייען. אַפריער זיינען די שנייעלעך גע־פאַלן שיטערע, רואיקע, און פּאַמעלעך געניִדערט, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געאיילט אויסצומישן זיך מיט די אַנדערע שנייעלעך אויף דער פאַר־קאָוועטער ערד. נאָר באַלד איז פון צווישן די בערג אָנגעלאָפן אַ שטאַר־קער ווינט און אַראָפּגעקערט דעם שניי פונעם וועג. די רעדער האָבן אויפגעהערט צו סקריפּען, צו דרייען זיך און זיינען צוגעקאָוועט געוואָרן צו די אַקסן. דער וואָגן האָט זיך שליטנמעסיק געגליטשט אַהין און אַהער, געוואָרפן אין אַלע זייטן, און די פערד האָבן שווער געדעכעט, געשפּאַרט זיך אויף די כאָמוטן און באַפּאַרבט געוואָרן אויף ווייס.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. די זאַווערוכע האָט זיך געשטאַרקט, געבושעוועט מיט אַ ווילדן כוח, געגרעוועט ווי אַ חיה און פאַרגאַנגען זיך אויף דינע, קלאָגנדיקע טענער. דער הימל איז, דוכט זיך, אַראָפּ, אויסגעמישט זיך מיט דער ערד און דער פאָרער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, צי ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן וועג, אָדער ניט.

שפּעטער אַביסל איז ער אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, געוואָלט דערזען דעם וועג פון דער נאָענט און ניט געקאָנט. די ערד איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גראָבן שיכט שניי. ס׳איז אים געוואָרן שפּלדיק אויפן האַרצן: וואו איז ער דאָס אין דער וועלט? וואָס וועט איצט זיין? ער וועט געוויס פאַרפרוירן ווערן אויף טויט!.. וואָס וועט ווערן פון די קינדער,

פוןביילקען, און פון דער פאָרם ?.. ער ווייסט, אַז די היים וועט ער שוין ניט דערגרייכן און וועט אומקומען אינמיטן סטעפּ...

אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך דערקליבן צו די פּנימער פון די פערד, מיט דער האַנט אָפּגעקלאַפּט די קרישטאָלענע ליכטלעך, וואָס זיינען אַרויסגעהאַנגען פון זייערע נאָזדרעס און ניט געלאָזט זיי דעכען. די סוסים האָבן אָפּגעאָטעמט אַביסל פרייער, אַ דריי געגעבן מיט די קעפּ, און ניט אָפּשטעלנדיק זיך — געבראָדיעט אין טיפן שניי, ווי אויך זיי וואָלטן געוואָלט וואָס גיכער דערגיין צו אַ הויף און צו אַ שטאָל.

אַ ווײַלע איז גרשון געגאַנגען לעבן די פערד און, כדי דער ווינט זאָל אים ניט אַוועקשליידערן אָן אַ זייט, האָט ער געהאַלטן „דאָופיס״ שלייע. אָבער לאַנג ניט געקאָנט האַלטן זי: די הענט און די פיס האָבן אים אָנגע־הויבן שטאַרק צו פרירן. ער האָט זיך צוגעטוליעט צום פערדס פעל. כאַטש אויף אַ ווײַלע געוואָלט דערוואַרעמען זיך. נאָר פונעם סוס האָט געשלאָגן מיט קעלט און גרשון האָט גענומען אונטערטאַנצן און געקלאַפּט אַ האַנט אין אַ האַנט.

באַלד, אָבער, האָט ער פאַרלאָרן די כוחות. די הענט און די פיס האָבן נאָכגעלאָזט. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. ס׳איז אים באַפאַלן אַ מידקייט. עפּעס אַזאַ אָנגענעמע מידקייט איז דאָס געווען, כאָטש נעם און גיב זיך אַ וואַלגער אויפן שניי און שלאָף! נאָר גרשון האָט געוואוסט, אַז קוים וועט ער אַפילו אויף איין רגע איינדרעמלען, איז אויס! עד־כאן! און ניט זייענדיק בכוח לאַנג צו טראַכטן, האָט ער זיך געראַנגלט מיטן שלאָף. געראַנגלט זיך אַ מינוט, צוויי, צען און אפשר אַ גאַנצע שעה. צום סוף — אַביסל גובר געווען אים.

גיין, אָדער, בעסער געזאָגט, שלעפּן זיך מיט די פיס אַביסל לענגער האָט ער מורא געהאַט: ער וועט נאָך אומפאַלן און ניט קאָנען אויפשטיין. איז ער צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, אַ שוואַכן הוקע געטאָן אויף די פערד, זיי זאָלן וויסן, אַז ער איז נאָך דאָ... מיט די אָנגעפרוירענע הענט האָט ער אַפילו די לייצעס ניט געקאָנט אָננעמען און געטראַכט: זאָל זיין וואָס עס וויל זיך... זאָלן זיי גיין וואוהין זיי ווילן, וואָס מאַכט דאָס אויס? אַלץ איינס איז דאָס שוין דער סוף...

פונדעסטוועגן האָט ער ווי עס איז דערטאַפּט דעם זאַק מיטן ביסל היי, וואָס איז איבערגעבליבן, איינגעראָיעט זיך אין אים און מיט די לעצטע כוחות געריסן די אויגן־דעקלעך, זיי זאָלן זיך ניט צוזאַמענ־נעמען. איבערן רוקן איז אים אַ קעלט איבערגעלאָפן, אויסגעטאַפּט יעדע ביינדעלע, ווי מיט קאַלטע, טויטע פינגער. נאָר באַלד האָט די קעלט

נאָכגעלאָזט און ס׳איז אים געוואָרן וואַרעם. אַזאַ זיסע וואַרעמקייט — אַ מחיה! פֿאַר דער זיסער און אָנגענעמער וואַרעמקייט האָט ער זיך גע־שראָקן מער ווי פֿאַר דער קעלט. ער האָט געוואוסט דעם באַדייט דערפֿון און געפּרואווט ווערן זיך, אַרויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד.

לאַנג האָט ער דעם ווידערשטאַנד ניט געקאָנט אָנהאַלטן. דער גרענעץ צווישן הימל און ערד, צווישן לעבן און טויט — איז פֿאַרווישט געוואָרן פֿון גרשונס באַוואוסטזיין. די אויגן־לעדעלעך האָבן זיך ווידער געקלעפּט, דאָס מאָל נאָך שטאַרקער ווי פֿריער. נאָר אין מוח האָט זיך אים אַ פּיצל געדאַנק געבאַמבלט: גיב זיך ניט אונטער! קוים שלאָפֿסטו איין — איז דאָס דיין אייביקער שלאָף... פֿאַר דעם פּיצל געדאַנק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט און געקעמפּט ווי אַ לייב. געאַרבעט מעשים מיט זיך אַליין און אַלץ געזוכט אַוועקצוטרייבן דעם שלאָף פֿון זיך.

• • •

און וואָס איז געווען אינדערהיים, אויפֿן פֿאַרם? ווען דער אָוונט איז געווען צוגעפֿאַלן, און אין שטיבל האָט שוין דערנאָך די נאַכט אַריינגע־קוקט מיט פֿינצטערע אויגן און גרשון האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן, איז ביילקע אומרואיק געוואָרן. שווערע געדאַנקען זיינען איר באַפֿאַלן, כאָטש זי האָט מורא געהאַט אַרויסצורײדן די פּאָר ווערטער, אַז זי שרעקט זיך עפּעס. אַלע ווײַלע האָט זי געכאַפּט אַ קוק אין פֿענצטער און לסוף אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— אַנקל טאָם! איך האָב מורא, אַז מיינע קינדער האָבן שוין ניט קיין טאַטן!..

אויך דער אַלטער איז געווען היפּשלעך צעשראָקן. ער האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט אַרויסווייזן, און אָנגעשריען אויף ביילקען, ווי אויף אַ טאָכטער:

— מיט די ווייבער איז אַן אומגליק!.. ווייסע און שוואַרצע — אַלע זיינען איר גלייך! רק איר פֿאַרטראַכט צום שלעכטן!.. אַ פֿאַר־מערקע טאָר אַזוי ניט ריידן!.. מסתמא האָט דעם באָס לענגער גע־דויערט אָנצולאָדן דעם וואָגן... ער וועט באַלד קומען...

ער האָט, דוכט זיך, גערעדט גלאַט און גאַנץ געלאַסן, ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַן עלטערן פֿויער. נאָר טיף אין האַרצן האָט אים אַ פֿאַרבאָר־גענער געפֿיל אונטערגעזאָגט: די מעשה מיטן באָס, וואָס האָט נאָך געדאַרפֿט קומען מיט אַ צוויי, דריי שעה צוריק, איז עפּעס ניט גלאַטיק... פּלוצים האָט טאָם באַמערקט, ווי פֿרינץ האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף,

פאַרריסן די מאָרדע און אָנגעהויבן וואָיען, דערנאָך צוגעלאָפן צום טיר און מיט די לאַפּעס געריסן דאָס הענטל.

דער אַלטער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַ הונט רייסט זיך צום טיר און דערצו נאָך אין אַזאַ פאַל, איז דאָס ניט אומזיסט... אַוודאי דער־שמעקט אַ געפאַר... איז ער ראַפּטאָם צוגעגאַנגען צום טיר, אַרויס־געלאָזט דעם הונט און צוזאַמען מיט אים אַרויס אין דרויסן זען, וואָס טוט זיך אויפן פעלד.

ווי נאָר דער הונט איז אַרויס פון שטיבל, האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, פאַרריסן די מאָרדע, אַ וואָיע געטאָן און, האַווקענדיק אויף אַ קול, אָנגעהויבן לויפן איבערן סטעפּ, געשפּרונגען פון איין קופּע שניי אין דער אַנדערער. און וואו עס זיינען קיין בערג שניי ניט געווען — איז ער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געשוואומען ווי אין אַ ווייסן ים.

קאַפּיטל XIII.

גרשון האָט, ווי דורך אַ דיקער וואַנט, דערהערט אַ האַווקען. האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע חושים און דערקענט: ס'איז פרינץ! גאָט צו דאַנקען! עס מוז זיין נאָענט פון דער היים!... נאָר אפשר איז דאָס אַ חלום? אַ הילוצינאַציע... אַ פאַרבלענדעניש? עס קאָן דאָך אָבער ניט זיין? ער הערט! יאָ, ער הערט דאָך פאָרט ווי פרינץ בילט און דאָס בילן קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. ער האָט זיך געפּרוּווט אויפזעצן און ניט געקאָנט. די אברים האָבן ניט געפאָלגט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און פרינץ האָט דערגרייכט די פערד. ער איז זיי אין די פּנימער געשפּרונגען, געקושט זייערע מאָרדעס און הילכיק געבילט. די פערד זיינען פריילעך געוואָרן, געשאָקלט מיט די קעפּ, געשנאָלט מיט די אויערן, געפּאַרשקעט מיט די נאָזדרעס און מיט פרישן כוח נאָכגעגאַנגען, וואוהין דער הונט האָט זיי געפירט.

דערהערט דאָס סקריפּען פון רעדער, דאָס טאָפּטשען פון פערדישע קלאָיען און דאָס בילן פונם הונט — איז ביילקע אַ דערפרייטע אין הויף אַרויסגעלאָפן און, דערזעענדיק ווי גרשון ליגט אויפן וואָגן און רירט זיך ניט פון אָרט, האָט זי אַ דערשראָקענע גענומען שרייען:

— גרשון, גרשון, וואָס איז מיט דיר?! אַ בראָך איז מיר געשען! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!

גרשון האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, געוואָלט אַראָפּגיין און — ניט

געקאָנט. איז ער געבליבן ליגן ווי אַ פלאַכטע. טאַם איז צוגעקומען און אַ זאָג געטאָן:

— שריי ניט, ליאָרעם ניט! מסתמא איז ער אַביסל צוגעכאַפּט געוואָרן פון פראָסט. העלף מיר אים אַריינגעמען.

ביידע האָבן אים קוים אַראָפּגענומען פון וואָגן און אַריינגעטראָגן אין שטיבל, אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און אַראָפּגעצויגן זיינע קליידער.ביילקע האָט געבראַכט צוויי עמערס וואַסער, אַ מולטער שניי, אַריינגעטאָן אַהין גרשונס הענט און פיס. טאַם האָט זיי געריבן מיט שניי אַ לאַנגע צייט. נאָכדעם האָט ער אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז שנאַפּס און אַריינגעגאָסן זיין בעל־הבית אין מויל אַריין. גרשון האָט די אויגן נעעפנט און געשמייכלט אומבאַהאָלפן.

שפּעטער האָבן זיי אים אין בעט אַריינגעלייגט. טאַם האָט געכאַפּט אַ טערקישן האַנטוך, איינגעטעצט אין קאַלט וואַסער און געריבן גרשונס קערפּער אַזוי לאַנג, ביז די הויט איז רויט געוואָרן ווי פייער. דער אַלטער האָט זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט. געבעטן אַלקאָהאָל, ספּירט. אויך מיטן ספּירט גוט איינגעריבן גרשונס גוף און דערנאָך אַ פּאָר־שוויצטער געזאָגט דער בעל־הביתטע:

— אויף היינט וועט זיין גענוג. מען דאַרף אים לאָזן צורו.

דעם קומענדיקן טאָג איז גרשון געלעגן אין בעט ווי אַ פּריץ. אָן איינגעדעקטער ביזן האַלדז מיט צוויי קאָלדרעס, האָט ער ביזן אָוונט געשוויצט ווי אין אַ באָד אויפן אויבערשטן פּאָל. דאָס ווייב איז ניט אָפּגעטראָטן, אים געהיט ער זאָל פון בעט ניט אַרויס. ס׳האָט ניט געהאָלפן זיין טענהן, אַז די הענט מיט די פיס זיינען „אָ־קעי״, אַז ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי געזונט, ווי איצט. נאָר ווען עס האָט אים אויף אַן אמתן אָנגעהויבן ציען דאָס האַרץ, און ביילקע האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעקערט געבן די קינדער עסן, איז ער אַרויסגעקראָכן פון אונטער די קאָלדרעס, צוגעגאַנגען צום טיש און געבעטן עסן.

גרשון האָט זיך ניט געריכט, אַז אויך אין דער ווילדערניש זאָלן זיין גנבות, ווי אין די גרויסע שטעט. דאָס איז אים אַפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען, האָט ער די שטאַל קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס. ניט מער אויף די נעכט פלעגט ער פאַרלייגן אַ דראָבינע איבער דער ברייט פון טויער, אַז אַ קאַיאָטע זאָל זיך אין שטאַל ניט אַריינכאַפּן, אָדער אַ שטאַרקער ווינט זאָל דעם טויער ניט אויפפּראַלן — און באַנוגנט זיך דערמיט.

נאָר איינמאָל אין אַ שבת ביינאַכט, ווען עס האָט שטאַרק געשנייט,

און אַלע אין שטיבל זיינען געשלאָפֿן, האָט גרשון דערהערט, ווי פּרינץ האָט זיך צעבילט און געריסן זיך צום טיר. ער האָט אויף קיין זאַך ניט פֿאַרטראַכט. אַ פֿאַרשלאָפֿענער איז ער אַראָפּ פֿון בעט, אָנגעשריען אויפֿן הונט, אַז יענער זאָל זיין שטיל, און צוריק געלייגט זיך שלאָפֿן.

אָבער אינדערפֿרי, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטאַל און געוואָלט אָנלייגן פֿרישע היי פֿאַר די פֿערד, האָט ער דאָרט קוינין ניט געפֿונען. ער האָט אָנגעהויבן זוכן, געמיינט זי איז צווישן די בהמות, צי אַרויסגעכאַפּט זיך פֿון שטאַל, אָבער דער טויער איז דאָך געווען פֿאַרלייגט מיט דער דראָבינע, ווי אַלעמאָל, און פֿון דערקענען אַ סליאַד אין דרויסן — איז דאָך אָפּגערעדט. דער גאַנצער אַרום איז איינגעדעקט געווען מיט אַ דיקן שניי. איז ער, ווי אַ צעדולטער, אין שטיבל אַריינגעלאָפֿן און מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעשריען:

— מען האָט קוינין צוגעגנבעט!

ביילקע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אויך די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, אויף איר קוקנדיק. טאַטע איז געוואָרן שוואַרץ ווי קויל. הענט און פֿיס האָבן אים גענומען ציטערן. ער איז געשטאַנען אינמיטן קיך אַ פֿאַרלאָרענער, געפֿילט זיך שולדיק: נאָך אַלעמען איז ער דאָך דאָ אַ „האַנט״, און די פֿערד ניט געהיט, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

גרשון האָט די הענט געבראָכן. די אויגן זיינען אים גרויס געוואָרן און געשפּאַרט זיך פֿון די אויגן־לעכער. ער האָט ניט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט און אין אַ ווילע אַרום, צוזאַמען מיט טאַטען, אַוועק צו שכנים פֿרעגן, אפֿשר האָט עמיצער געזען זיין קליאַטשע.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געבראָדיעט אין טיפֿן שניי, נאָכגעפֿרעגט זיך ביי יעדן פֿאַרמער, געניסטערט אין אַלע הויפֿן, אַריינגעקוקט אין פֿרעמדע שטאַלן, אין די פֿאַרדעכטיקסטע ערטער, אַפֿילו צווישן די בערג געווען — אפֿשר איז זי אַהין פֿאַרגאַנגען, און פֿאַרנאַכט צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט און געבראָכענע געמיטער.

די פֿריערדיקע פֿויערשע געמיטלעכקייט איז ווי מיטן רויך אַוועק, און דאָס שטיבל איז איינגעהילט געוואָרן מיט אַ שלייער פֿון אומזיכערקייט, פֿון מורא פֿאַר דער קומענדיקער נאַכט, און גרשון האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט באַרואיקן פֿונם אומגליק און געפֿאָרן פֿון איין שכן צום אַנדערן, נאָכגעפֿרעגט זיך, צי ווייסן זיי, וואו ער זאָל זוכן זיין געגנבעטע קליאַטשע און — קיין קלאָרע ענטפֿערס ווידער ניט באַקומען.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט אויסגעבראָכן אַ זאַווערוכע. דער

פראָסט האָט געסמאָליעט. דער דאַך האָט געקנאַקט. ס׳איז געווען אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט. גרשון איז געזעסן אין קיך און געבראָכן זיך דעם מוח, וואו קוויני האָט געקאָנט פאַרפאַלן ווערן, ערשט פון דרויסן האָבן זיך צו אים דערטראָגן שוואַכע מענערשע שטימען:

— „גיי דו אַריין.״

— „ניין, גיי דו אַפריער!״

גרשון האָט די טיר געעפנט און אַרויס אויפן גאַניק. אויף פאַר־שנייטע פערד זיינען צוויי מענער געזעסן, אויף די פלייצעס — ביקסן, אין די גאַרטלען — רעוואָלווערן. איינער פון זיי האָט אַ פרעג געטאָן:

— אפשר קאָן מען זיך אָנוואַרעמען ביי דיר, מיסטער?

— געוויס קאָנט איר, — האָט גרשון אויפן שטעל געענטפערט, — גיט מיר אייערע פערד, כ׳וועל זיי אין שטאַל אַריינפירן, אויסטאָן די זאָטלען און געבן עסן. איר — גייט אַריין אין שטוב. ס׳איז דאָרט וואַרעם. אָבער, וועקט ניט אויף די קינדער...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט און דערזען פאַר זיך צוויי יונגע מענער, איינער פון אַ יאָר דריי, פיר און דרייסיק און דער אַנדערער פון אַרום ניינצן. טאַם האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל און מיט חשד געקוקט אויף די פרעמדע מענטשן. גרשון האָט דאָס ניט באַ־מערקט. ער האָט אָנגעהייצט דעם אויוון, אויף אַ גרויסער פאַן אָפּגע־פּראַזשעט צוויי פיין־קוכנס, אָפּגעקאָכט קאַווע און צוזאַמען מיט ברויט דאָס אויפן טיש אַוועקגעשטעלט.

— קומט צום טיש. איר זיינט דאָך געוויס הונגעריק.

די פאַרשווינען האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, געזעצט זיך צום טיש, געגעסן ווי הונגעריקע וועלף, פאַרטרונקען איין טעפּעלע קאַווע נאָכן אַנדערן און מיט דאַנקבאַרקייט אין די מידע אויגן געקוקט אויפן יידישן האָומסטעדער, וואָס האָט זיי אַזוי ברייטהאַרציק אויפגענומען.

ווען זיי האָבן שוין אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען — האָט זיך גרשון מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער זיינט איר און וואוהין פאָרט איר דאָס אין אַזאַ נאַכט?

אַ ווײַלע האָבן זיך די געסט איבערגעקוקט. דער ייִנגערער האָט זיך פאַרהוסט, אויסגעשפּיגן אַ שטיק בלוט, און דער אַנדערער האָט מיט באַשלאָסנקייט אין קול דערציילט:

— מיר זיינען „דזשייל ברייקערס״! נאָר האָב ניט קיין מורא, האָומ־סטעדער! דער יונג איז מיין פּלימעניק. ער האָט געוואוינט צוזאַמען

מיט זיין שטיף־טאַטן, אַ פערד־גנב. האָט אים יענער איינגערעדט מיט־פאָרן מאַכן אַ „דזשאָב" ביי אַ רענטשער. דער רענטשער האָט באַמערקט די גנבים און געגומען יאָגן זיך נאָך זיי. דער שטיף־פאָטער האָט דעם רענטשער אַוועקגעלייגט און „אויסגערונען". געכאַפּט האָט מען דעם באַי. געזאָלט אים הענגען. נאָר אַזוי ווי ער איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט, האָט מען אים דערוויל אַריינגעזעצט אין מאָנטאַנאַ־דזשייל. דאָרטן האָט ער אָפּגעשפּאָרט טובערקולאָז. ער פּאָכעט מיט דער נשמה. איך האָב זיך דערוואוסט דערפון, בין איך געקומען אַהין, אויפגעבראָכן די גראַטעס און איצט פיר איך אים אין אַן אָרט, וואו מען וועט אים קיינמאָל ניט געפינען...

דערהערט אַזאַ מעשה, אַז דער בחור איז אומשולדיקערהייט אַריינ־געפאַלן אין תפיסה, איז טאָמס בליק ווייכער געוואָרן און געגומען קוקן אויף זיי ווי אויף אייגענע מענטשן, וואָס ליידן צוליב די זינד פון אַנדערע... גרשון האָט גאָר ניט געזאָגט. ער איז אַוועק אין שטאַל, געבראַכט היי, אויסגעלייגט אויפן דיל און באַדעקט מיט אַ ליילעך:

— גייט שלאָפן. איר קאָנט דאָ זיין ווי לאַנג איר'ט ווילן.

מיטן אָנקומען פון טאָג איז די זאַווערוכע איינגעשטילט געוואָרן. נאָר דער פראָסט האָט ניט נאָכגעלאָזט און, ווי אַן עקשן, געביסן די פינגער. ביילקע איז אויפגעשטאַנען, אַריין אין קיך, דערזען צוויי מענער ליגן אויף דער ערד און לעבן זיי — ביקסן מיט רעוואָלווערן, איז זי אַ דער־שראָקענע צוגעלאָפן צו גרשונען:

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענטשן ביי אונדז?

— שרעק זיך ניט, זיי זיינען אַנטלאָפן פון פּריזאָן. אומשולדיקע אַריינגעפאַלן, נעבעך, — האָט ער זי באַרואיקט און דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי דער עלטערער האָט געראַטעוועט דעם ייִנגערן. זי האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן און מיט באַהאַלטענער שרעק אין האַרצן געקוקט אויף די שלאָפנדיקע. פונדעסטוועגן, האָט זי אָפּגעקאָכט פרישטיק און דער־נאָך געבעטן זיי צום טיש.

נאָכן עסן האָבן די „פאַרברעכער" אָנגעטאָן די אויבערמאַנטל'ען, אָנגעשטעלט די קאָלנערס, די רעוואָלווערן אין די גאַרטלען אַריינגע־שטעקט, די ביקסן אויף די פּלייצעס אַרויפגעוואָרפן, און דער עלטערער האָט אַרויסגענומען אַ צען־דאָלער־שטיק און געשטופּט דאָס גרשונען אין האַנט:

— נעם דאָס, האָמסטעדער. ס'איז פאַר דיין גוטהאַרציקייט. איצט קאָן איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז קיין אַנדער פאַרמער האָט אונדז אַפילו

אויפֿן שוועל ניט געוואָלט אַרויפֿלאָזן. דו ביסט דער איינציקער בראַ־וער מענטש אין דעם געגנט...

— אַ דאַנק פֿאַרן קאָמפּלימענט, האָט גרשון צוריקגעוויזן דאָס געלט, — יידן נעמען ניט קיין געצאָלט פֿאַר גאַסטפֿריינדלעכקייט, נאָר אויב איר וועט אויף אייער וועג אָנטרעפֿן מיין קליאַטשע, וואָס מען האָט ביי מיר געגנבעט און לאָזן וויסן, וואו זי געפֿינט זיך, וועט דאָס זיין די בעסטע באַלוינונג. זי איז אַן איידעלע, מיט שלאַנקע פֿיס און טראָגט אַ צייכן „ד" אויף זיך.

— אַ שוואַרצע, מיט אַ צייכן „ד" אויף זיך? — האָט דער ייִנגערער איבערגעפֿרעגט, — עס קאָן זיין, אַז איך וועל זי געפֿינען... אויב זי איז נאָך „דאָרטן", וועסטו דיין קליאַטשע צוריקקריגן... און פֿאַר דיין גאַסטפֿריינדלעכקייט נאַ דיר מיין ביקס אַ מתנה. דער רעוואָלווער וועט זיין געַנוג פֿאַר מיר...

— טאָם איז דערווייל צוריקגעקומען פֿון שטאַל און געזאָגט צו די צוויי „געסט":

— אייערע פֿערד זיינען שוין אָנגעזאָטלט און שטייען אינדרויסן.

זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט גרשונען, מיט ביילקען און מיט טאָמען און זיינען אַוועקגעריטן. מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און ס'איז געווען צו זען, אַז אַ ברעקל האָפֿענונג האָט אויפֿגעלויכטן אין זייערע אויגן: קוויני וועט אפֿשר נאָך צוריק־קומען...

קאַפּיטל XIV

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פֿון קוויני איז אַלץ קיין זכר ניט געווען, האָט זיך דער פֿריערדיקער געמיט צוריק אָנגעהויבן איינצושטעלן. דאָס לעבן האָט אָנגענומען דעם פֿריערדיקן גאַנג. גרשון מיט טאָמען האָבן אַכטונג געגעבן אויפֿן הויף, אויפֿן שטאַל און אויף די פֿערד. ביילקע האָט געמאָלקן די בהמות, אויסגעשלאָגן פּוטער, געזאָיט קעז אין שפּי־ציקע לייוונטענע זעקלעך. די איבעריקע מילך געקליבן אין קאַנען און צוזאַמען מיט די אויסגעסאָרטירטע אייער אַוועקגעשיקט אין שטעטל צום פֿאַרקויפֿן.

נאָר אָט זיינען שוין אַוועק עטלעכע טעג, אַז „אַנאַ" האָט אויפֿ־געהערט זיך מעלקן. דער איבערפֿלוס פֿון מילך האָט די אייטערס צע־שפּאַרט. די סאָסקעס האָבן אָנגעוואוירן דעם פֿריערדיקן קאָליר און זיינען

געשוואָלן געוואָרן, און וויפילביילקע האָט זיי ניט געצויגן, אַפּריער פּאַמעלעך און דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָבן זיי קיין מילך ניט אַרויסגעגעבן...

איין פרימאָרגן האָט זיך די בהמה אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויסגעצויגן דעם האַלדז, צעגלאָצט די גרויסע אויגן און אָנגעהויבן קרעכצן, מוהוקען און קוועטשן זיך. יעדער קרעכץ איז אַרויסגעקומען מיט אַזאַ געבעט און געוויין, אַז ביילקע האָט מער ניט געקאָנט צוזען ווי דאָס גוטע באַשעפעניש לײדט, און האָט אַריינגערופן דעם מאַן.

— זעסט, גרשון? מירן באַלד האָבן אַ קעלבל! אָבער, פאַרוואָס קומט דאָס איר אָן אַזוי שווער?.. ביי אונדז אינדערהיים איז אַמאָל געווען אַ בהמה, אַ רויטע, ווי פון פייער אָן אויסגעקושטע. פלעגט זי ממש פאַרלירן די קעלבלעך אויפן וויהאָן, און די־אָ? — ליגט נעבעך און קרעכצט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ קרעכצן. דאָס האַרץ שרעקט מיר עפּעס. הלוואי, זאָל אַראָפּגיין גלאַטיק...

גרשון האָט באַטראַכט די בהמה און געזען, אַז פון איר פעל האָט אַ שווייס אַרויסגעשלאָגן. נאָר „אַנאַ" האָט קיין וואַסער ניט געלאָזט, ווי אַ בהמה פאַרן קעלבן דאַרף טאָן. ער האָט זי צוגעדעקט מיט צוויי קאָלדרעס, זי זאָל זיך ניט צוקילן, אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן און, באַמערקנדיק ווי זי קאָרטשעט זיך אין ווייען, האָט ער געזאָגט צום ווייב:

— אַז אַ בהמה לאָזט ניט קיין וואַסער, קאָן מען ניט וויסן ווי לאַנג עס וועט נעמען... אַמאָל קאָן געדויערן לאַנג. מען דאַרף וואַרטן און האָפן...

קיין אַנדער זאַך איז ניט געווען צו טאָן, בלויז וואַרטן און האָפן. אָבער, ווען עס זיינען אַדורך אַ שעה, צוויי, דריי, און די בהמה האָט נאָך אַלץ קיין וואַסער ניט געלאָזט, איר קרעכצן איז געוואָרן האַרץ־רייסנ־דיקער, און ס'איז אויפגעשוואָומען אַ געפאַר פאַר איר לעבן גופא, האָט גרשון אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צום ווייב און צו טאָמען:

— ביילקע, קאָך אָן אַ סך וואַסער! און דו, טאָם, שלייף אָן דיין קעשענע־מעסערל. אויך די אַל זאָלסטו אָנשאַרפן און רייס אַרויס אַ סטרונע פון אַ פערדס עק. עס קאָן זיין, אַז מען וועט דאַרפן עפענען אַביסל...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ביילקע אַריינגעבראַכט אָן עמער הייס וואַסער. גרשון האָט דאָס צעפירט מיט קאַלטע, אָנגעשאָטן אַהין אַ פּאָר הויפנס זאַלץ און געגעבן דער בהמה צום טרינקען. „אַנאַ" האָט זיך

אונטערגעהויבן אויף די קני און צוגעכאַפּט זיך צום וואַרעמען געטראַנק מיט אַזאַ דורשט, ווי זי וואָלט געוואוסט, אַז דאָס וועט איר העלפן אויפגעבונדן צו ווערן...

אויסגעטרונקען איין עמער וואַסער, אַ צווייטן, האָט זי זיך ווידער אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט און גענומען הויבן די דעכוועניס אַרויף און אַראָפּ. באַלד האָט זי פּאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, די אויגן האָבן אַ שפּאַר געגעבן פון די אויגן־לעכער. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן מר־הו! און צוזאַמען מיט די פּאָדערשטע פיס האָט זיך אין איר עפענונג באַוויזן דאָס קעפּל פון אַ ביקל, וואָס איז דאָרט געבליבן שטעקן, ניט אַהער און ניט צוריק.

דערמאָנט זיך, אַז מיסטער אַנקוויסט האָט אים אַנגעזאָגט: „ניט פאַרלירן זיך און זיין רואיק", האָט גרשון גענומען דאָס מעסערל פון טאָמס האַנט און מיט דער פּאַרזיכטיקייט פון אַ „כירורג" אַ קליין שניט געטאָן, אונטן, אין פעל. דערנאָך אָנגעכאַפּט דאָס קעפּל און אָנגעהויבן אַרויסציען אַ שוואַרץ ביקל, מיט נאַסע, פאַרנעפּלטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אין ערגעץ און, דוכט זיך, גאָרנישט געזען.

— טאָם! רייב אים אָרום מיט זאַלץ! טו עס גיך!..

אַרויסגעפּטרט דאָס געוויכט פון זיך, האָט אַנאַ פרייער אָפּגעאָטעמט. אַ דריי־געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און דערזען איר תכשיט, וואָס איז געלעגן ווי אַ תמעוואַטער און קוים באַוועגט מיטן קורצן ווייִדעלע, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום ביקל און אָנגעהויבן אָפּלעקן פון אים דאָס זאַלץ. דאָס פעלכל זיינס האָט אַ גלאַנץ געטאָן פון פייכטקייט און אויפן שטערנדל האָבן זיך באַוויזן קרייזלדיקע הערלעך, וואָס האָבן אים צוגעגעבן מער אָנזעעוודיקייט און ביקישע חשיבות...

פלוצים האָט אַנאַ אַרויסגעשאָסן פון זיך אַ שטראָם וואַסער, ווי פון אַ פאָנטאַן און אַרויסגעשווענקט דעם „אָרט", וואָס איז פריער געווען געבליבן אין איר טראַכט. ביילקע איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געזען, ווי גרשון האָט „געאַרבעט" אָרום דער בהמה. מיט אָן אָל האָט ער דורכגעשטאָכן אַ פּאָר לעכעלעך, דורך זיי די פערדישע סטרונע דורכגענומען, פאַרנייט דעם קליינעם שניט און צוואַשן זיינע הענט אין דער בהמהס אויספלוס.

— גרשון! אַלע „קנעפּ" זיינען ביי איר אַרויס! ס'איז אַ סימן, אַז זי וועט נאָכאַמאָל פאַרגיין אין טראָגן...

גרשון האָט איר ניט געענטפערט. ער איז געווען צופיל פאַרנומען. דערזען, אַז דאָס ביקל האָט איינגעבויגן דאָס קעפּל, האָט זיך, אין אַ ווײַלע

אַרום, אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער בהמה און גענומען טויקען דער מאַמען אין די אייטער, האָט אים גרשון אָפּגעשטופּט, ניט געלאָזט זויגן די ערשטע מילך, וואָס איז געוויס „פאַרברענט" געווען, און מיט זיינע געזונטע ידים געצויגן אירע ציצלעך. צוערשט איז אַרויס אַ געלע פליסיקייט ווי „מאַלאַדיווע". ערשט שפּעטער, אַז עס האָבן זיך באַוויזן דינע מילך־שפּריצלעך — האָט ער צוגעלאָזט דאָס ביקל צו דער מאַמען.

נאָכדעם ווי דאָס ביקל האָט זיך גוט אָנגעזשליאָקעט, האָט ער עס אַריינגעטראָגן צו זיך אין שטיבל און אָוועקגעלייגט אין קיך אויפן אָנגעגרייטן היי. אָבער דאָס באַשעפעניש׳ל האָט ניט געוואָלט איינליגן, איז באַלד אויפגעשטאַנען, פאַרהויבן דאָס עקל און ווי אַן אַלטער תושב, אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער די צימערלעך.

מיטן אָנקומען פונם נייעם לעבן זיינען אין שטיבל אויפגעגאַנגען פרישע פרייד און נייע האָפענונגען. אין אָוונט, ווען די קינדער זיינען געקומען פון סקול און דערזען דאָס שוואַרצע ביקל, האָבן זיי אַ וואָרף געטאָן די ביכלעך אויפן טיש און צוגעלאָפן צו אים. מערעלע האָט אים געגלעט ביים העלדזל און אָנגעקוואָלן פון זיין סאַמעטן פעלכל. אייבעלע האָט אים פאַרהויבן דאָס ווידעלע, געוואָלט אים עפענען דאָס מיילכל, זען צי עס האָט שוין ציינער. נאָר טאַם האָט אָנגעשריען אויף זיי:

— שטיפער! לאָזט אים צורו! ער וועט זיך נאָך צעבריקען און אויסלינקען אַ פיסל!

די קינדער זיינען אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פונם ביקל, אַז זיי האָבן טאַמען ניט געפאָלגט און אַפילו ניט אומגעקוקט זיך אויף טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט און אָנגעקוואָלן פון דער סצענע. גרשון מיט ביילקען האָבן דערפילט, אַז צו זייער באַלעבאַטיש־קייט איז אַ שטיק אייגנס צוגעקומען, אַן אייגנס, וואָס זיי קאָנען באמת זאָגן: „סיאיז זייערס!" ביידן איז כמעט איין געדאַנק דורכגעלאָפן: כאָטש די אַרבעט אויף דער ערד איז אַ שווערע און קיין נגיד קאָן מען דערפון ניט ווערן, איז אָבער די נאַטור צייטנווייז גוט און צאָלט אָפּ מיט ריוח. מען דאַרף בלויז קאָנען אויסהאַלטן און האָבן בטחון...

אַפילו ביים אָוונט־ברויט האָבן די קינדער ניט געקאָנט איינזיצן רואיק. אַלע ווילע איז סיינגל אָדער דאָס מיידעלע צוגעשפּרונגען צום ביקל, געגעבן אים עסן: דער — אַן אָנגעווייקט שטיקל ברויט, די — אַ ביסל מילך אין אַ טאַסע, און טאַם האָט זיי געהאַלטן אין איין אָפּטרייבן:

— איר׳ט אים פּטרן! וואָס איז דאָס פאַר אַ חברה!?

די ריכטיקע צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן שפּעטער, ווען דער טיש איז שוין לאַנג געשטאַנען אַ הוילער, אַן אָפּגערייניקטער פון דער אָוונטיקער אכילה און מען האָט זיך געגרייט צו גיין שלאָפן. דעמאָלט האָט זיך אייבעלע צעבונטעוועט, ניט געוואָלט גיין אין בעט, נאָר שלאָפן מיטן ביקל אויפן היי. אמת, גלאָט איז דאָס אים ניט אָפּגעגאַנגען — ער האָט אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר פּעטש פונם טאַטן, אַזוי, אַז די גרויסע פרייד פונם ניי־לעבן איז דורך די פּעטש אַביסל צעשטערט געוואָרן...

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט איין אָוונט נאָכן אַנדערן, פון די קינדער איז געווען ניט אויסצוהאַלטן, ביז די גרויסע פּרעסט האָבן נאָכגעלאָזט, און דאָס קליינע ביקל האָט מיט אַ פאַרריסן עקל אָנגעהויבן אַרומבריקעווען איבערן שטיבל. ערשט דאַן האָט אים טאַטע אַ כאַפּ געגעבן ביים העלדזל, אָנגעטאָן אַ שטריקל און אַוועקגעפירט אין שטאַל צו דער מאַמען, וועלכע האָט זיך דערפרייט מיט איר בנאָקל.

אין שטאַל איז איצט געווען אַ סך אָנגענעמער ווי אין די פריערדיקע חדשים, ווען דער פּראָסט איז אַלע טאָג געלעגן אויף די ווענט. דער אָנגענעצטער הנאַי האָט געפּאַרעט מיט אַ זויערלעך־זיסן גערוך, וואָס איז געקראָכן אין די נאָז־לעכער. די בהמות מיט די פערד זיינען פולער געוואָרן. פון יעדן ווינקל האָט געשלאָגן מיט פרילינג, מיט ניי לעבן. בלויז קוויניס אָפּגעזונדערטע קאָרעטע איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרצויגענע מיט שפּינוועב און געיתומט, ווי אַן איבעריקע אויף דער וועלט...

קאַפּיטל XV

טעג האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע און פון טאָג צו טאָג געוואָרן לענגערע און העלערע. די נעכט זיינען ווי אויף שוואַרצע אָדלערס דורכגעפלויגן און אין די פרימאָרגנס פון זיך קיין שפּור ניט איבער־געלאָזט. דער שניי אויף די דעכער האָט אָנגעהויבן צעגיין און אויפ־געלייזט זיך אין ריטשקעס, וואָס זיינען דורך די נעכט צוריק פאַרפראָרן געוואָרן אין לאַנגע אייז־צעפּעלעך און אַראָפּגעהאַנגען פון די סטריכעס. נאָר ווען די זון איז אַרויס — האָבן זיך די צעפּלעך צעוויינט, געקאַפּעט מיט טרערן און אונטן, אויף דער ערד, פאַרמירט זיג־זאַגישע וואַסער־סטעזשקעס.

וואַרעמע מזרח־ווינטן האָבן זיך אַ נעם־געטאָן צו דער אַרבעט און אַראָפּגעבראַכט די ערשטע פרילינג־וואָלקנס. אין די פרימאָרגנס, צי אין די פאַרנאַכטן, ביים זון־אויפגאַנג און פאַרגיין — האָט זיך דער

הימל אויסגעלייטערט, זיינע ראַנדן האָבן געברענט אין רויטע און בלויע פייערן, נאָכדעם איז ער צוריק פאַרכמורעט געוואָרן מיט שווערע כמאַרעס, איינגעהילט זיך אין אַ שוואַרצער פאַטשיילע. דער ערשטער דונער האָט אַ קנאַל געטאָן, און עס האָט אָנגעהויבן רעגענען.

דער שניי אויף די בערג איז נאָך אַלץ געלעגן אַ ווייסער און אַ ריי־נער, אָבער דער סטעפּ איז פאַרטונקלט געוואָרן און אויסגעזען, ווי אַ ריזיק־פאַרשטויבטער שפּיגל. לאַנג האָט דער פאַרטונקלטער שניי ניט אויס־געהאַלטן, ניט געקאָנט ביישטיין דעם דריי־טאָגיקן רעגן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טייכעלעך און בלאָטעס. אויפן פערטן טאָג האָט זיך דער הימל ווידער אויסגעבלויט, די זון איז אַרויס און אָפּגעפאַרבט די ערד מיט אַ בלאַס־גרינעם קאָליר.

די ערד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן, ווינטערדיקן שלאָף און אָפּגעאָטעמט מיט פרישן אָטעם. די פריירי האָט פאַרשמעקט מיט רוח־החיים. און ווען ביילקע מיטן מאַן זיינען פון שטיבל אַרויס, איז אָנגעלאָפן אַ ווינטל, געקושט דער פרויס באַקן, געשויבערט גרשונס פּאַטליע און אויף זיין שטילן, ווינטיקן לשון האָט דאָס ווינטל זיי אָנגע־זאָגט, אַז דער שווערער ווינטער איז אַוועק און אויפן סטעפּ איז דער פרילינג געבוירן געוואָרן.

• • •

אַז די רעגנס האָבן אויפגעהערט, און די ערד האָט דאָס וואַסער אַריינגעזאַפּט אין זיך, ווייך געוואָרן און אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו טריקענען, זיינען גרשון מיט טאַמען געזעסן אינדערפרי אין שטיבל און פאַרריכט, דער — אַ כאָמוט, יענער — אַ שלייע, האָט דער אַלטער זיך אָנגערופן:

— איך מיין, אַז ס׳איז שוין צייט צו שטעלן אַ צאָם. שפּעטער וועט דאָך ניט זיין ווען.

גרשון האָט אַריינגענומען דעם כאָמוט צווישן די פיס, פאַרשטייפט די קלישטשעס, אָנגעצויגן דאָס רימענדל פון אויבן און אים אַרומגעבונדן.

— ביסט גערעכט... מען דאַרף דאָס אָפּטאָן וואָס גיכער. אָבער... איך רעכן, אַז אַפריער האָט מען גאָר געדאַרפט צוזאַמענ־קלאַפּן אַ טויער און ערשט דערנאָך אַריינזעצן די פּאָסטנס (פּלעקענער).

טאַם האָט איבערגעדרייט די שלייע אויף דער אַנדערער זייט, אַרויפ־געלייגט זי צו זיך אויף די קני, מיטן אָל אָנגעשטאָכן אין רימען און אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל:

— ניין! ניט אַזוי טוט מען. צוערשט שטעלט מען די פּאָוסטנס און מען לייגט אויף זיי אַרויף דעם דראָט. דער טויער קומט צום לעצט. די מעשה מיטן טויער איז אַזוי: פון ברעטער וועסטו דאָך אים ניט מאַכן? בלויז צוזאַמענפלעכטן דרענגער און אויפהענגען אויף אַ פּאָר זאַוויאָסעס, איז וויפיל דאַרף דאָס געדויערן?

צי דערפאַר, וואָס טאָם האָט געהאַט מער דערפאַרונג אין די היגע פאַרמס, צי אויס דרך ארץ פאַר זיין עלטער, האָט זיך גרשון שטענדיק צוגעהערט צו זיינע רייד און האָט אויך איצט אָנגענומען יענעמס עצה.

דאָס אַריינקלאַפּן די פלעקענער און אַרויפהענגען די דראָטן אויף זיי האָט געדויערט איבער אַ וואָך. דערפאַר, אָבער, האָבן זיי דעם „טויער" צוזאַמענגעקלאַפּט אין אַ פּאָר שעה און אים אויפגעהאַנגען אויף שטיקלעך גראָבן רימען, אַנשטאָט זאַוויאָסעס.

וויפיל ביילקע האָט זיך ניט געבעטן ביים מאַן, אַז ער זאָל אַ בריוו־קעסטעלע אַוועקשטעלן לעבן טויער און אָנשרייבן: „פרידמאַנס פאַרם", כדי דער בריוו־פונאַנדערפירער זאָל קאָנען אַהין אַריינלייגן בריוו, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו מאַכן און געענטפערט, אַז כל־זמן די ערד איז נאָך ניט קיין „אויפגעבראָכענע", איז ער נאָך בכלל קיין פאַרמער ניט...

זי האָט אים ניט געקאָנט איבעררעדן און איז אַ ברוגזע אַריין אין שטיבל. ס'איז שוין געווען ערב פּסח. אַרבעט — איבערן קאָפּ. האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבל, צעשייערט די טעפּ, אויסגעריייניקט אַלע צי־מערלעך און אין אַ פּאָר טעג אַרום אַפילו דינע פּלעצלעך, אויפן אָרט פון מצות — אָנגעבאַקט. אמת, עסן דאָס איז ניט אויסגעקומען, ווייל אַ טאָג פאַר יום־טוב האָט מיסטער וואַלער געבראַכט אַ היפּשן פּעקל מצות, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט פון שיקאַגאָ, און דערביי טאַקע אָנגעזאָגט, אַז צוליב פריילעכקייט וועגן, וועט ער מיט דער משפחה קומען און צוזאַמען אָפּריכטן דעם ערשטן סדר.

ביילקע האָט זיך אַזוי דערפרייט, אַז אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען אַ שטראַלנדיקע און אַ פריילעכע. מיט גרינגקייט אין טראָט געפּאָרעט אַרום אויוון, געזען, אַז די מאכלים זאָלן זיין וואָס באַטעמטער, אין יויך זאָל קיין זאַלץ ניט פעלן, די כרעמזלעך — געראָטן, צוגעברוינט פון אויבן. זי האָט געהיט אַלץ זאָל זיין פון בעסטן און שענסטן, אַז די מיסעס וואַלער זאָל דערנאָך ניט האָבן וואָס צו ריידן אויף איר...

פון דער גוטער בשורה, אַז די וואַלערס וועלן קומען צום סדר, איז גרשון אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערוימטער, אַ יום־טובדיקער

און אונטערגעברומט אַ ניגון, מיט וועלכן זיין טאַטע, עליו השלום, פלעגט זאָגן די הגדה. פון גרויס פרייד האָט ער אָבער ניט פאַרגעסן צו פאַרזוכן פונם וויין און אַראָפּגנבענען אַ כרעמזל פון טעלער, וועןביילקע האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעקערט, און אַלץ געהאַלטן אין אונטערברומען דעם טאַטנס ניגון, וואָרים, ווער איז דאָס צו אים גלייך, אַז ביז איצט האָט ער געלעבט אין די ניו־יאָרקער פאַרשטיקטע רומקעס און היי־יאָר איז ער אַ בעל־הבית פאַר זיך און אַן עלטערער פאַרמער טיילט אים צו דעם כבוד און קומט צום ערשטן סדר.

און כאָטש ער איז קיין פרומער ניט געווען, אַ היינט־וועלטיקער, פונדעסטוועגן, האָט ער אין וואַלערס קומען צו דערפרייען דאָס האַרץ פון אַ מענטשן, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער ווילדערניש, געזען גאָטס האַנט, וואָס פאַרלאָזט ניט קיינעם, וואו אַ ייד זאָל זיך ניט געפינען — אין אַ יום־טוב אַוודאי און אוודאי ניט...

דערפאַר, אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן און פון וואַלערס פורל איז נאָך קיין סימן ניט געווען, איז גרשון אומרואיק געוואָרן. געמיינט — זיי וועלן ניט קומען, און ער איז אַרויס אויפן וועג אָפּוואַרטן די געסט. באַלד האָט זיך דערטראָגן דער געררויש פון רעדער און אין אַ ווײַלע אַרום האָט וואַלער אָפּגעשטעלט זיינע פערד לעבן גרשונען:

— אַ גוט יום־טוב, מיסטער פרידמאַן! ס'איז זייער שיין, וואָס איר זענט אַרויס אונדז מקבל־פּנים זיין! קומט אַרויף אויפן פורל.

גרשון האָט דערנאָך אויסגעשפּאַנט וואַלערס פערד און אַריינגעפירט זיי אין שטאַל. וואַלער מיטן ווייב און קינדער זיינען אַריין אין שטיבל:

— אַ גוט יום־טוב, מיסעס פרידמאַן!

— אַ גוט יאָר אויף אייך, — איז ביילקע כמעט צוגעלאָפן צו די געסט און זיי די הענט געדריקט, — טייערע געסט, כ'לעבן! גוט וואָס איר זייט געקומען. סיוועט טאַקי זיין פריילעכער. עפּעס אַ קלייניקייט? מען זעט דאָך ניט אַן קיין לעבעדיקן מענטשן!..

— מענטשן, שמענטשן, — איז מיסעס וואַלער אַריינגעפאַלן ביילקען אין די רייד, — ווער דאַרף זיי האָבן?.. אויך איך בין געווען ווי איר: געבענקט נאָך מענטשן!.. נאָר דאָ געוואוינט מען זיך צו אויסצוקומען אָן זיי...

די קינדער האָבן זיך דערפרייט איינע מיט די אַנדערע און אָנגעהויבן שרייען, ליאַרעמען. וואָס איינער אָדער איינע האָט געזאָגט — האָט דער אַנדערער איבערגעשפּאַרט, ניט איינגעשטימט מיטן געזאָגטן און באַוויזן, אַז ער ווייסט בעסער. מיט די פיסלעך האָבן זיי געקלאַפּט

אין דיל, אַרומגעלאָפן פון איין חדרל אין אַנדערן, און דאָס שטיבל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט יונג־לעבן.

אַן איבערגעטאָגענער אין יום־טובדיקע בגדים, איז גרשון אַריינ־געקומען און אַ דאַנקבאַרער, וואָס וואָלער מיט דער פאַמיליע זיינען דאָ, האָט ער דעם גאַסט דערלאַנגט אַ קוואָרט וואַסער צו וואַשן די הענט, אויך אַ האַנטוך געגעבן און געבעטן אים:

— מיסטער וואָלער, טוט מיר אַ טובה און זעצט זיך אויפן הסב־בעט און איך וועל אייך פרעגן די פיר קשיות. דאָס וועט זיין אַ גרויסער כבוד פאַר מיר.

— ניין, מיסטער פרידמאַן. איר זייט דער מלך פון שטוב און די הסב־בעט קומט אייך. איך בין דאָ ניט מער ווי אַ גאַסט...

— אָט דאָס מיין איך דאָך! — האָט אים גרשון ניט אָפּגעלאָזט, — דער כבוד צו אַ גאַסט שטייט ביי מיר העכער פון אַלע אָנגענומענע מנהגים... טאָקע דערפאַר בעט איך אייך: הייַנטיקס מאָל זייט איר דער מלך פון מיין שטוב און פּראַוועט דעם סדר. ערשטנס, קומט דאָס אייך שוין דערפאַר אַליין, וואָס איר האָט מיר געטאָן דעם חסד און זייט געקומען און, צווייטנס — איר זיינט דאָ אַן עלטערער תושב, קומט אייך דער כבוד...

וואָלער וואָלט געוויס ניט אָנגענומען צו זיין דער מלך פון אַ פרעמ־דער „מלוכה”, פון אַ פרעמדער שטוב. די מענער וואָלטן זיך, מסתמא, געשפּאַרט ביז אין טאָג אַריין. נאָר ביילקע האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין און אָנגעשטעלט אירע גרויסע בעטנדיקע אויגן אויפן גאַסט. האָט ער שוין ניט געהאַט קיין האַרץ אָפּצוזאָגן און האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. גרשון האָט זיך געזעצט ביי דער רעכטער האַנט, די קינדער — פוןביידע זייטן טיש, און די ווייבער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די טעפּ, צוגעגרייט און דערלאַנגט צום טיש.

מיטאַמאָל האָט גרשון באַמערקט, ווי טאָם זיצט אין אַ ווינקל, זיצט אַזאַ פאַרוואָרלאָזטער און פרעמדער, און צוגערופן אים:

— טאָם! וואָס זיצסטו דאָרט איינער אַליין? קום צום טיש! ביי אונדז איז היינט יום־טוב. זיין באַדייט קאָן איך דיר איצט ניט דערקלערן. דאַרפסט אָבער קיין מורא ניט האָבן. פון זיצן מיט אונדז צוזאַמען וועסטו קיין ייד, חלילה, ניט ווערן...

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צום טיש. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ ברעג בענקל און פון דאַנקבאַרקייט,

וואָס דער ווייסער „באָס" פאַרזעט אים ניט, האָבן זיך ביי אים אין די אויגן באַוויזן טרערן:

— אַ דאַנק אייך, ליבע מענטשן. גאָט זאָל אייך באַצאָלן פאַר אייער גוטסקייט, וואָס איר ווייזט אַרויס צו אַן עלנטן נעגער...

גרשון האָט ניט געוואָלט, אַז טאָמס ברכות און זיינע האַרציקע רייד זאָלן פאַלן שווער אויף די געמיטער פון די אורחים, האָט ער צעעפנט די הגדה און אויף אַ קול געגומען פרעגן די פיר קשיות:

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות — — — — — — — —

אַ מענטש איז ער געווען אַ פשוטער, אַן ערלעכער, מיט אַ גלייכן גאַנג, אַזוי צו זאָגן, און האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ מאָדערנעם ביכל. פונדעסטוועגן האָט דאָס אים ניט אָפּגעהאַלטן אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ שול אַמאָל און ווער רעדט שוין, אַז דאָרט איז געווען אַ חזן, וואָס האָט מיט זיין נגינה אַריינגעזונגען די מתפללים אין די נשמות און צעגומען די הערצער? דעמאָלט האָט זיך גרשון ניט געשעמט פאַר קיינעם, גאַנץ געשמאַק אויסגעוויינט זיך, אַליין ניט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען, נאָר עס האָט זיך אים סתם געוויינט!..

אָנגעטאָן ווי אַן אמתער מלך, אין אַ ווייסן קיטל, איז וואָלער געזעסן אויפן הסב־בעט. זיין תמיד־לאַכנדיקער פנים איז איצט געווען אויפ־געלויטערט, ווי דער רוח־הקודש וואָלט גערוט אויף אים.

אויס דרך ארץ צו אַ פרעמדן גלויבן, איז טאָם געזעסן מיט אַ צע־עפנטן מויל, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און געהערט און געהערט, וואָס די צוויי ווייסע האָמסטעדערס „לייענען עפּעס פון ביכלעך", און דערביי קרעכצן זיי און זיפצן, און ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זיין „באָס", אָט דער יונג מיט די געזונטע הענט, וואָס קאָן ברונימער גראָבן, שטיבער און שטאַלן בויען, איז אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם „ביכל" און קוקט אויס אַ סך עלטער ווי אין דער אמתן...

דערפאַר, אָבער, אַז מען האָט „אָפּגעלייענט" די הגדה און וואָלער האָט געמאַכט קידוש און דערנאָך יעדערן געגעבן צו כוסה־וויין, וואָס איז געווען רויט און געפינקלט ווי בורשטין, האָבן ביילקע מיט דער מיסעס וואָלער דערלאַנגט צום טיש די טייערע עוף און געשמאַקע יויך, מיט די טויזנטער פעטס־אייגעלעך אין יעדן טעלער, מיט די צוגעברוינטע כרעמ־זלעך. פון טאָמען איז אַוועק דער פריערדיקער שווערער איינדרוק. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו די מאכלים, פאַרטרונקען מיט וויין און ביי זיך אין האַרצן גאָט געבעטן, אַז ביי יידן זאָל זיין יום־טוב אַלע טאָג אין יאָר...

דער צווייטער טאָג פּסח האָט זיך געשטעלט אַ וואַרעמער, אַ פריי־

לעכער און אַ זוניקער, און גרשונען האָט זיך געוואָלט זיצן אויפֿן גאַניק און הנאה האָבן פֿון גאָטס שיינקייט. ערשט, אַרום צען אינדערפֿרי, האָבן זיך דערטראָגן טריט און שטימען פֿון מענער. עס זיינען געקומען צוויי רענטשערס: פֿרענק מיט סטיווענסן, און דריי האָמסטעדערס: מעגי, אַנקוויסט און וואָלער. די ביקסן האָבן זיי אָוועקגעשטעלט ביים וואַנט־שטיבל, און פֿרענק האָט גאַליק אָנגעהויבן ריידן:

— צי דו וועסט דאָ יאָ זיין אַ לענגערע צייט, דאָס ווייס איך ניט... אָבער... אַזוי ווי דו ביסט שוין יאָ דאָ, ווילן מיר, אַז דו זאָלסט אונדז העלפֿן אויסראָטן די קאַיאָטעס פֿון דעם געגנט. זיי טוען אָן גרויס שאָדן! איבערהויפּט ליידן מיר פֿון איין קאַיאָט, אַ קלוגער קערל, וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צו מיין רענטש און אויסגעוואָרגן עטלעכע הונדערט שעפּסן אין די לעצטע אַכט יאָר. וואָס פֿאַר אַ קונצן מיר האָבן אָנגעווענדט צו כאַפּן אים, האָט ניט געטויגט! אַפֿילו די רעגירונג האָט זיך שוין אַריינגעמישט און אַרויפֿגעלייגט אַ „פּרייז" פֿאַר זיין קאָפּ. נאָר היינט ווילן מיר אויסהרגענען אַלע קאַיאָטעס אין די בערג. נו, איז וואָס זאָגסטו? וועסט מיטגיין?

— דאָס איז אמת, — איז וואָלער אַרויסגעטראָטן אין פֿאָדערגרונט, כדי גרשון זאָל ניט מיינען, אַז מען וויל אים אַריינגנאַרן אין עפּעס אַ שפּיצל, — פֿאַראַיאָרן האָט, דוכט זיך, דער זעלבער קאַיאָט דערשטיקט מיין קעלבל און עטלעכע ענדיקעס חתונה געמאַכט. אַ קאַיאָט, און נאָך אַזאַ איינער ווי דער, איז ערגער פֿון אַ וואָלף, אַ לייב, צי אַ טיגער! אַ לייב, צי אַ וואָלף, אַז ער פֿרעסט זיך אָן, וועט ער קיין זאַך ניט טשעפּען, און מען זעט אים ניט פֿאַר די אויגן אַ לאַנגע צייט. מיט די קאַיאָטעס אָבער איז אָן אומגליק! זיי פֿרעסן ניט אויף דעם רויב און האָבן בלויז ליב צו דערווערגן, איבערהויפּט הינער, חזירים, שעפּסן און גענדז...

מילא, אויף וואָלערס רייד האָט גרשון ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן. אָבער פֿרענקס שטעכווערטער האָבן אים אַ שניט געטאָן אין דער זיבעטער ריפּ. די הענט האָבן זיך פֿאַרביילט. ער האָט זיי טאַקע געוואָלט לאָזן „באַטאַפּן" פֿרענקס טריפֿהנעם פּרצוף, נאָר ביילקע, וואָס איז געשטאַנען קעגן איר מאַן אַ בלאַס געוואָרענע און געבעטן זיך ביי אים אויף שטום־לשון ער זאָל זיך באַהערשן — האָט געווירקט צום גוטן און מיט זעלבסטווירדע אין קול האָט ער געענטפֿערט:

— צי איך וועל דאָ זיין צי ניט, דאָס וועלן מיר שפּעטער זען... דערווייל, אַז מען דאַרף העלפֿן אויסראָטן די קאַיאָטעס איז דאָך ניט

שייך!... גראָד האָב איך אַ גוטע ביקס... און וועל ניט אָפּשטיין פון קיינעם...

ער האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון וואַנט, פאַרלייגט צו זיך אויפן אַקסל און צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַרמערס אַרויסגעלאָזט זיך אין וועג. ניט ווייט פון די בערג שוין האָבן זיי זיך צעטיילט אין דריי פּאַרטיעס און, אָפּריידנדיק צווישן זיך, אַז יעדע גרופּקע זאָל זיך פאַרנעמען אויף אַן אַנדער וועג, וואו די פאַרמערס האָבן גערעכנט, אַז דאָרט געפינען זיך קאַיאָטעס — אין עטלעכע שעה אַרום זאָל מען זיך צוזאַמענטרעפן ביים „מאָנטאַנאַ באַרג", זיינען זיי אַוועק אויף „יאַגד".

סטיווענס מיט פרענקן, די צוויי רייכע רענטשערס, האָבן זיך פאַרנומען אויף איין באַרג, דער אַלטער אַנקוויסט מיט מעגין — אויף אַ צווייטן, און גרשון מיט וואַלערן — צום דריטן באַרג, וואָס איז גראָד געווען אַביסל נידעריקער ווי די אַנדערע צוויי, אָבער דערפאַר אַ סך משופּעדיקער, און עס איז שווער געווען צו קלעטערן אויף אים.

די ערשטע צוויי פּאַרטיעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די בערג מיט אַ „טו־האָ" און „הו־האָ" געשרייען. מיט דעם האָבן זיי געוואָלט איבערשרעקן די קאַיאָטעס (וואָס ליגן, געוויינטלעך, פאַראייגזאַמטע אין באַזונדערע נאָרעס), אַז די חיות זאָלן אַרויסקומען פון די באַהעלטענישן. די געשרייען האָבן טאַקע געהאָלפן. איבערהויפּט האָבן געווירקט די אָפּהילכן פון די קולות, וואָס האָבן זיך, ווי דונערן, געקייקלט אַרום די בערג. פון די מענטשלעכע געשרייען זיינען די קאַיאָטעס צעטומלטע אַרויסגעלאָפן פון די נאָרעס און זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ בלייענעם קבלת־פּנים פון פאַרמערשע ביקסן.

די קאַיאָטעס זיינען געפאַלן פון די בערג איינציקווייז און מיט אַ דעמפן טראַסק נאָך טראַסק געבליבן ליגן אויף דער ערד. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן אַרום עטלעכע שעה און וויפיל די חיות האָבן ניט געהאַלטן אין אַראָפּטראַסקען זיך פון די בערג, האָבן זיך די פאַרמערס אַלץ ניט באַנוגנט און געהאַלטן אין איין נאָכיאָגן די הילפלאָזע באַשעפענישן. זיי האָבן געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסרייניקן דעם געגנט פונם ווילדן פלאָג און קיין קוילן דערביי ניט געזשאַלעוועט.

דערנאָך, אָבער, זיינען זיי פאַרמאַטערט געוואָרן קלעטערנדיק אויף די בערג און זיינען אַראָפּגעגאַנגען אין טאָל. צווישן די אַראָפּגעפאַלענע קאַיאָטעס האָבן זיי געזוכט דעם קלוגן קאַיאָט, וואָס פלעגט זיך אַרויסדרייען פון אַלע אָנגעשטעלטע פאַסטקעס. ניט געפינענדיק אים צווישן די

טויטע חיות, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף דער דריטער פּאַרטיע און שווייגנדיקע געקייט טאַבאַק און געשפּיגן מיט ווייטע שפּייען.

גרשון מיט וואָלערן זיינען געגאַנגען שווייגנדיקע. זיי האָבן ניט געשריען און ניט געליאַרעמט ווי די אַנדערע „יעגער", און אין זייער שווייגן איז געווען צו זען, אַז פרענקס שטעכיקע רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אַזוי דרייסט — האָבן באַרירט אָנגעווייטיקטע סטרונעס ביי ביידע יידן אין די הערצער. און כאָטש ביי ביידן איז געווען אַזויפיל צו זאָגן, האָט איין איינציקע פראַגע געעגבערט זייערע מוחות: „צי איז עס גוט, וואָס מען פאַרשווייגט אַזעלכע שלעכטע גויים, ווי פרענק מיט סטיווענסן און מען דערלאַנגט זיי ניט אין די מאָרדעס?" און ביי דער ניט־אַרויסגעבראַכטער פראַגע, זיינען די צונגען ביי די יידישע האָמ־סטעדערס געבליבן אין די מיילער, ווי אָפּגעפרוירענע.

לסוף האָט גרשון מער ניט געקאָנט צאַמען דעם כעס, וואָס האָט גע־ברויזט אין אים דעם גאַנצן וועג, האָט ער איבערגעלייגט די ביקס פון איין אַקסל אויפן אַנדערן און געפרעגט זיין מיטגייער:

— האָט איר געזען וואָס פאַר אַ חוצפה דער הונט האָט אַרויס־געוויזן? זיין גליק, וואָס דאָס איז געווען ביי מיר אין שטוב, און מיין ווייב איז געשטאַנען דערביי!..

אַ פאַרדאגהטער וועגן דער פינצטערער דאָליע וואָס אַ ייד שטייט אויס, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, האָט וואָלער אָנגעריבן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט אַן אויסגעקוואָרט דין ציגאַרל:

— איך האָב אייך שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אַז דאָס זעלבע איז געווען מיט מיר. עס ברענט די הויט אויף זיי הלמאי מיר צאַמען אָרום אונדזערע שטיקלעך ערד און זיי האָבן ניט וואוהין אַרויסצוטרייבן זייער קעטל. דאָס איז גראָד ניט מחמת מיר זיינען יידן. מיט די גויאישע האָומסטעדערס טוען זיי דאָס זעלבע. די מלחמה צווישן די רייכע רענטשערס און די אָרעמע האָומסטעדערס איז ניט קיין נייע דערשיי־נונג... ס'איז יעדערן באַקאַנט און מען דאַרף זיך ניט נעמען דאָס צום האַרצן... אַז איר וועט זיך איינזעצן, וועלן זיי מיט דער צייט אויפ־הערן זייערע שטיק. זאָל זיך אייך דוכטן: הינט בילן! מען דאַרף נוצן שכל, מיסטער פרידמאַן. מיט שכל און טאַקט — קאָן מען אויפטאָן מער ווי מיט קולאַקעס...

— „שכל און טאַקט", זאָגט איר, פריינט וואָלער? — האָט זיך גרשון צעהיצט, — אַמאָל האָב איך אויך אַזוי געגלויבט, אַז מיט אָפּטרעטן דעם וועג, מיט קלוגע רמזים וועלן מיר בייקומען די שונאי־ישראל.

נאָר איצט זע איך איין, אַז גוטע און ערלעך־דענקנדיקע מענטשן דאַרף מען ניט אויפקלערן קיין ערלעכקייט, אָדער גוטסקייט... און אַזעלכע נפשות ווי פרענק און סטיוועגס פאַרשטייען ניט קיין אַנדער לשון, נאָר דעם קולאַק! רייד איז אפשר אַ מיטל פאַר שוואַכע... פאַר „טרוסן"... איר פאַרשטייט? איך בין געבוירן אין אַ דאָרף, געהאָדעוועט און אויס־געוואַקסן צווישן ערלים, אויסגעקנאַטן געוואָרן פון קאָרענעם ברויט, האָב איך פאַר זיי קיין מורא ניט!...

דער וועג האָט זיך איבערגעהאַקט און פאַר די אויגן איז אַרויס־געשוואומען דער משופּעדיקער באַרג. ביידע יידן האָבן זיך אַ ווײַלע אָוועקגעזעצט אָפּרוען אויף צוויי שטיינער, וואָס זיינען געלעגן דערביי. מיטאַמאָל האָט גרשון פאַרריסן דעם קאָפּ און דערזען: אויף אַ ברעג סקאַלע איז געשטאַנען אַ חיה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ וואָלף. האָט גרשון זיך אויפגעשטעלט, צוגעהאַרטעוועט דעם „פּריקלאַד" צום רעכטן אַקסל און אַ דריק געטאָן דאָס ציַנגל פון „מאַגאַזין". אַ קנאַל האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבערן באַרג, און טויזנטער עכאָס האָבן פון דאָרט צוריק־געענטפערט. די חיה האָט אַ קורצן קוויטש געגעבן, אַראָפּגעוואַלגערט זיך אויף דער ערד און געבליבן ליגן לעבן גרשונס פיס.

ביי וואַלערן פון מויל איז דאָס ציגאַרל אַרויסגעפאַלן. פון דעם פּלוצימדיקן שאָס, פון דער חיהס אַראָפּטראַסקען אויף דער ערד, האָבן אים העגט און פיס געגומען ציטערן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, אַ קוק געטאָן אויפן פּגר און אויסגעשריען:

— דאָס איז דאָך דער אַלטער קאַיאָט! שוין יאָרן און יאָרן, אַז די פאַרמערס זוכן אים אַרום! הונדערטער פאַסטקעס האָט מען אָנגעשטעלט פון זיינעטוועגן, און אים ניט געקאָנט פאַקן! די רעגירונג האָט אַ פּרייז אַרויפגעלייגט „אויף זיין קאָפּ". מיר דוכט זיך, אַז הונדערט און פופציק דאָלער! אוי וועט דאָס די רענטשערס קרענקען! די פאַפּלעקציע וועלן זיי באַקומען!

אַ שמייכלענדיקער האָט זיך גרשון איינגעבויגן איבערן פּגר און געוואָלט זען צי די חיה איז ווערט דעם פּרייז... דעם קאַיאָטס פעל איז שוין געווען קאַלירלאָז און אָפּגעקראָכן, איבערן גאַנצן קערפּער קערפּער האָבן זיך געזען אויסגעריסענע שטיקער, דער עק — אָפּגעהאַקט, אויף די פאָדערשטע פיס האָבן פינגער געפעלט, איין אויער כמעט אינ־גאַנצן אָפּגעביסן, דאָס לינקע אויג, אַן אויסגערונען, האָט אויסגעקוקט שוואַרץ און טיף ווי אַן אויסגערויכערטע ליולקע.

— אַ־האַ! — האָט גרשון אַ לאַך געטאָן, — נישקשה פון אַ חברה־

מאַן! די סמנים אויף זיין קערפּער ווייזן, אַז ער איז ניט געווען קיין דערשראָקענער. ניט געלאָזט זיך שפּייען אין קאַשע און היפּשלעך גע־קעמפּט. א ?..

אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט דעם שרעקלעכן אויסזען פון דער חיה, דערנאָך — אַרויפגענומען זי צו זיך אויפן אַקסל און אַוועק צום אָפּגע־רעדטן אָרט. שפּעטער אַביסל זיינען ביידע פּאַרשפּעטיקטע יידן אָנגע־קומען אַהין, וואו די אַנדערע „יעגער" האָבן שוין געוואַרט אויף זיי, און גרשון האָט דעם קאַיאָט אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און פאַר־ענטפערט זיך:

— מער קיין קאַיאָטעס האָבן מיר דאַרטן ניט געפונען.

די „יעגער" האָבן אַרומגערינגלט דעם טויטן קאַיאָט און, דערקענענ־דיק, אַז דאָס איז די זעלבע חיה, וואָס האָט אומגעבראַכט הונדערטער שעפסן, הינער, חזירים און קעלבלעך, איז געוואָרן אַ פרייד צווישן זיי. אַלע האָבן גערעדט, געליאַרעמט. איינער האָט אַריבערגעשריען דעם אַנדערן: „ענדלעך געפּאַקט!" דאָ האָט שוין אַפילו סטיוועגס מער ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין פאַרביסנקייט קעגן דעם יידישן האָמסטעדער, און אָנשטאָט אַרויסצושטעלן פּרענקן, אַז יענער זאָל ווי אַלעמאָל ריידן אויך אין זיין נאָמען, איז ער איצט צוגעגאַנגען צו גרשונען און מיט גע־מאַכטער פריינטלעכקייט אים געגעבן די האַנט:

— ביסט אַ בראַווער יונג, האָמסטעדער!.. ווייסטו כאָטש, אַז די רעגירונג וועט דיר געבן הונדערט און פופציק דאָלער פאַר דעם קאַיאָטס קאָפּ? אַפּנים, אַז יידן האָבן מזל!.. שוין אַזויפיל יאָרן, אַז מיר זוכן אַרום דעם „בעסטערד", און אַ ייד איז ערשט געקומען אַהער און גלייך געכאַפּט...

דורך דעם וואָס גרשון האָט דערשאָסן דעם אַלטן, קלוגן קאַיאָט, און די פאַרמערס זיינען סוף־כל־סוף פּטור געוואָרן פון דעם מחבל, איז די מלחמה צווישן די רענטשערס מיט די האָמסטעדערס (לפּנים וועגן) אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ווײַלע און נאָך אינם זעלבן בייטאָג האָט פּרענק איינגעשפּאַנט צוויי צאַפּלדיקע פערד אין אַ גרויסן וואָגן און, אַרויפלייגנדיק אויף אים דעם קאַיאָט, זיינען אַלע פאַרמערס אַרויפ־געקראָכן און זיינען אַוועקגעפאָרן צום שעריף אין גרעיג סיטי אויפ־מאָנען דאָס געלט פאַר דער געפאַלענער חיה און פאַראיינס אויך אויסצו־טרינקען צו כוסות...

פון אָט דעם טאָג אָן האָט גרשון געקראָגן אַ ניי פּנים ביי די שכנים אין די אויגן. אַלע האָבן גערעדט פון זיין געוואַגטקייט און בריהשקייט.

דאָס טשיקאַווסטע איז געווען, וואָס ניט פרענק און ניט סטיווענס האָבן באַנוצט די ווערטער „ייד" אָדער „פרעמדער". אין זיין אַנוועזנהייט האָבן זיי מער דאָס אויף די ליפּן ניט אַרויפגעבראַכט. אדרבא, פון אויבן־אויף, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ מין דרך ארץ און געגריסט זיך מיט אים, ווי מיט אַן אַלטן האָומסטעדער, צי ווי מיט זייערס אַ גלייכן...

אָבער פרענקן האָט נאָך אַלץ געפרעסן אַ גיפטיקער וואָרים. דאָך, גיין אַנטקעגן גרשונען אין דער עפנטלעכקייט, ווי פריער, האָט אים איצט ניט געפּאַסט. האָט ער אַנגעווענדט אַן אַנדער מעטאָדע ווי צו באַווייזן, אַז ער איז פרענק, דער רייכער רענטשער, און יענער — ניט מער ווי אַ ייד, אַ קבצן, וואָס פאַרמאָגט ניט מער ווי צוויי פערד, מיט צוויי בהמות און אַ קעלבל. ער האָט אָפט אָנגעהויבן אַריינקומען צום יידישן פויער און יעדעס מאָל דערציילט פון זיינע עשירות, פון די צען טויזנט שעפּסן און פון די פילע קלומפּעס וואָל, וואָס ער שערט אָפּ פון זיי און שיקט אין דער ווייטער איסט.

דאָס באַרימערײַ זיינס האָט זיך געצויגן אַ וואָך נאָך אַ וואָך. איין אויפדערנאַכט, ווען גרשון האָט נאָר־וואָס געהאָט צוגעמאַכט די שטאַל און געוואָלט אַריינגיין צו זיך אין שטיבל, איז פרענק געקומען צו רייטן אויף זיין בראָנקע:

— וואָס הערט זיך ביי דיר, פרידמאַן? האָסט נאָך גאָרניט אויפגעטאָן, אַ? און איך האָב שוין היינט אַרויסגעטריבן מיין סטאַק אין קאַט־בענק (אַ טיפער טאָל, צווישן צוויי בערג). זיי וועלן זיין דאָרט דעם גאַנצן זומער. צוליב וואָס האַלטן זיי אין די שטאַלן? זאָל זיי דער קאָובאָי היטן. נישקשה! איך האָב אים מיטגעגעבן אַ פערד מיט אַ געביידלטן וואָגן און פּראָוויאַנט אויף צוויי וואָכן.

גרשון האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און דערזען ווייסע, אָנגעלאָדענע וואָלקנס הענגען איבער די בערג, וואָלקנס, וואָס זיינען פון מינוט צו מינוט געוואָרן ברייטערע און שווערערע:

— ס'איז ניט מיין עסק, פרענק. איך וויל זיך ניט מישן אין דיינע געשעפטן. אָבער... זעסט די ווייסע וואָלקנס איבער די בערג? זיי געפעלן מיר ניט! פאָלג אַ נאַר, פאָר צום קאַט־בענק און הייס דעם קאָובאָי צוריקברענגען די שעפּסן. עס קאָן נאָך אַראָפּקומען אַ שניי־שטורעם. די וואָלקנס קומען פון דער קאַנאַדישער זייט און דראָען מיט ווייסער קעלט. הלוואי זאָל איך בעסער ליגן זאָגן...

פרענק האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און אויסגעשאָסן אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער:

— אז דיר איז געראָטן צו דערשיסן דעם אַלטן קאַיאָט, מײַנסטו, אַז דו ווייסט שוין אַלץ? שוין יאָרן, אַז איך בין אין דעם געגנט און האָב נאָך ניט געזען קיין שניי־שטורעם אין אַפּריל. דאָס איז די צרה מיט „אייעריקע״, איר זיינט צו גרויסע חכמים!.. איבערגעשפּיצטע קעפּעלעך!.. אומעטום מישט איר זיך אַריין... וועסט זען, אַז אין הארבסט וועלן צוריקקומען פון קאַט־בענק ניט קיין צען טויזנט שעפּסן, נאָר עלף, צי צוועלף! און דו וועסט נאָך אַלץ זיין אַ גוד פאַר נאטהינג! און מעגלעך אינגאַנצן אַנטלויפן פון דאַנען!..

— שוין עטלעכע מאָל, וואָס איך האָב געהערט פון דיר די דאָזיקע רייד, — איז גרשון אין כעס געוואָרן, — מער זאָלסטו דאָס מיר ניט זאָגן! דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז דו געפינסט זיך איצט ביי מיר אויפן לאַנד!.. אויב דו קאָנסט זיין אַ מענטש און ריידן ווי אַ דזשענטלמאַן איז אַללראַיט! אַניט — גיי צום טייוול מיט דיינע שעפּסן אינאיינעם!..

גרשונס לעצטע ווערטער האָט שוין פרענק ניט געהערט און אַ צע־קאַכטער, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ חוצפּה, און אים דער־מאָנט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ פרעמדן באָדן — האָט ער אַ זעץ געטאָן די בראָנקע אונטערן בויך און, ניט זאָגנדיק קיין „גוטע נאַכט״, אַוועקגעריטן צו זיך אַהיים.

די נאַכט איז צוגעפאַלן גאָר ניט אַפּריל־מעסיק. די לופט איז געוואָרן דין און שאַרף. אויפן סטעפּ איז אָנגעלאָפן אַ קאַלטער ווינט און מיטגעבראַכט אַ ווינטערדיקן פראָסט. דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט ווייסע אָנגעלאָדענע וואָלקנס. גרויסע שניי־כוואַליעס האָבן זיך געוויגט אין ווינט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. פון אָנהויב זיינען די שנייעלעך געפאַלן — גרינגע און אומשולדיקע, ווי ווייסע מלאכימלעך. אָבער וואָס ברייטער די וואָלקנס האָבן אַרומגענומען די בערג, אַלץ גיכער און געדיכטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּנידערן. דאָס האָט געדויערט אַ שעה, צוויי, צי מער, ביז דער גאַנצער אַרום איז געוואָרן ווייס ווי אינמיטן ווינטער.

די צוויי בערג, וואָס האָבן געהאַלטן ביי זיך אין קלעם דעם קאַט־בענק־טאַל, וואו עס האָבן זיך געפּאַשעט פרענקס שעפּסן, זיינען, פון אויבן, געווען פלאַכע און גלאַטע ווי ריזיקע טישן; די פּלייצע פון איין באַרג — גלייך און הויך, די אַנדערע — אַביסל אויסגעבויגן. דער שניי, וואָס איז געפאַלן אָן אויפהער, האָט זיך אין ריזיקע בערג אָנגעקליבן אויף די בערג־פלאַכן. פאַרטאָג איז אָנגעלאָפן אַ מוראדיקער צפון־ווינט

און אַזאַ האַסטיקן בלאָז־געטאָן, אַז דער טאָל איז מיטאַמאָל פאַרשאָטן געוואָרן מער ווי אויף אַ האַלב די טיף.

די זאַוורוכע האָט אַזאַ גיכן דריי־געטאָן דעם שניי פון די בערג און מיט האַסט אַראָפּגעלאָזט אים אין טאָל, אַז דער אָרעמער פּאַסטוך, וואָס איז געלעגן אין ביידל אַן איינגעוויקלטער אין שמאַטעס און געשמאַק געשלאָפן, האָט אַפילו ניט באַוויזן אַרויסצוקריכן פון ביידלדיקן וואָגן, אַרויפכאַפּן זיך אויפן פערד, און איז צוזאַמען מיט די שעפּסן דערדריקט געוואָרן אונטער דער שווערער משא.

אויף מאָרגן, ווען פרענק איז אַרויס פון שטוב און דערזען שניי אויף דער ערד, האָט אים דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן. האָט ער אָנגעזאָטלט די בראָנקע און אַוועקגאַלאָפּירט צום קאַט־בענק. כמעט אַ העלפט, אָדער מער ווי אַ העלפט פון טאָל־שיסל איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי. אַפילו דער רוקן פון ביידל איז ניט געווען צו מערקן. דערזען דעם גרויסן חורבן, איז פרענק געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג לעבן דעם פאַרשנייטן בית־עולם און געכליפּעט אויף זיין פאַרלאָרענעם פאַרמעגן. פאַרנאַכט איז ער אַ וויינענדיקער אַריינגעפאַלן צו גרשונען אין שטיבל און אויסגעשריען, ווי ניט מיט קיין מענטשלעכן קול:

— אַ גרויסער אומגליק האָט מיך געטראָפן! דער טאָל איז אונטער אַ צוועלף־פוסיקן שניי! מיין גאַנצער סטאַק איז אומגעקומען! פאַר־וואָס האָב איך דיך ניט געפאָלגט? נעכאַי וואָלסטו מיך דערהרגעט, געשלאָגן ווי אַ הונט?! האָסט מיר געדאַרפט דעם קאָפּ צעברעכן! דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געהאָרעוועט, געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט, אַלץ געקליבן אויף דער עלטער, און איצט? איך בין געבליבן אַן אָרעמאַן...

די בשורה האָט געטראָפן גרשונען ווי אַ דונער. פון דעם וואָס זיין „נבואה" איז צום שלימזל פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט ער זיך דער־פילט ווי אַ שולדיקער אינעם גרויסן אומגליק און איז אַ היפּשע צייט געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. דערנאָך אָנגעגאָסן אַ ביסל בראַנפן אין אַ גלאָז און דערלאַנגט דעם „צעבראָכענעם" רענטשער:

— פאַרמעגן איז גאָרניט... אַלע זיינען מיר געבוירן נאַקעטע! אָבער גאָט פאַרלאָזט ניט... אַ מענטש דאַרף קאָנען נעמען דאָס גוטע, ווי דאָס שלעכטע. דו וועסט נאָך האָבן אַנדערע שעפּסן און ווידער אויפ־געריכט ווערן. נאָר אויפן קאָובאָי איז אַ רחמנות, אַ שאָד אַ מענטשלעך לעבן...

פרענק האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, מיט די פויסטן געשלאָגן

זיך אין האַרצן, אין קאָפּ, און נאָר געוואָלט אַרויסגיין אינדרויסן: „ער׳ט זיך נעמען דאָס לעבן! וואָס טויג אים איצט לעבן? נישטאָ מער די שעפּסן, וויל ער אויך ניט זיין"... אָבער גרשון האָט אים ניט געלאָזט אַרויס־גיין און פאַרשטעלט די טיר. ביילקע האָט דערלאַנגט וועטשערע, גע־מיינט, אַז דער אומגליקלעכער וועט עפּעס עסן און באַרואיקן זיך. נאָר ער האָט זיך מיטאַמאָל גאָר אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטער.

געזען, אַז צום עסן וועט ער זיך אַפילו ניט צורירן, האָט ביילקע אויסגעגלייכט אייבעלעס בעט און מיט פריינטלעכקייט געזאָגט:

— מיסטער פרענק, דאָס בעט איז פאַרטיק. גייט שלאָפן און פראַ־ וועט ניט קיין קינדערשע שטיק! אַז עס טרעפט אַן אומגליק, ניט דאַ־ געדאַכט, דאַרף מען זיך ניט פאַרלירן. גייט שלאָפן. מאָרגן וועט אייער קאָפּ זיין לויטערער און איר וועט וויסן וואָס צו טאָן...

אַ צעבראָכענער, אַן אומבאַהאָלפענער און אַ נידערגעשלאָגענער איז ער אַ לאַנגע צייט געזעסן ווי אַ סטאַטוע, ניט געקאָנט קוקן גרשונען אין די אויגן. מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטאָן זיך איבער די קני, אויס־ געטרונקען דאָס ביסל בראָנפן, אויפגעשטעלט זיך און ווידער געוואָלט אַרויסגיין. נאָר גרשון איז געשטאַנען לעבן טיר, ווי אַן אייזערנע וואַנט, און ניט געלאָזט:

— פרענק, פאַרגעס וואָס עס איז געווען. היינט ביסטו מיין גאַסט! זיי־זשע פריינטלעך און טו וואָס מען הייסט דיר. גיי שלאָפן. מאָרגן אינדערפרי, אַז דו וועסט וועלן — וועסטו קאָנען גיין וואוהין דיין האַרץ גלוסט...

דער גוי האָט ניט דערוואַרט, אַז אַ ייד זאָל זיין אַזאַ ליבער מענטש, און צונעמענדיק די האַנט פון קליאַמקע, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום דיל:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי גוט צו מיר? איך בין דאָס ניט ווערט! כ׳בין אַ הונט! איך האָב דאָך דיר אַזויפיל צרות אָנגעטאָן? פיל מאָל באַליידיקט. ניט געוואָלט דיך פאַר אַ שכן... ווי וועל איך דיר איצט קאָנען קוקן אין די אויגן און מיט וואָס קאָן איך באַצאָלן פאַר דיין גוטס־ קייט, אַז איך בין געוואָרן אַן אָרעמאַן?! אָך, גאָט! ווי בלינד איך בין געווען!...

— קודם גיי שלאָפן. ביסט איצט צעבראָכן, דאַרפסט זיך אויסרוען. וואָס איז שייך דאָס „פריערדיקע"? — נאַרישקייטן! כ׳האָב שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן דעם! ווען אַ מענטש זעט איין די אייגענע חסרונות,

איז דאָס פאַר מיר די גרעסטע באַלוינונג!... זיי ניט איינגעשפּאַרט, גיי שלאָפן. דיין בראַנקע האָב איך צו מיר אין שטאַל אַריינגעפירט און געגעבן איר עסן.

דער פלוצים־אַנגעפאַלענער שניי האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. דער סוף־אַפּריל־הימל האָט זיך גיך אויסגעלייטערט און איז פאַרגאַנגען אין אַ לאַזורנער בלויקייט. די זון איז ווידער אויפגעגאַנגען און מיט מוטערלעכער ליבע געוואַרעמט דעם סטעפּ. דערפאַר, אָבער, איז דער דיקער שניי אַ לאַנגע צייט געבליבן ליגן אין טאָל און ס׳איז שווער געווען צו געפינען דעם קערפּער פונעם פּאַסטוך, דאָס פערד, און די אומגע־קומענע שעפּסן.

קאַפּיטל XVI

אין אַ וואָך אַרום האָט טאַם צוגעשפּאַנט די פערד צום אַקער־אייזן און אָנגעהויבן „אויפברעכן" די ערד, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט באַרירט געווען פון אַ מענטשלעכער האַנט. נאָר נאָכגיין לאַנג נאָכן אַקער־אייזן האָט ער ניט געקאָנט. די פיס האָבן אים וויי געטאָן. האָט ער צוגערופן גרשונען, אים איבערגעגעבן די לייצעס מיט די הענטלעך פונם אַקער און אַוועקגעלייגט זיך אָפּרוען אַביסל.

גרשון האָט פאַרלייגט די לייצעס צו זיך אויפן נאַקן, אַ נעם געטאָן די אַקער־הענטלעך אין זיינע געזונטע ידים, אָנגעצילעוועט דעם שאַרף־אַקער, אַז דער שפּיץ זאָל שניידן טיף אין דער ערד, ציען אַ גלייכע ווירע און אַ געשריי געטאָן אויף די פערד בלשון־יידיש, פּונקט ווי אינם אַקערן וואָלט געלעגן אַ יידישער זין:

— ווי־אָ! אַנו, באַווייזט וואָס איר קאָנט?!

די סוסים זיינען געשטאַנען תמעוואַטע און ניט גערירט זיך פון די ערטער. גרשון איז אין כעס געוואָרן אויף זיי. מיטן עלנבויגן האָט ער אַ דריק געטאָן די לייצעס איינמאָל און אַ צווייטן, געדרייט זיך אַהין און אַהער, אָבער די פערד האָבן ניט געפאָלגט, ניט ווי זיי מיינט מען! האָט גרשון ניט געקאָנט באַגרייפן, וואָס קומט דאָ פאָר און געפרעגט טאָמען, וועלכער איז געלעגן דערביי און געלאַכט:

— אַפּנים, אַז ס׳איז אַ „סטרייק", אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין!

— אַוודאי אַ סטרייק, — האָט דער אַלטער געקייכט פון געלעכטער און אָפּט צוגעהוסט, — די פערד האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט דיין לשון!.. פאַרשטייען ניט קיין יידיש!.. טו נאָר אַ פּרואוו אויף

ענגליש!.. מעגלעך, אַז מער ווי איין שפּראַך פאַרשטייען זיי ניט...

פון טאָמס ווײַצלען זיך איז גרשונען אָפּגעגאַנגען דער כעס. ער האָט אַזש אָנגעהויבן לאַכן, און געפּרוּווט מזל אויף ענגליש:

— געדיאַפּ!

קוים פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון זיי, זײַנען די פערד אַוועק אין שפּאַן. דער אַקער האָט אַ רײַלץ געטאָן די ערד, אויפגעהויבן איין פּאַסמע נאָך דער אַנדערער, און גרשון האָט אַ פרייליכער אָפּגעשיקט טאָמען דעם פאַרשפּעטיקטן ענטפער:

— ביסט גערעכט! פערד פאַרשטייען אָפּנים נאָר ענגליש!...

אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין בערך אַן אַקער־לאַנד געלעגן מיטן אינגעווייד אַרויף. די ערד, אַ פעטע, אַ שוואַרצע און אַ גלאַנציקע, האָט אַ ווײַלע געבליאַסקעט אין זון און איז באַלד מאַט געוואָרן. מיט יעדן נײַעם אַקער־שניט האָט גרשון דערפילט אין זיך פרישן כוח און גלויבן: ער וועט שוין זײַן אַ פאַרמער, אַ פּויער, ווי זײַן טאַטע איז געווען... וואָס ווײַטער די פּאַסמעס ערד האָבן זיך געצויגן און וואָס לענגער אים איז אויסגעקומען נאָכצוגיין נאָכן אַקער, אַלץ מער איז זײַן טראָט געוואָרן דרייסטער און זיכערער: דער אויבערשטער וועט העלפן און די מי וועט ניט זײַן אומזיסט...

אַרום איינס בײַטאָג איז ביילקע געקומען רופן די מענער עסן. דער־זעענדיק דאָס אויפגעאַקערטע שטיקל לאַנד, האָט זי זיך צעוויינט פון פרייד. מיטאַמאָל האָט איר די ערד אַ לאַקער־געטאָן אין האַרצן און אַ געדאַנק איז איר אָנגעלאָפן, אַז אויך זי איז פריש, יונג און געזונט ווי די ערד און אויך זי — איז מסוגל פאַרנעמען זריעה און אַרויסגעבן בײַ־לעבן... נאָר גרשון איז צופיל פאַרנומען, פאַרהאָרעוועט. אין די אָוונטן איז ער אַזוי מיד, אַז ער קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף איר און דאָס האָט איר איצט פאַרדראָסן...

פאַר דעם געדאַנק האָט זי זיך פאַרשעמט און אים תיכף פאַרטריבן פון זיך. נאָר די אויפגעבראָכענע ערד האָט איר ניט געלאָזט רוען. געריצט און עפּעס געמאָנט, און ווי זי וואָלט טאַקע געהאַט עפּעס גע־מיינשאַפטלעכעס מיט די אויפגעאַקערטע הרודעס, האָט די פויערטע אויפגעהויבן אַ זשמעניע ערד, צוגעלייגט דאָס צו דער צעהיצטער באַק און דערפילט ווי איבער איר לײַב איז דורכגעלאָפן אַ ברונעמדיקע קילקייט.

גרשון האָט דאָס באַמערקט און גוטמוטיק געלאַכט:

— וואָס טוסטו, קעלבל?! קושסט זיך גאָר מיט דער ערד?!..

זי האָט זיך פֿאַרוויטלט ווי אַ קינד, וואָס מען כאַפּט ביים האַנט אָפּטועגדיק עפּעס אַ מיאוסע זאַך. אַנשטאָט ענטפֿערן אים, האָט זי אָנגעהויבן בעטן זיך ביים מאַן:

— לאָז מיך אַקערן. כ׳וויל זען, צי איך וועל זיך אויסטויגן דערצו אַזוי ווי דו...

— אַקערן גאָר? אַקערן גאָר? — האָט ער צוויי מאָל איבער־געפֿרעגט און ווידער געלאַכט, — האָסט שוין געזען אַ יידענע זאָל אַקערן די ערד? בעסער גיי אין שטוב און גרייט צום טיש. מיר׳ן באַלד קומען עסן.

דאָס ווייב האָט זיך באַליידיקט, אַנגעבלאָזן די פּיסקעס, געוואָלט זאָגן, אַז זי קאָן אַקערן אַזוי גוט ווי ער, נאָר אין טאָמס געגנוואַרט ניט געוואָלט פֿאַרפֿירן קיין איבעררייד און אַ קאָפּע טועגדיק די ערד מיטן פֿוס, איז זי אַוועק אין שטיבל. בעתן גיין האָט זיך איר קליידל געהוידעט אויף אירע וויגנדיקע היפֿטן און גרשונען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי רייצט זיך מיט אים און רעכנט זיך אָפּ פֿאַרוואָס ער האָט זי ניט צוגעלאָזט צום אַקער־אייזן.

טאָם האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד און אַריינגעפֿירט זיי אין שטאַל. גרשון האָט אָנגעשאָטן צו ביסלעך האָבער אין קאַרעטע, געוואַשן די הענט, ביידע מענער זיינען אַריין אין שטיבל, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש, אויף וועלכן דאָס עסן איז שוין געשטאַנען גרייט און געוואַרט אויף זייער קומען.

קאַפּיטל XVII

אָפּגערוט זיך נאָכן עסן, זיינען גרשון מיט טאָמען אַרויס אין הויף. ווידער צוגעשפּאַנט די פֿערד צום אַקער און אָנגעהויבן אויסלייגן גלייכע ווירעס ערד. די אויסגערוטע סוסים האָבן מיט פֿרישער גבורה געצויגן די פּאַסטראָמקעס, געשטעלט טראָט נאָך טראָט און דער צעאַקערטער שטח איז פֿון מינוט צו מינוט ברייטער געוואָרן, אַנגענומען די פֿאָרמע פֿון אַ באַאַרבעט פֿעלד. גרשון האָט דערפֿילט, אַז די צעכוואַליעטע הרודעס זיינען אים ליב און נאָענט צום האַרצן, ווי דעם טאָטן זיינעם זיינען געווען ליב די רצועות אויף דער לינקער האַנט. אַ פֿאַרטראַכטער איז ער נאָכגעגאַנגען דעם אַקער און פֿאַרגעשטעלט זיך: ווי דער טאַטע האָט אויסגעזען אין זיין טלית און תפֿילין, נאָר אינמיטן דרינען האָט טאָם אַ געשריי געטאָן:

— דזשאָו, זע! קוק זיך איין!!

גרשון האָט אַ ציִ־געטאָן די לייצעס און די פערד האָבן זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג, אין וועלכער טאָם האָט אים אָנגעוויזן: אויף אַן אויפגעאַקערט שטיקל ערד האָט זיך באַוויזן אַ קופּער־געפלעקטע קלאַפּער שלאַנג, מיט ביסטרע, כיטרע אויגעלעך און אַן אויסגעבויגן קעפּל, ווי ביי אַ פערד, וואָס גייט „נאַשפּיץ". די שלאַנג האָט זיך געבייגלט אין רינגען, אַרויסגעהויבן אַ האַלבן גוף אינדערלופטן, געדרייט דאָס קעפּל אין אַלע זייטן און עס איז קאָנטיק געווען, אַז זי זוכט עמיצן אַרום.

איר זוכן איז טאַקע ניט געווען אומזיסט. באַלד האָט זיך, פון צווישן די הויכע גראָזן, אַרויסגעשאַרט אַ לאַנגער און דיקער „אָקסן־שלאַנג" (בול סנעיק), מיט אַ גרויסן קאָפּ און שוואַרצע פלעקן איבערן גרויען קערפּער, און ניט אומקוקנדיק זיך — געלאָזט זיך פויזען גלייך צו דער ערשטער.

באַמערקט דעם אָקסן־שלאַנג, האָט זיך די ערשטע נאָך מער איינגעדרייט, געבליקט אויף אים מיט אירע פאָספאָר־אויגעלעך, באַטראַכט איר געפערלעכע לאַגע, אָפּגעשפּרונגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן. איצט האָט זי זיך אַלע ווײַלע צוזאַמענגעוויקלט און אָפּגעלאָזט די רינגען, געשאַרט זיך גיך־גיך אַלץ ווייטער פונם שונא, נאָר דער לעצטער האָט דאָס אַפּנים דערוואַרט און נאָכגעפויזעט, ניט אָפּגעשטאַנען, און געהיט איר יעדן ריר.

פּלוצים, איז ווי פון דער העלער הויט, פרינץ אָנגעלאָפן אויף דער „חתונה". ער האָט געוואָלט צולויפן צו גרשונען, צו טאָמען, און איי־בערהויפּט צו די פערד (מיט וועלכע ער פלעגט ליב האָבן צו שפּילן זיך). אָבער די קלאַפּער־שלאַנג האָט אים תיכף דערשנאַפּט, פלינק אַ ציִ־געטאָן זיך, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן עק און אַ פּיק געגעבן דעם הונט אין בויך.

כאָטש פרינץ איז ניט געווען קיין צו קלוגער הונט, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבן. איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צעשראָקענער, מיט רחמנות אין די אויגן געקוקט אויף די פערד, אויף גרשונען און אויף טאָמען, ווי ער וואָלט זיך בעטן: העלפט! דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, פאַרריסן די מאָרדע צום הימל און אָנגעהויבן וואָיען אַזוי אימהדיק, אַז די צוויי מענטשן אין סטעפּ האָט אַ שוידער אַרומגעכאַפּט.

לאַנג איז פרינץ ניט געזעסן. געטריבן פון אַ געהיימען כוח, האָט ער זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט פון אָרט און אַ ווילד־געוואָרענער אָנגעהויבן אַרומדרייען זיך, געלאָפן אין אַלע זייטן. דערשמעקט אַ ווייכן שטיקל ערד,

האָט ער מיט אַ מאָדנעם אימפּעט גענומען ראַיען מיט די לאַפּעס און ווען די גרוב איז געוואָרן גאַנץ טיף, איז ער אַריין אַהין, אַוועקגעלייגט זיך אויפן רוקן, פאַרהויבן די פיסלעך צום הימל און געוואָיעט, געוואָיעט אויף זיין פאַרשניטן לעבן...

גרשון מיט טאַמען זיינען צוגעלאָפן צו פּרינצס אַליין־געמאַכטן קבר און אַנגעבויגן זיך, געוואָלט אים איינשטילן און ניט געקאָנט. דער הונט איז גיך געשוואָלן געוואָרן. זיין גוף האָט זיך אויפגעבלאָזן, געוואָרן גרעבער ווי לענגער און כאָטש זיי האָבן דעם הונט ליב געהאַט, זיינען זיי איצט געשטאַנען הילפלאָז, ניט געקאָנט פאַרגרינגערן די שמערצן פון דער ליבער חיה, וואָס איז זיי געווען געטריי און איבערגעגעבן.

די זון האָט אָנגעהויבן קייקלען זיך אַראָפּ־באַרג און, ווען זי איז צוגעפאַלן צום האָריזאָנט, האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטיק פייער. מיטן אַראָפּגיין פון דער זון, איז פּרינצס וואָיען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. ליסוף האָט ער אַ דריגע געטאָן מיט די פיס, אַ צאַפּל געגעבן, זיך אַ קייקל געטאָן אויף אַ זייט, אויסגעשטרעקט די מאָרדע, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געבליבן ליגן אַ שטילער און אַן אומשולדיקער ווי, להבדיל, אַ שלאָ־פנדיק קינד.

טאַם האָט געבראַכט אַ גראָב־אייזן, פאַרשאָטן דעם ערשטן קבר אויף דער נייער ערד, אַרויפגעלייגט אַ שווערן שטיין, מען זאָל וויסן, אַז דאָ רוט דער געטרייער פּרינץ. דערנאָך איז ער אַוועק אַניאָגן גרשונען, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צו די פערד, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען און געצופּט דאָס גראָז. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויסגעגליכט מיטן בעל־הבית און אַ זיפץ־געטאָן:

— אַ שאָד! געווען אַזאַ גוטער הונט!..

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז גרשון געגאַנגען און דערמאָנט זיך, ווי ער איז ווינטער געפאָרן פון וואָטער־פאָלס קוילן־מינע, און די פערד האָבן אין שניי־שטורעם פאַרלאָרן דעם וועג. דעמאָלט איז אים דער טויט געשטאַנען פאַר די אויגן. נאָר פּרינץ האָט די פערד געבראַכט אַהיים. ווען ניט דער הונט, וואָלט ער, גרשון, שוין לאַנג ניט געווען אויף דער וועלט, און אַ קנויל טרערן האָבן אים אַ ברײ־געטאָן אין האַלדז:

— יאָ, אַן אמתער פריינט געווען!..

זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון די פערד. מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט ווי די סוסים כראָפּען, דרייען זיך אין אַלע זייטן און קאָפּען מיט די פיס. גרשון האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז און געזען: ניט ווייט פונעם אַקער־אייזן זיינען די שלאַנגען געלעגן איינע קעגן דער אַנדערער

און אַלע ווײַלע — אַ וואָרף געטאָן זיך אַנצוכאַפּן אײנע די צווייטע פֿאַר די קעפּ.

די קלאַפּער־שלאַנג, וועלכע האָט פֿרינצן אַ ביס געטאָן און אים אומגעבראַכט פֿון דער וועלט, האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרים, געזוכט צו פֿאַרטיידיקן זיך פֿונעם מעכטיקן שונא, דערבײַ געשפּיגן מיט טויטלעכן גיפֿט און אָפּט געפּיקט די לופֿט, וואו דער „אַקסן־שלאַנג" האָט זיך געפֿונען.

די שלאַנגען האָבן זיך געדרייט, געבייגלט די גופֿים, געבליבן ליגן כלומרשט אַזעלכע רואיקע און פֿרידלעכע און אַט — ווידער אַ וואָרף געטאָן זיך אײנע אויף דער אַנדערער, אָפּגעשפּרונגען צוריק און באַנייט דעם קאַמף. די ערשטע האָט געזוכט פֿאַרשיידענע קונצן ווי אַנטרונען צו ווערן, אָפּציען. ביי די מאַנעוורעס האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך גבורה און כיטרעקייט. אירע אויגעלעך האָבן ניט גערוט און די שלאַנג האָט זיך גערוקט אַלץ פֿאָרויס.

אָבער די אַקסן־שלאַנג איז אויך ניט געווען קיין „שיפֿע זיבעלע"! אַ שווער־לײַביקע און אַ זיכערע ביי זיך — האָט זי געהיט די רינגען פֿון דער ערשטער, און איבערהויפּט דאָס קעפּל, וואָס יענע האָט געהאַלטן אין איין בויגן אַראָפּ און אַרויף. נאָר מיטאַמאָל האָט די קלאַפּער־שלאַנג אויסגעדרייט דאָס קעפּל צו די אַנקומענדיקע מענטשן, און אין דעם אויגנבליק האָט די „אַקסן־שלאַנג" אַ פֿלינקן צי־געטאָן זיך, צעעפֿנט דעם גרויסן פּיסק און אַרײַנגעכאַפּט דאָס קעפּל פֿון דעם שונא.

פֿון דער אויפֿגעאַקערטער ערד האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטויב. די קלאַפּער־שלאַנג האָט זיך געוואָרפֿן, געטרייסלט און געקלאַפּט מיטן עק, געהאַקט די הרודעס, געקערט וועלטן, געוואָלט אַרויסרייסן דאָס קעפּל פֿון יענערס געזונטע ציין. זי האָט זיך געראַנגלט אַ מינוט, צוויי, און איז געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. אויך די „אַקסן־שלאַנג" איז איצט געלעגן ווי אַ געהרגעטע. נאָר אין איר מויל האָט שוין געשטעקט אַ שטיק פֿון קלאַפּערס קערפּער, וואָס זי האָט עס באַנעצט מיט סליונע כדי צו קאָנען אַראָפּשלינגען.

גרשון האָט ווינציק־וואָס געהאַלטן פֿון נקמה. פֿונדעסטוועגן, אַז ער האָט דערזען ווי די קלאַפּער־שלאַנג האָט באַצאָלט מיטן לעבן, איז אים גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ער האָט געטראַכט, אַז אויף דער וועלט איז פֿאַראַן אַזאַ האַנט, וואָס נעמט און גיט, בענטשט און שטראָפֿט. דאָס אַליין האָט אים — אי געפֿרייט, אי געשראָקן...

הײַנט האָט ער שוין ניט געקאָנט מער אַרבעטן און ס׳איז, אַגב, ניט

געווען ווען. איז ער צוגעגאַנגען צו די פערד, אַראָפּגענומען די פּאָס־טראָמקעס פון אַקער־אייזן. איין פערד געגעבן טאָמען, דאָס אַנדערע — אַליין געפירט, און געזאָגט צום אַלטן:

— קום!

דער אַלטער האָט זיך דערפרייט, וואָס סוף־כל־סוף האָט זיין בעל־הבית אָנגעהויבן ריידן. שפּאַנענדיק מיט אים זייט ביי זייט, האָט ער פאַרהויבן אַ ברעם און אַ קוק־געטאָן אויף גרשונס פנים, וואָס איז איצט, דוכט זיך, אַביסל ווייכער געוואָרן:

— איך האָב געזען ווי די שלאַנגען האָבן זיך געראַנגלט און אויפן געדאַנק איז מיר אָנגעלאָפן אַ ווערטל, וואָס איך האָב געהערט אַמאָל פון אַ קלוגן פריטשער אין אַ טשוירטש: „אַז גאָט גיט דאָס לעבן און נעמט צוריק — ווען ער וויל נאָר" ...

— יאָ! — איז גרשון אַריינגעפאַלן אין אַ פילאָזאָפישער שטימונג, — ביי דיין קלוגן „פריטשער" איז דאָס געווען אַ נייעס. אָבער איך ווייס שוין לאַנג דערפון. געלערנטע מענטשן האָבן דאָס באַשריבן אין ביכער: „יעדע באַשעפעניש קעמפט פאַרן אייגענעם זיין. די שטאַרקערע הרגענען און פרעסן אויף די שוואַכערע" ... צווישן מענטשן איז אויך דאָס אייגענע ... די רייכע פאַרשקלאַפן די אָרעמע און זויגן אויס דעם ליאַק פון זייערע ביינער! און טאָמער איז דאָס ווינציק — מאַכט מען מלחמות. קלוגע קעפּ טראַכטן אויס פאַרשיידענע געווערן, ווי אַמבעסטן אומצוברענגען איינע די אַנדערע. דאָס האָב איך שוין ניט איינמאָל געזאָגט ...

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן, געגאַנגען און געטראַכט וועגן לעבן און טויט, וועגן טאָג און נאַכט, וועגן הימל און ערד. טאָם האָט געפּרואווט צעקייען וואָס גרשון האָט נאָר וואָס געזאָגט און ניט געקאָנט:

— איך פאַרשטיי ניט וואָס דו האָסט דאָ אָנגערעדט, באָס. דער אַלטער מוח מיינער באַנעמט עס ניט. איך ווייס בלויז איין זאַך: אַז דו ביסט גערעכט. אָט נעם מיך, צום ביישפּיל, איך האָב דיר קיינמאָל ניט דערציילט פאַרוואָס איך בין געקומען אַהער אין דעם געגנט. מעגסט דאָס הערן:

איך מיטן ווייב און די צוויי זין האָבן געוואוינט אין אַ שטעטל, אין דזשאָרדזשיאַ, אין אַן אָרעם און שמוציק געסל. די ווייסע דאָרטן האָבן אונדז באַהאַנדלט ערגער ווי די קרעציקסטע הינט. מיך האָט דאָס אַזוי לאַנג געערגערט, ביז כ'בין קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און מיין עלטערער זון האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַ דאָקטער. יענער האָט מיך באַטראַכט, באַטאַפּט, אויסגעקלאַפּט די ביינער, צוגעלייגט דאָס טרייבל

צו מיין האַרצן, צו די לונגען און אַחוץ מיר הייסן הוסטן, רעדט ער צו מיר ניט — שאַ! — גאַרניט! ווי איך וואָלט גאָר קיין מענטש ניט געווען. נאָר מיט אים, מיט מיין זון, הייסט עס, האָט ער זיך לאַנג געשושקעט, און דאָס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן.

אַז מיר זיינען אַרויס אויפן גאַס, רוף איך זיך אָן צו מיין זון: „וואָס האָט דיר דער דאָקטער געזאָגט? האָט ער פאַרשריבן אַ מעדיצין?"... טוט ער אַ כמורנעם קוק אויף מיר, ווי איך וואָלט שוין געווען אַ נאָכאַלעמדיקער, אַן איבעריקער אויף דער וועלט, און גיט זיך אַ זאָג:

— „פּאָפּ! דו ביסט שוין צו אַלט! דיינע לונגען טויגן ניט! קיין מעדיצין האָב איך ביים דאָקטער ניט גענומען, ווייל אַלץ איינס ועסטו דאָך באַלד שטאַרבן! אַ שאָד אַרויסצוואַרפן געלט אומזיסט!.."

— פאַרשטייסט, באָס? אַן אייגענער זון! דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז איך זאָל וואָס גיכער אויסציען די פיס... נו, האָב איך אים גראָד ניט געפאָלגט און בין פאַרקראָכן אין דעם געגנט. דאָ איז קעלטער ווי דאָרט. איך בין אָפּגעריסן פון מיינינקע. געבליבן אַן עלנטער אויף דער עלטער. אַ דאַנק גאָט, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע ליבע מענטשן, ווי דו און דיין מעם...

גרשון איז געווען פאַרטראַכט, פאַרטאָן אין ווייטע מחשבות און אָנגעוואָרן דעם פאָדעם פון טאָמס מעשה. אַ שווייגנדיקער איז ער אַריין אין הויף. אין שטאַל האָט ער געטראָפן ביילקען. זי איז געזעסן אויף נידעריק בענקעלע און געמאָלקן „אַנאַן":

— גוט וואָס דו ביזסט געקומען. איך האָב, דוכט זיך, געהערט אַ וואָיען. איז דאָס געווען אַ קאיאָט, אָדער פרינץ האָט עס געוואָיעט?

ביידע מענער האָבן זיך איבערגעקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. טאָם האָט דערזען, אַז זיין בעל־הבית איז אין פאַרלעגנהייט, האָט ער מיט פאַרדרייטע וועגעלעך געגעבן איר צו פאַרשטיין:

— עס איז ניטאָ קיין אייביקייט אויף דער וועלט, מעם!... פרינצן האָט אַ קלאַפּער־שלאַנג אַ פּיק געטאָן אין בויך. און... אמת, די שלאַנג האָט מיטן לעבן באַצאָלט. אַ בול־סנעיק האָט איר צורעכט געמאַכט...

ביילקע האָט זיך ראַפּטום אויפגעהויבן פון בענקל און איבערגעקערט די דאַניצע מילך:

— פרינץ?! פאַרוואָס האָט איר דאָס דערלאָזט?! פאַרוואָס האָט איר ניט דערהרגעט די שלאַנג איידער זי האָט אים אַ ביס געגעבן?! אַזאַ געטרייער און ליבער הונט! אוי, גאָט מיינער! וואָס וועט איצט זיין? ס'איז דאָך אַ געפאַר די קינדער אַרויסלאָזן פון שטוב! דער

געגנט איז דאָך מסתמא פול מיט שלאַנגען ? ! הלמאי האָב איך זיך געלאָזט איינריידן און בין גאָר געקומען אַהער ? ! . .

— באַרויִק זיך, ביילקע, — האָט דער מאַן געפּרוּווט איינשטילן דאָס ווייב, — וואָס האָבן מיר געקאָנט העלפן ? ווען מיר האָבן דאָס דער־זען, איז שוין געווען צו שפּעט. דער גיפט האָט זיך שוין — — — — איך וועל קריגן אַן אַנדערן. פרענק און אַנקוויסט האָבן אַ סך הינט. זיי וועלן מיר ניט זשאַלעווען קיין כלב.

דער אַלטער האָט ניט געקאָנט צוזען ווי ביילקע ערגערט זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו־נישט מאַכן דעם גאַנצן עסק :

— פאַר די קינדער דאַרפסטו זיך ניט שרעקן, מעם ! אַמאָל איז דער געגנט טאַקע געווען פול מיט קלאַפּער־שלאַנגען, האָט די רעגירונג אַהער אַראָפּגעשיקט אַ פּאָר קאַסטנס מיט בול־סנעיקס. די לעצטע האָבן זיי פאַרצוקט. דאָס ביסל, וואָס איז נאָך פאַראַן, באַהאַלטן זיך אין די בערג און זעלטן ווען איינע פון זיי קריכט אַרויס פון דאָרט. זיי זיינען קלוגע און היטן זיך פון געפאַר . . .

— איבערהויפּט געפינען זיי זיך אויף מאָנטאַנאַ באַרג, — האָט ער זיך אויסגעהוסט און אָפּגעווישט דאָס מויל, — אַרום דער נאַקעטער סקאַלע. אמת, דאָרטן זיינען זיי ניט די איינציקע איינוואוינער. אינדער־הויך האַלטן זיך אויך אויף די שוואַרצע פריירי־אָדלערס. די דאָזיקע רויב־פויגלען האָבן גוואַלדיקע אַפּעטיטן. זיי כאַפּן הינער, קליינע שעפּסעלעך און, דער עיקר, דערנערן זיי זיך מיט קלאַפּער־שלאַנגען. אָט די אָדלערס זיינען זייער קלוגע. ביים נאָענטסטן פאַרמער, ביי דיר, צום ביישפּיל, וועלן זיי גאָרניט טשעפּען. אָבער די ווייטערדיקע פאַר־מערס האָבן פון זיי געברענטע צרות . . .

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, — האָט גרשון איבער־געריסן טאַמס מעשה, און כדי אָוועקצוטרייבן דעם שווערן איינדרוק, וואָס פּרינצעס טויט האָט געמאַכט אויף ביילקען, האָט ער אַליין אָנגעהויבן ריידן :

— „גאָט גיט די רפואה צוגלייך מיט דער מכה !" ווייסט, ביילקע ? אַז מען קוקט זיך איין צו די געוויקסן, צו דער ערד, צו די חיות, ווי אויך צו דעם מענטשלעכן מין, זעט מען, אַז אַלץ ווערט געפירט מיט אַ סדר, מיט אַן אויסגערעכנטער האַנט . . . קיין זאַך ווערט ניט געטאָן גלאַט אין דער וועלט אַריין . . .

זיינע רייד האָבן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג אויפן ווייב. די שוואַרצע אָדלערס, די פאַרשיידענע חיות און שלאַנגען, און אויך דאָס,

וואָס גרשון האָט דערמאָנט, אַז „ס׳איז פאַראַן אַזאַ האַנט וואָס בויט און צעשטערט״ און „פירט מיט אַ סדר״, דאָס אַלץ האָט ביילקען אַריינגע־טריבן אין צווייפל און איר חשד, אַז עס איז אַ סכנה אַרויסלאָזן די קינדער פון שטוב — איז איצט פאַרשטאַרקט געוואָרן.

דעם אָוונט האָט קיינער קיין הויכן קול ניט אויפגעהויבן. דער אָוונט־ברויט איז אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן איינס און צוויי! אַז די קינדער האָבן זיך דערוואוסט פון פרינצס טויט, האָבן זיי ניט געוויינט, נאָר אויף זייערע פּנימלעך איז אויפגעגאַנגען אַ טיפער טרויער, וואָס האָט גערעדט נאָך שטאַרקער און העכער ווי די הילכיקסטע רייד. דאָס שווייגן פון די קינדער האָט די דערוואקסענע געריסן ביי די הערצער און יעדערער האָט זיך פאַרקליבן אין אַן אַנדער ווינקל און איינגעהערט זיך צום טיק־טאַקען פונעם זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויפן „קאָמאָד״ און געוויזן מיט יעדן דריי פון די ווייזערס, אַז די מינוטן פון לעבן גייען ערגעץ אַוועק און דערנענטערן זיך צום ציפער — צוועלף...

ביילקע האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די שטילקייט. אַן אומרו איז איר באַפאַלן און אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען זי האָט די קינדער אַרויס־באַגלייט אין סקול, האָט זי מורא געהאַט צו בלייבן איינע אַליין אין שטיבל. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ שלאַנג וועט באַלד אַריינקריכן אין צעעפנטן פענצטער. אין שטיבל איז געווען שטיל ווי אין אַן אויער. מיטאָמאָל האָט איר אַ צי־געטאָן צו מענטשן, זיין נאָענט לעבן מאַן, נאָענט צו זיינע ברייטע פּלייצעס, וואָס האָבן געשלאָגן מיט זיכערקייט. איז זי אַרויס אינדרויסן, אַוועק אין פעלד און ווידער געבעטן זיך ביי גרשונען, אַז ער זאָל זי לאָזן אַקערן.

דאָס מאָל איז ער ניט געווען אַזוי איינגעשפּאַרט ווי נעכטן. פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט געקווייקלט, ניט געוואָלט איינגיין אויף דעם, אַז זיין ווייב זאָל אַקערן. אָבער, ווען זי האָט זיך איינגע־עקשנט און ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, האָט ער שוין קיין האַרץ ניט געהאַט אָפּזאָגן, אָפּגעשטעלט די פערד און אַראָפּגענומען די לייצעס ביי זיך פון נאַקן:

— נו, גוט, קעלבל! קום אַהער, נאַ דיר די לייצעס! נאָר זע, אַז דו זאָלסט אַקערן גלייך, ניט פאַרקריכן קיין יעהופּעץ!..

דאָס ווייב האָט געוואוסט. אַז אין די שיך מיט די הויכע קאָרקעס וועט זי ניט קאָנען נאָכגיין נאָכן אַקער און וועט געוויס אומפאַלן, האָט זי זיי אַראָפּגעשליידערט, אויסגעטאָן די זאָקן, אַריינגעלייגט זיי אין די מיילער פון די שיך, פאַרקאַטשעט דאָס קליידל אַביסל העכער, איז

צוגעגאַנגען צום אַקער, פאַרוואָרפן די לייצעס צו זיך איבער דער פּלייצע, אַ נעם געטאָן די הענטלעך און אַ געשריי געטאָן אויף די פערד:

— גערדיאָפּ!

פונם מאָדנעם צי מיט די לייצעס און פונם געשריי „גערדיאָפּ!" האָבן די פערד דערפילט, אַז ס'איז ניט קיין געניטע האַנט, און זיך ניט געאײַלט צו פאָלגן. אַ ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען, דערנאָך אַ טראַט־געטאָן, און ווידער אָפּגעשטעלט זיך, געכאַפּט אַ צופּ גראָז, נאָר צום סוף האָבן זיי געשטעלט פיס. דער אַקער־אײַזן האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אויף רעכטס, אויף לינקס. אָבער ביילקע האָט אים תיכף קאָנטראָלירט און, להכעיס דעם מאַן אירן, וואָס איז געשטאַנען אַן אַ זײַט און געלאַכט, האָט זי אַ פעסטן נעם געגעבן די הענטלעך אין די הענט, אָנגעשטעלט דעם שאַרף מיטן שפּיץ אין דער ערד און גענומען אויסלייגן איין שורה נאָך דער אַנדערער.

איצט האָט זי אויסגעזען ווי אַן אמתע פּויערטע. מיט די באָרוועסע פיס, דאָס קליידל, פאַרריסן כמעט ביז צו די קני, איז זי געטראָטן אויף דער אייגענער ערד, וואָס האָט איר דאָס האַרץ געגלעט און פאַרטריבן די פריערדיקע מורא צו זײַן אַליין אין שטיבל. די קילקייט פון דער פריש־אויפגעאַקערטער ערד האָט אירע פּיאַטעס געקושט און די קושן זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים ווי גוטער ווײַן. אַ שטאָלצע מיט זיך אַליין, וואָס זי קאָן טאָן די זעלבע שווערע אַרבעט, וואָס גרשון, האָט זי געשריען אויף די פערד: „גערדיאָפּ, גערדיאָפּ!" און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שרייען אויף די פערד איז עפּעס אַ מין געזאַנג, וואָס איז יאָרן געווען פאַרבאַהאַלטן אין דער טיפעניש פון איר האַרצן און איצט, ווי אויפ־געוואַכט פון אַ לאַנגן שלאָף, קומט ער אַרויס און צעטראָגט זיך איבערן סטעפּ, איבער די בערג און טאָלן, און פון אומעטום ענטפערן אָפּ צענ־דליקער, הונדערטער עכאָס: „גערדיאָפּ, גערדיאָפּ!" און די פּויערטע האָט אָפּגעקערט איר קאָפּ אַן אַ זײַט, אַז דער מאַן אירער זאָל ניט זען, ווי עס פלייצן ביי איר פריידיקע טרערן פון די אויגן...

גרשון איז געשטאַנען, געקוקט אויף זײַן כוואַטסקער ווייבל און געזען, ווי דאָס ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט איר קורץ־געוואָרן קליידל, מיט די האָר, וואָס זײַנען איר אין די אויגן געקראָכן און צוגעגעבן טויזנטער חנען. אירע היפטן האָבן זיך געוויגט, געררייצט, און געצויגן צו זיך. די ניכפּה האָט אים געגעסן!...

ער האָט זיך אָבער באַהערשט. וואָס איז ער, אַ יינגעלע? שוין אַ טאַטע פון צוויי קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן, אַ בעל־הבית

מיט אַן אייגן שטיקל פעלד, פאַרמאָגט צוויי פערד, צוויי בהמות און אַ קעלבל, אַביסל הינער מיט איין ענטל, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געקויפט — פּאַסט דאָך אים שוין ניט צו טראַכטן פון אַזעלכע ווילדע געדאַנקען, און כדי צו פאַרטרייבן פון זיך די אָנגעלאָפּענע געפילן, האָט ער זיך געווענדט צו טאָמען:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס אויף איר אַקערן ? !

— זי איז אַ געבוירענע פּויערטע ! — האָט דער אַלטער געענט־פערט, — דאָס האָב איך דערזען, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגע־הויבן מעלקן די בהמות.

קאַפּיטל XVIII

מען רעדט שוין ניט פון זייען ! אַפילו בראַנעווען אַ פאַרווילדעוועט פעלד, נאָכן ערשטן מאָל אַקערן, איז אוממעגלעך ! ווייל צווישן די אָנגע־לייגטע שורות ערד שטאַרצן נאָך אַרויס גראָז־שטעקעלעך און מען מוז עס איבעראַקערן. גרשון האָט דאָס געוואוסט. נאָכן „אויפברעכן״, האָט ער זיך ניט געפוילט, און אַ צווייטן מאָל איבערגעאַקערט דעם גאַנצן שטח. ערשט שפּעטער, ווען די ערד איז געלעגן אַ צעכוואַליעטע, אַ געקאַר־טשעטע ווי אין קראַמפּן, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער בראָנע שווערע שטיינער, זי זאָל ניט טאַנצן אינדערלופטן, און אָנגעהויבן בראָנעווען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין דאָס פעלד געלעגן אַ גרייטע, אַן אויסגעקעמטע ווי אַ כלה, מיט לאַנגע, דינע און געדיכטע ווירעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין ברעג צום אַנדערן און אָפּגעטיילט פון זיך די אַרומיקע גרינע סביבה מיט אַ שוואַרץ־ערדיקער מחיצה.

אָבער. . . יעדער שפּאַן האָט דעם פּויער געבראַכט נייע זאָרגן: וואו וועט ער נעמען זריעה ?

איין אויסוועג איז געבליבן — פאָרן אין שטאָט, צום לאַנדסמאַן. מילא, ער איז שולדיק פינקלשטיינען אַזויפיל געלט, וועט זיין נאָך אַביסל. ער וועט אים אָפּגעבן ביז אַ פּעני. יענער האָט אים ניט אָפּגעזאָגט, אָפּנים ניט געפּאַסט. און אין אָן אָוונט האָט גרשון געבראַכט קלאָווער, קאָרן, האָבער, ווייץ און קוקורוזע צום פאַרזייען.

ווען דאָס פעלד איז שוין געשטאַנען אַ פאַרזייטע, און גרינע שפּראָ־צעלעך זיינען אַרויס פון דער ערד, האָט גרשון אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַן אמתן פאַרמער. ערשט דעמאָלט האָט ער אויפגעהערט שעמען

זיך פאַר די אַנדערע פאַרמערס. און פון אַ פּאָר ברעטלעך צוזאַמענ־געקלאַפּט אַ בריוו־קעסטעלע, צוגעשלאָגן צו אַ סלופּיקל לעבן טויער, דאָס אָפּגעפאַרבט אויף גרין און מיט ווייסע בוכשטאַבן אָנגעשריבן: „פרידמאַנס פאַרם"...

עס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לאַנגע, וואַרעמע טעג און קורצע, אויסגעשטערנטע נעכט. די לבנה האָט פאַרזייט בלאַסע ליכט־פּאַסן אויפן סטעפּ און אָפּגעזילבערט גרשונס שטיבל מיטן שטאַל אויף זילבער־נעם קאָליר. דאָס גראָז אויפן פעלד איז אויפגעגאַנגען הויך, זאַפטיק און דיק און אָנגעזאָגט דעם יידישן פויער, אַז שוין באַלד צייט צו שניידן היי...

אונטער די סטריכעס פון שטיבל האָבן פויגעלעך געמאַכט זייערע נעסטן און אין די פרימאָרגנס אָנגעפילט דאָס שטיבל מיט פישטשערייען, מיט געזאַנג, און די מידע מענטשן ניט געלאָזט שלאָפן אַביסעלע לענגער. די הינער האָבן שוין מער ניט געוואָלט זיין אין הינער־שטיבל און אַרויס אין הויף, אַרומגעשפּאַצירט אין דער צעעפנטער שטאַל, אַרויסגעפּיקט האָבער־קערנדלעך פון פערדישן אָפּפאַל, אַרויסגעצויגן ווערימלעך פון דער ערד און הנאה געהאַט פון זומערדיקן לעבן. אַפילו די איינציקע ענטל האָט אָפּט געכאַפּט אַ שווים אין קאַרעטע־וואַסער, געפּאַטשט מיט די פליגלען און אָנגעקוואַלן פון גאָטס וועלטל.

בלויז איין הון, אַ ראבע און אַ וואַגיקע, איז געבליבן אין הינער־שטיבל. ניט געוואָלט אַרויסגיין און לאַנג געקוואָקעט. שוין אַ פּאָר וואָכן ווי ביילקע האָט באַמערקט, אַז די „ראבע" לייגט „אָנגעשפּילטע" אייער. איז זי אין אַן אָוונט אַריין אין „טשיקן־קופּ" און אין אַ ווינקעלע היי אָנגעבעט, דאָרט אַוועקגעלייגט די „אָנגעשפּילטע" אייער, אַוועק־געזעצט די הון אויף זיי, פון אירעטוועגן איבערגעלאָזט אַביסל עסן און איבערגעדעקט זי מיט אַ רעשעטע, אַז די „ראבע" זאָל די אייער ניט פאַר־לאָזן...

אין אַ דריי וואָכן אַרום איז די קוואָקע שוין אַ מאַמע געוואָרן און איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, ווי אַ געהויבענע בעל־הביתטע. הינטער איר זיינען נאָכגעלאָפן און נאָכגעשפּרונגען אַכט ציפּליאָניקלעך, מיט געלע פוך־פעדערלעך, מיט וואַקסענע שנאָבעלעך און מיט סימנים פון רויטע קעמעלעך אויף די קעפּעלעך. דאָס קליינוואַרג האָט ניט גערוט, געהויבן די נאַקעטע פליגעלעך, געטאַנצט פון איין אָרט אויפן אַנדערן, געשאַרט מיט די פיסעלעך, געזוכט ווערימלעך און, אַנטוישטע, מיט פּישטשעריי, נאָכגעלאָפן דער מאַמען, וואָס איז כסדר געווען אַן אָנגע־בלאָזענע און הויך געקוואָקעט.

צווישן די אַכט ציפּליאַניקלעך איז געווען איין הענדעלע, מיט אַן אָנזעעוודיקן קעמעלע אויפן קעפּעלע, וואָס האָט אים צוגעגעבן מער חשיבות און מענערשן שטעל... אים האָט די מוטער מער ליב געהאַט ווי די אַנדערע. שייך צו זאָגן: איין זון!.. האָט זי טאַקע מיט די איבעריקע עופעלעך קיין צופיל צערעמאָניעס ניט געמאַכט. זיינען זיי איר נאָכגעגאַנגען, איז געווען גוט. אלא ניט, איז אויך רעכט, אַן סכנה... ווער וועט זיך דאָס קוואָפּען אויף אַ הינדעלע היינטיקע צייטן, מ׳שטיינס געזאָגט?...

דערפאַר, אָבער, האָט זי ממש מקריב געווען דאָס לעבן און געהיט דאָס הענדעלע אויף שריט און טריט, פון אים ניט אָפּגעטראָטן. וואו נאָר זי האָט אויפגעזוכט אַ קערנדל, צי אַ ווערימל, האָט זי דאָס מיטן פּיסל צוגעשאַרט צום בן־יחידל, אַז אים זאָל, חלילה, דאָס הערצל ניט ציען פון הונגער, און קוים האָט זיך אַ געפאַר אָנגערוקט און ס׳איז אָנגעפלויגן אַ רויב־פויגל, צי אַפילו ווען דאָס האָט זיך איר בלויז אויסגעדוכט, האָט זי באַלד צענומען די פליגלען, זיי אָנגעשטאָלט, צוגעלאָפן, אַרונטערגענומען אים אונטער זיך און באַשיצט אים פון דער סכנה...

אַזוי האָט זי אים געהיט און געהיט, טאָג נאָך טאָג, און וואָך נאָך וואָך, און פון אַן אומגליק פאַרט ניט געקאָנט אויסהיטן. איין אַ כמורנעם אינדערפרי, ווען די „ראבע" מיט אירע קינדערלעך זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן הויף און געזוכט אכילה, האָט זיך באַוויזן אַ רויב־פויגל אינדערלופטן און אָנגעהויבן נידערן צו דער ערד. די מאַמע האָט דערפילט אַ געפאַר און גענומען לויפן אין הינער־שטיבל און גערופן איר קליינע „אַרמיי". דאָס הענדעלע האָט ניט באַוויזן צו דערגרייכן די מוטער און איז נעבעך געבליבן דער לעצטער. מיטאַמאָל האָט זיך דער פויגל אַראָפּגעלאָזט, מיט די געזונטע נעגל — אַ פּאַק־געטאָן דאָס הענדעלע, און אין אַ פאַר רגעס אַרום האָט מען געקאָנט זען, ווי דאָס באַשעפעניש׳ל האָט זיך געראַנגלט ביים רויב־פויגל אין די נעגל. ס׳האָט געדריגעט מיט די געלינקע פיסעלעך און געבליבן הענגען אומבאַוועגלעך.

אויפן קינדס פישטשערייען איז די מוטער אַרויסגעלאָפן פון הינער־שטיבל. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. צוערשט איז זי שטיין געבליבן ווי אַ „סאָלאָפּייטע", מיט אָנגעשפּיזטע פעדערן און צעעפנט מויל. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן הויך צו קוואָקען און אַרומגעפלויגן איבערן הויף ווי אַ משוגענע. אויף די ציפּליאַניקלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אַביסל ווייטער פון דער מאַמען און מיט אַראָפּגעלאָזטע עקעלעך געפּישטשעט, האָט זי זיך ניט אומגעקוקט אַפילו. אַלץ געדרייט דאָס קעפּל

צום הימל און מיט איין אויגל געבליקט אַהין, וואו איר איינציקער זונדעלע איז פאַרשוואונדן...

דאָס געשעענע האָט געווירקט אַזוי מוראדיק אויף איר, אַז זי איז אויף אַן אמתן ווילד געוואָרן. די ווילדקייט האָט זיך ביי איר אויסגעדריקט אין דעם, וואָס קוים האָט זיך באַוויזן אַ וועלכער ניט איז פויגל אינדערלופטן, האָט זיך די „ראבע" אַ הויב געטאָן אינדערהויך, ווי זי וואָלט וועלן אַ כאַפּ טאָן דעם פויגל און אָפּרעכענען זיך פאַר איר אַוועקגערויבטן קינד.

הויך פליען האָט זי טאַקע ניט געקאָנט, נאָר אַזוי ווי דער נקמה־געפיל האָט זיך אין איר שטאַרק צעשפּילט און פאַרטונקלט אַלע היגערשע געדאַנקען, האָט זי זיך פאַרגעסן אויף איר נאַטירלעכן חסרון און געפּרוּווט אַ פלי טאָן. די קאַטשקע, אין הויף, האָט בשעת־מעשה אויסגעדרייט איר העלדזל, נאָכגעקוקט דער צעווילדעוועטער הון און ניט געקאָנט באַנעמען: „ס׳טייטש, אַ הון זאָל גאָר פליען ווי אַ פויגל? אויף דער ערד איז דאָך זיכערער?.."

נאָר פון דער קאַטשקעס „געדאַנקען" האָט די „ראבע" ניט געוואוסט, און איינמאָל, ווען איבערן הויף האָט זיך באַוויזן אַ פויגל, האָט זיך די הון אַ הויב געגעבן, אַריבערגעפליגן דעם טויער, מיט אַ געשריי אַראָפּגעפאַלן און מער שוין ניט אויפגעשטאַנען. די פעדערן האָבן תיכף אָנגעוואוירן די פרישע פאַרבן און שטייפע צוגעפּרעסט געבליבן צום אומבאַוועגלעכן קערפּער.

די ציפּליאָניקלעך האָבן דערזען, אַז די מאַמע איז ניטאָ, און אָנגעהויבן אַרומלויפן פון איין ווינקל־הויף צום אַנדערן, אַלץ געזוכט זי און געפּישטשעט מיט אַזעלכע אומעטיקע קולכעלעך, אַז דאָס האַרץ איז צעריסן געוואָרן, קוקנדיק אויף זיי. צולעצט זיינען זיי שטיין געבליבן אינמיטן הויף — אַזעלכע פאַריתומטע, אַז אַפילו דאָס ענטל איז געוואָרן גערירט, און ווען זי איז צוגעגאַנגען אַביסל נעענטער צו זיי, האָבן די ציפּליאָניקלעך אַ לויף געגעבן צו איר און געזוכט אַ טרייסט ביי דער פרעמד־פעדערדיקער באַשעפעניש...

די ענטל האָט קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט, האָט זי איצט די אַליין־געבליבענע ציפּליאָניקלעך ניט אָפּגעטריבן פון זיך. אדרבא, ווען זיי האָבן זיך צוגעטוליעט צו אירע פעדערן, איז איר וואַרעם געוואָרן אויפן האַרצן, און אַ קוים־באַוועגלעכע אויף די קורצע פיסלעך, איז זי אַרומגעגאַנגען איבערן הויף אַ שטאָלצע און אַ גליקלעכע, וואָס זי איז אַ מאַמע געוואָרן, אמת, פון אַן אַנדער מין, אָבער פאָרט אַ מאַמע!..

די ציפּלאָניקלעך איז די נייע מאַמע אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זיי זיינען נאָכגעגאַנגען אירע טריט און געקלעפּט זיך צו איר, ווי צו זייער אמתער מאַמען. די ענטל האָט דאָס אַפּנים פאַרשטאַנען און אָפּגע־שאַצט אויף איר שטייגער, זיי ליב באַקומען און פון דעם טאָג אָן אויפ־געהערט גיין צו דער קאָרעטע שווימען, כדי אירע קינדערלעך זאָלן, חלילה, ניט דערטרונקען ווערן...

אַלע האָבן אָנגעקוקט דעם בייזן וואונדער, ווי אַן ענטל איז אַ מאַמע געוואָרן צו אַ פרעמדן מין, און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון איר גרויס־מוטיקייט. פון דער ענטלס גוטסקייט האָבן זיך ביי ביילקען אין די אויגן טרערן געשטעלט, און גרשון האָט אויף זיין שטייגער, מעשה פילאָזאָף, געזאָגט צו טאַמען:

— די ברייטהאַרציקייט פון דער נאַטור איז צייטנווייז ניט אָפּצר־שאַצן. ס׳איז אַ מאָדנע וועלט!..

טאָמס טויט

קאַפּיטל XIX

די תבואה אויפן פעלד האָט זיך אַ הויב געטאָן און אויסגעזען ווי דינע גרעזעלעך, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער ערד אַ בליק צו טאָן אויף דער ליכטיקער וועלט, און איינגעהילט דעם גאַנצן שטח אין טיפער גרינקייט. גרשון מיט טאָמען זיינען אַלע טאָג געווען אין פעלד זען צי אַלץ גייט ווי עס באַדאַרף צו זיין און אויסגעפונען, אַז מען וועט האָבן אַ גע־רעטעניש...

נאָר, ווי זאָגט מען דאָס? מיט דער נאַטור, צי מיט גאָט אַליין האָבן נאָך פאַרמערס קיין קאָנטראַקטן ניט געשריבן... און אין אַן אָוונט, ווען מען האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע, און ביילקע האָט דאָס געפעס אויסגעוואַשן און געהאַלטן אין ווישן, איז זי פּלוצים שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעווישטן טעלער אין האַנט און אַ פאַרחידושטע געפרעגט דעם מאַן:

— דו הערסט? מיר דוכט זיך, אַז עס קלאַפּט אין דאַך! וואָס קאָן דאָס זיין?

ווי אַן אונטערגעשאָסענער איז גרשון אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און געזען: פון רעכטס, ווייט הינטער די בערג איז דער הימל פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ ווייסן, אַנגעלאָדענעם וואָלקן. אַ צפונדיקער ווינט האָט אים געטראָגן אַלץ נעענטער צו פרענקס רענטש. גרויסע האָגל־גרויפּן האָבן אָנגעהויבן פאַלן. עס האָט אויסגעזען, אַז דער האָגל וועט זיך שטאַרקן און פאַרוויסטן אַלע פעלדער.

גרשונען איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן: דאָס איז דער סוף! אַלע האָפענונגען — צעשטערט! די גאַנצע האַרעוואַניע איז אַרויסגעוואָרפן! איצט איז ער אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן! פונדעסטוועגן האָט ער זיך „געמאַכט האַרץ". ניט געוואָלט, אַז ביילקע זאָל וויסן פון דער קאַ־טאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן, און אַ טרויעריקער איז ער אַריין אין שטיבל:

— ס'איז אַ האָגל! אָבער מיט חסד... דער ווינט קומט פון צפון און טרייבט דעם וואָלקן פון רעכטס פון אונדזער פעלד... אפשר וועט גאָט העלפן, און אונדז וועט דאָס ניט שאטן... מען דאַרף אָבער זיין

גרייט אויפן ערגסטן... און געדענקען: מיר זיינען ניט ווייט פון דער קאַנאַדישער גרעניץ. דאָ קאָן אַלץ פּאַסירן... טאָן קאָן מען גאָרניט. מען דאַרף בלויז וואַרטן און האָפן...

ביילקע איז בלאַס געוואָרן. אין האַרצן איז אַ מורא אויפגעגאַנגען. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם טעלער אויף דער פּאָליצע און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול:

— אין ניו־יאָרק נאָך האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז אויף די אַמעריקאַנער קלימאַטן קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן... איצט איז דאָס גאַנצע געלט פאַרלאָרן!.. דערצו נאָך גרויסע בעל־חובות געבליבן!.. אַזויפיל מי אין דער ערד אַריינגעלייגט! און וואָס וועט איצט זיין? מיט וואָס וועלן מיר צוריקפאָרן? שוין בעסער אינגאַנצן ניט געדאַרפט קומען אַהער!..

אויף אירע געררעכטע טענות האָט ער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. טאַקע, וואָס האָט זיך אים פאַרגלוסט פאַרמערייי? דאָ איז מען דאָך מיט קיין זאַך ניט געזיכערט! דאָס ווייב האָט געהאַלטן אין איין וויינען און ריידן: „פאַרוואָס האָט ער זי געבראַכט אַהער?" איר „דערגיין די יאָרן" האָט אים געקרענקט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ שאַרף וואָרט, נאָר אין אירע איצטיקע רייד איז אַ סך אמת געלעגן. האָט ער ווי אַ שולדיקער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ניט געוואַגט צו קוקן אויף איר און אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימערל, וואו די קינדער זיינען שוין געשלאָפן. ער איז צוגעגאַנגען צו מערעלען, זי צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, אַ קוק געטאָן אין פענצטער. נאָר ס'איז קיין סימן ניט געווען, אַז דער הימל זאָל זיך אָנהויבן אויסלייטערן.

אויך טאָם איז פונם האָגל באַאומרואיקט געוואָרן. עס האָט אים וויי געטאָן, וואָס דער האָגל איז געקומען פאַרניכטן די פעלדער. ער האָט געוואוסט, וואָס עס קאָן געשען. ער האָט געוואַרט אַ שעה, צוויי, און אַרויס אין הויף, מיט די קאַליע־געוואָרענע אויגן געקוקט אויפן הימל, געוואָלט כאָטש דערזען אַ סימן פון אַן ענדערונג, און דערפילט, ווי אַ שטאַרקע קעלט איז דורכגעגאַנגען די קליידער און איינגעגעסן זיך אין זיין ביינערדיקן גוף. ער איז צוריק אַריינגעקומען אינגאַנצן אַן איבער־געביטענער. דער אַמאָליקער הוסט האָט זיך אים אָפּגערופן אין אַ פאַר־קייכטקייט, און די אויגן האָבן מיט אַן אומהיימלעכקייט געפלעמלט.

דער הוסט האָט אים געשטיקט און געפּרעסט דעם ברוסט־קאַסטן. מיט אָנגעלאָפענע טרערן אין די אויגן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן

בעט, אויסגעשפּיגן אַ שטיק שוואַרץ בלוט, אָפּגעווישט דאָס מויל, און עס איז אים געוואָרן אַביסל גרינגער צו ריידן:

— ס'איז ניט גוט, קינדערלעך... דאָס איז אַ נאָרדישער האָגל! ער וועט אַלץ אָפּווישן...

גרשון האָט ניט געוואָלט, אַז ער זאָל ריידן וועגן דעם אין ביילקעס אָנוועזנהייט. איז ער צוגעגאַנגען צו טאָמס בעט, געזוכט אים צו באַרואיקן און אויף ווי ווייט מעגלעך צו־נישט מאַכן די גאַנצע ערב־געפּאַר:

— זאָרג זיך ניט, טאָם. לייג זיך אַריין אין בעט. נאָכאַמאָל זאָלסטו אין דרויסן ניט אַרויס אין אַזעלכע קעלטן. דעק זיך איין!

אָן אומבאַהאָלפענער האָט דער אַלטער געפּינטלט מיט די אויגן, אַ פּאָר דראָבנע הוסטלעך געטאָן, צוגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע און אַ שוואַכן שמייכל געגעבן:

— אָללראַיט, באָס...

דורך די שויבן האָט אַריינגעקוקט אַ שוואַרצע נאַכט. דער לאָמפּ, וואָס איז פון דערמיטן סטעלע אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ דראָט, האָט שוואַך באַלויכטן די קיך און געשפּרייט אומהיימלעכע שאָטנס אויף די בערווענדיקע ווענטלעך און אויסגעגאָסן אַ טרויער אויף די פּנימער פון מאַן און ווייב. די שטילקייט אין שטיבל האָט זיך ווי אַ מויז געקאַראַבקעט, פאַרקליבן זיך אין די הערצער און איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פונם אַלטנס הוסטן.

גרשון איז לאַנג געזעסן ביים טיש און פאַרשיידענע געדאַנקען, איינער ערגער און שרעקלעכער פאַרן אַנדערן, האָבן אים געפּיקט דעם מוח. ער איז גרייט געווען צו זיצן אַ גאַנצע נאַכט און זען, צי דער וועטער וועט זיך ענדערן צום גוטן; נאָר די אויגן־דעקלעך האָבן זיך געקלעפּט. ביילקע האָט געדרעמלט זיצנדיק לעבן אים. איז ער אויפגעשטאַנען און איר געבעטן:

— קום שלאָפן, וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין!...

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ האַלב־דערפראָרענער. אין שטיבל האָט אַ קעלט אַרומגעיאָגט ווי אין א וואלד. און, ניט אויפצואוועקן דעם אַלטן, איז גרשון אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צום אויוון, אָנגעלייגט קוילן, שפּענדלעך, פּאַפּיר, אָנגעצונדן, אָפּגעקאָכט אַ טעפּל קאַווע און געזאָגט צו טאָמען, וואָס איז שוין אויפגעשטאַנען און אָוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד בעט:

— נאַ דיר אַ ביסל קאַווע. טרינק אויס און לייג זיך צוריק אין בעט. איך וועל אָנזאָטלען „דאָופין” און אַרויספאָרן אין פעלד זען וואָס עס איז געשען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געווען אויפֿן פעלד. דער ווייץ איז געווען ניט קיין באַרירטער. די זאַנגען זײַנען געשטאַנען גלײַכע, גאַנצע און פֿרום געשאָקלט זיך אין דעם אינדערפֿריִענדיקן ווינטל, ווי אויפֿן סטעפּ וואָלט בײַנאַכט גאָר קיין האָגל ניט געווען. בלויז דער האָבער איז, ער־טערווײַז, באַשפּרינקלט געוואָרן מיט האָגל־גרויפּן. די קוקורוזע איז נאָך סײַ־ווי־סײַ ניט געווען אויפֿגעגאַנגען און מען האָט ניט געקאָנט וויסן, צי זי איז באַשעדיקט אָדער ניט. דערפֿאַר אָבער איז דער קלאָווער געלעגן אַן אויסגעלייגטער. דאָס ביסל אַלפֿאַלפֿאַ האָט פֿאַר דער קעלט קיין מורא ניט געהאַט און איז געוואָקסן אומגעשטערט.

מיט דעם, וואָס זײַן אייגן פעלד איז כמעט ניט באַשעדיקט געוואָרן, האָט זיך גרשון ניט באַנוגנט. ער האָט געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך אויף די שכנישע פעלדער און איז ווײַטער געריטן. פּרענקס רענטש איז געשטאַנען אין ווייסן. אַביסל אָן אַ זײַט, דאָרט וואו עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער טאָל, איז מעגיס „לאַנד" געלעגן אונטער אַ דיקן שיכט אײַז. אַפֿילו די שפּיצן־גרעזלעך האָבן זיך ניט אַרויסגעזען. רײַטנדיק צוריק האָט גרשון געטראַכט: וואָס אין אַמעריקע טרעפֿט — אויף איין אָרט רעגנט, שנייט, אָדער האָגלט, און אַביסעלע ווײַטער איז די ערד טרוקן און דורשטיק...

יענע נאַכט האָט זיך טאַם אינדרויסן נישקשהדיק צוגעקילט. עס האָט זיך אָפּגערופֿן זײַן אַמאָליקע קרענק. צוויי טעג איז ער פֿון בעט ניט אַרויס, געלעגן און געקרעכצט. גרויסע שווייס־טראָפּנס האָבן זיך אָפּט באַוויזן אויפֿן שטערן — אַוועק און צוריקגעקומען. דער הוסט האָט ניט אָפּגעלאָזט, געשטיקט אין האַלדז, און דעם אַלטנס אויסגע־דאַרטער קערפּער האָט זיך אין קראַמפּן געקאָרטשעט.

גרשון איז כמעט ניט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן בעט. ער האָט אים געהיט, ווי אַן אייגענעם טאַטן, אַלע ווײַלע אָפּגעווישט אים דעם שטערן, דערלאַנגט אַ וואַרעמען טרונק און זעענדיק, אַז ער וועט דאָ קיין סך ניט קאָנען העלפֿן, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם האַנטוך לעבן דעם אַלטנס פּנים:

— אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט זיך „באַהייוון", ניט הוסטן און ניט אַראָפּ פֿון בעט, וועל איך פֿאָרן אין שטאָט און ברענגען אַ דאָקטער...

אַן אומבאַהאָלפֿענער האָט טאָם אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגענומען די האַנט פֿון אונטער דער קאָלדרע:

— מען דאַרף ניט קיין דאָקטוירים! אַ דאַנק! אַ שאָד דאָס געלט...

צוגעקילט זיך אַביסל... עס וועט באַלד אַריבער... אויב דו ווילסט — קאָן איך שוין אַרויסגיין פון בעט און נעמען עפּעס טאָן...

ביי די ווערטער האָט ער זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס, געוואָלט אויפזעצן זיך און דערפילט אַ שאַרפן שניט אין דער לינקער זייט. אין קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען. די קיך האָט זיך אַ דריי געגעבן פאַר די אויגן. אויפן האַרצן — אַ ניטגוטקייט. ווי אַ פלאַכטע איז ער צוריקגעפאַלן אויפן קישן. אין זיינע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף. פונדעסטוועגן האָט ער עס ניט געוואָלט אַרויסווייזן, ניט געוואָלט אונטערגעבן זיך און ביטער געשמייכלט:

— די עלטער, אַפּנים, שלאָפט ניט אין די קליידער!..

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט גאַל, וואָס איז געווען דורכגע־נומען מיט אַ פאַרבאָרגענער מורא, אַ מורא, פון וועלכער עלטערע מענטשן וואָגן ניט צו ריידן און שטיקן עס אין די טיפסטע קעמערלעך פון האַרצן. אָבער גרשון האָט די רייד ניט דערהערט. ער איז אַוועק־געפאָרן אין שטאָט און נאָכן האַלבן טאָג געבראַכט אַ מענטשל, מיט טרוכלעוואָטע פּליצקעס און אַ פּאַפּוגייענעם נאָז, אויף וועלכן עס זיינען אַרומגעריטן אַ פּאָר ברילן.

דאָס דאָקטערל האָט אַוועקגעשטעלט זיין רימענעם רענצל, אַ קוק געטאָן אויף דעם קראַנקן, צוגערוקט אַ שטול צום בעט און אַוועקגעזעצט זיך. ער האָט צוגעלייגט דאָס רערל צו טאַמס ברוסט־קאַסטן, אַ טאַפּ־געטאָן דעם פּולס, פאַרקאַטשעט אַ דעקל פון אַן אויג, און דאָס רערל צוריק אין רענצל אַריינגעלייגט:

— „ס׳איז דאָבל ניומאָניע. צופיל פאַרלאָזט... אַ פראַגע פון אַ פּאָר שעה... איך וועל אים געבן פּילן צו פאַרלייכטערן די שמערצן.״

דערהערט דאָס, זיינען ביילקע מיט גרשונען בלייך געוואָרן און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. און ווען דאָס דאָקטערל איז אַרויסגעפאָרן פון טויער, האָט גרשון אַוועקגעפירט די קינדער צו די וואָלערס, ניט געוואָלט, זיי זאָלן זיין דערביי...

די נאַכט איז אָנגעלאָפן גיכער ווי אַלע נעכט. אַ בלאַסער און אַן איינגעשרומפּענער איז טאָם געלעגן און שווער געאָטעמט. עס האָט אים אויסגעפּעלט לופט צום אָטעמען. עס איז געווען זייער מאָדנע, וואָס זיין בלאַסער פּנים איז אַלע ווילע רויט געוואָרן, געמיניעט די פאַרבן אויף זיך, און שוין אויסגעזען ווי איינער, וואָס וועט באַלד אַוועק צוריק פון וואַנען ער איז געקומען...

גרשון האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַ קוק געטאָן אויפן חולה: זיין פּנים איז קליין געוואָרן, די נאָז — לאַנג און שפּיציק, די קינבאַקן — אַרויסגעשטאַרצט, די אויגן זיינען אַריין טיפער אין קאָפּ, די שיטערע הערעלעך פון בערדל — ווייסע דרעטעלעך, האָבן בערשטלדיק געקאָמט די לופט און זיין ברוסט־קאַסטן האָט זיך קוים באַוועגט.

אינמיטן נאַכט איז דאָס סאָפּען איבערגעאַנגען אין אַ כאָרכלען, וואָס האָט זיך אימהדיק צעטראָגן איבערן שטיבל און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף מאַן און ווייב. אין די ווינקעלעך זיינען טויטע סודות געלעגן. שווערע, שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די ווענטלעך און פאַרבאַהאַלטן די ניט־געזעענע געשטאַלט פונם מלאך־המות...

גרשון האָט צוגעשטעלט אַ בענקל צו טאָמס בעט, אַוועקגעזעצט זיך לעבן גוסס, געהיט יעדן ריר, איטלעכע באַוועגונג ביים אַלטן אויפן איינגעפאַלענעם פּנים. אַלע ווײַלע האָט ער אָפּגעווישט דעם קאַלטן שוויס פון יענעמס צערונצלטן שטערן און געבעטן זיך ביים ווייב:

— גיי שלאָפן, ביילקע! איך וועל דאָ איבערזיצן די נאַכט...

צי דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן דעם מאַן אירן מיטן גוסס, אָדער דערפאַר, וואָס זי האָט פּשוט מורא געהאַט אַריינגיין אין שלאָפצימער אַליין, איז זי בעסער געבליבן דאָ אין קיך לעבן גרשונען און קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך וויל ניט שלאָפן...

שעהן זיינען געקראָכן פּאַמעלעך, ווי אויסגעמאַרעטע פערדלעך, וואָס פירן אָנגעלאָדענע וועגענער באַרג־אַרויף. גרשונען מיט ביילקען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נאַכט וועט זיך ציען אין דער אייביקייט אַריין, בשעת מיט אַ פּאָר טעג צוריק פלעגן די נעכט דורכפליען ווי אויף פליגל — איידער מען האָט צייט געהאַט איינצושלאָפן און אויסרוען די מידע ביינער איז שוין צוגעפאַלן דער טאָג, און איצט? אַזאַ לאַנגע נאַכט! עס נעמט גאָרניט קיין סוף צו איר!..

די נאַטור האָט זיך אירע קאַפּריזן. איין לעבן נעמט זי צו און אַ צווייטן האַלט זי אויף „פּראָקאָט"... גרשונס מיט ביילקעס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ מידן נעפּל. דער שלאָף איז זיי באַפאַלן זיצנדיק. גרינגע, טאַנצנדיקע און דערנאָך שווערע און ניט־קלאָרע חלומות זיינען אָנגעלאָפן אין שלאָף. מיטאַמאָל האָבן זיך מאַן און ווייב אויפגעכאַפּט און צעשראָקענע איבערגעקוקט זיך:

— וואָס איז געשען? — האָט זי אים געפרעגט.

— גאָרנישט!..

טאָמס כאָרכלען איז געוואָרן הויך און דראַענדיק. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ רגע, אַ מינוט, אַן אייביקייט! דערנאָך איז עס געוואָרן מילדער, שטילער און שטילער — ביז דעם גוסס׳ ברוסטקאַסטן האָט זיך פּלוצים אַ הויב געטאָן און איז צוריק געפאַלן, ווי אַן אויסגעבלאָזענער בלאָז־זאַק אין אַ קוזניע...

עס איז מוראדיק שטיל געוואָרן. די שטילקייט האָט גערעדט מיטן לשון פון טויט. די לופט איז פאַרגליווערט געוואָרן, געבליבן שטיין ווי אַ שוואַרצע משא און געדריקט אויף די מוחות, וואָס האָבן ווי אויפגעהערט צו אַרבעטן. עס האָט זיך פון קיין זאַך ניט געטראַכט. די קעפּ אויף די אַקסלען, ווי גרויסע שטיקער בליי, האָבן גאַרניט געקאָנט באַנעמען:

— נאָך אַלעמען! — האָט גרשון שטיל אָפּגעזיפצט און אויפגעהויבן זיך פונם בענקל.

ביילקע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער. זי איז אַרויפגעפאַלן דעם מאַן אויפן האַלדז און געגאָסן טרערן. ער האָט זי אַריינגעפירט אינם צווייטן אַלקערל און געגלעט איר קאָפּ.

— באַרואיק זיך, ביילקע. מען טאָר ניט וויינען. פאַרגעס ניט, אַז דו ביסט אַ מאַמע פון קינדער! נו, געבנוג געוויינט! איך וועל פאָרן אין שטאָט זען, אַן אַנדערטייקער זאָל דעם קערפער צונעמען. וועסט ניט מורא האָבן צו בלייבן דאָ אַליין? בעסער גיי אַרויס אינדרויסן, ביז איך וועל צוריקקומען.

דורך די פענצטער האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן דער פרימאָרגן. די שויבן זיינען בלאַסער און העלער געוואָרן. אין מזרח־זייט האָט זיך די זון באַוויזן און אָנגעצונדן דעם ברעג הימל. אונטער די סטריכעס האָבן זיך די פייגעלעך אויפגעכאַפּט פון נאַכטיקן שלאָף און כאָרנווייז אָנגעהויבן זינגען אַ שירה צו גאָט און צום ניי־אויפגייענדיקן טאָג.

גרשון האָט אָפּגעפרישט דאָס פנים מיט קאַלט וואַסער, אַרויס פון שטיבל, אַריין אין שטאַל, אָנגעזאָטלט אַ פערד און אַוועקגעריטן אין שטאָט. ביילקע איז אויך אַוועק אין שטאַל. לאַנג האָט זי זיך דאָרט געפּאָרעט אַרום די בהמות, אַריין אין הינער־שטיבל, און צוריק אין שטאַל, האָט געטאָן פאַרשיידענע, ניט־וויכטיקע אַרבעטן, אַבי די צייט זאָל אַוועקגיין...

גרשון איז צוגעריטן צו פרענקס רענטש, אָפּגעשטעלט דאָס פערד און אַריינגעגאַנגען אין שטוב:

— אַ גוט־מאָרגן, פרענק!

מיט זילבערנע פעדים אין באָרד און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ־האָר, איז פרענק געזעסן אין עס־צימער אַ פאַרטראַכטער. לעבן אים —

אַן אויסגעליידיקטע טאָסע קאַווע און אַ בלעכן טעצל, אָנגעפּילט מיט שטיקלעך פאַרטושטע סיגאַרעטלעך. דערזען גרשונען, האָט ער זיך ניט געוואונדערט. זינט ער האָט פאַרלאָרן זיינע שעפּסן, און איז געבליבן אַן אָרעמאַן, קומט אים אויס צו הערן בלויז שלעכטע נייעס. האָט ער זיך אויך דאָס מאָל ניט געריכט אויף קיין גוטס און געפרעגט:

— וואָס אַזוי פרי? עפּעס געטראָפן? זעץ זיך. דערצייל. וועסט אפשר טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע?

— האָסט וואַרעמע קאַווע? איך האָב טאַקע אין מויל גאָרניט געהאַט!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פרענקן און געוואַרט ביז יענער האָט דערלאַנגט אַ טאָסע קאַווע און ברויט מיט פּוטער.

— נו, וואָס שווייגסטו, פרידמאַן? דערצייל! וואָס האָט פּאַסירט? וואוהין פאָרסטו עס פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע?

דער גאַסט האָט באַשמירט דאָס ברויט מיט אַ פּיצל פּוטער, אַ ביס־געגעבן און פאַרטרונקען מיט קאַווע:

— יאָ! עס האָט ביי מיר געטראָפן אַ גרויס אומגליק! דער אַלטער טאָם איז געשטאָרבן. געהאַט „דאָבל ניומאָניע" — האָט דער דאָקטער געזאָגט. פאַר איך אין שטאָט געפינען אַן אַנדערטייקער.

ביי פרענקן האָבן זיך די ברעמען צוזאַמענגעצויגן. ער האָט זיך אַ קראַץ געגעבן אין באָרד, געטראַכט אַ ווײַלע — און מיט אויפריכטיקייט און גרימצאָרן אין קול געענטפערט:

— אומזיסט דיין פאָרן! ווי זאָל איך דיר געבן צו פאַרשטיין? די שטאָט איז באַוואוינט פון רייכע סאַוטערנער רענטשערס. זיי זיינען די בעל־הבתים פון אַלץ... די סעמעטערי געהערט צו זיי, און קיין ניגער וועט מען דאָרטן ניט לאָזן באַערדיקן. איך קאָן דיר געבן מיין קאָפּ, אַז מען וועט ניט דערלאָזן. איך ווייס וואָס כ׳רייד! איך קען זיי גוט, די בעסטערדס! פאָלג מיך, פאָר צוריק און באַגראָב אים ביי זיך אויפן פעלד. איך וועל לאָזן וויסן דעם שעריף וועגן דעם, און קומען דיר העלפן.

— וואָס הייסט, מען וועט ניט לאָזן באַערדיקן אַ מת! טאָם איז געווען אַן ערלעכער אַרבעטער. דאָס גאַנצע לעבן געהאָרעוועט ביי ווייסע בעל־הבתים און איצט וועלן זיי ניט לאָזן באַערדיקן זיין קערפּער אויפן סעמעטערי?

פון זינט פרענק האָט אָנגעוואוירן זיין עשירות איז ער אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן. אים האָט שטאַרק געערגערט, וואָס איין ראַסע באַגייט

קעגן דער אַנדערער, איין קלאַס קעגן צווייטן, און אַ נערוועזער האָט ער פֿאַררויכערט אַ פּריש סיגאַרעטל:

— איך פֿאַרשטיי דיך, פרידמאַן! אַרויסגעוואָרפֿענע רייד! די רייכע בעסטערדס קען איך זייער גוט... ביי זיי איז אַ נעגער ערגער פֿון אַלץ. אויב דו גלויבסט מיר ניט, פֿאָר צו זיי, וועסט זען! וואָס דאַרפֿסטו מער? אַפֿילו סטיוועגס, דער רייך־געוואָרענער „ביטש“, האָט אויך וואָס צו זאָגן וועגן דער סעמעטערי, און ער וועט עס אויך ניט דערלאָזן.

גרשונען האָט זיך ניט געלייגט אויפֿן שכל, אַז ס׳איז אַזוי, איז ער אַוועקגעריטן אין שטאָט. דאָרט האָט ער געקלאַפּט אין טירן, גע־רעדט מיטן איינציקן „אַנדערטייקער“, וועלכער האָט זיך גלייך אָפּגע־זאָגט. ער האָט אַפּעלירט צום שעריף, געגעבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער „אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע“, און קעגן מענטשלעכן געפֿיל. נאָר געהאָלפֿן האָט עס ניט. צוריקפֿאָרנדיק מיט אַ צעקלעמט האַרץ, האָט ער ווידער אָפּגעשטעלט זיך ביי פֿרענקן און אים געבעטן ער זאָל קומען באַערדיקן דעם מת, און פֿאַראיינס אויך אָנזאָגן וואָלערן וועגן דעם.

די גאַנצע צייט איז ביילקע ניט אַריינגעגאַנגען אין שטיבל. זי איז פֿאַרבליבן אינדרויסן און געוואַרט אויף גרשונען. העט שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין טויער אויפֿן פֿערד, איז זי אים אַנטקעגן געלאָפֿן און געפֿרעגט:

— נו? וואָס הערט זיך? דער „אַנדערטייקער“ וועט באַלד קומען?

דער מאַן איז אַראָפּ פֿון פֿערד און געענטפֿערט:

— „אַנדערטייקער“? אַ נעכטיקער טאָג! געהערט אַ מעשה? דאָס שטעטל איז פֿון גאַלע „סאַוטערנער“! טאָם איז אַ טונקלהויטיקער, ווילן זיי אים ניט אַרויפֿלאָזן צו זיך אויפֿן סעמעטערי!.. דער שעריף האָט געהייסן איך זאָל אים באַערדיקן דאָ ערגעץ אויפֿן סטעפּ. איך האָב געבעטן פֿרענקן מיט וואָלערן זיי זאָלן קומען העלפֿן.

דאָס ווייב האָט צעלופּעט די אויגן אויפֿן מאַן:

— וואָס הייסט, זיי לאָזן ניט? וואו איז מענטשלעכקייט? און אַז ער איז אַ שוואַרצער, איז וואָס? אַ נייער פֿאַרברעכן גאָר! איך האָב דאָרט געדאַרפֿט זיין! איך וואָלט שוין דערציילט זיי אַ מעשה!..

דער מת איז געלעגן אין בעט מיט אַן אָפּגעדעקט פּנים און פֿאַר־גלעזטע אויגן. גרשון איז אַריין אין שטיבל און דערפֿילט, אַז ער דאַרף טאָן צו דעם מת דעם לעצטן חסד און ניט געוואוסט ווי נוהג צו זיין

זיך אין אַזאַ פאַל. מיטאַמאָל איז אים אָנגעשוואָומען אַ בילד פאַר די אויגן: ווען זיין, גרשונס טאַטע, איז נפטר געוואָרן, האָט מען אים „אָפּגעהויבן" פון בעט און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד...

איז ער אַוועק אין שטאַל, געבראַכט פון דאָרט שטרוי, אויסגע־שפּרייט אויפן דיל אינמיטן צימערל, אַראָפּגענומען דעם מת פון בעט, אַוועקגעלייגט אים אויפן שטרוי און איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. איןביילקעס לייכטער אַריינגעזעצט פיר ליכט, זיי אָנגעצונדן, אַוועק־געשטעלט ביים טויטן צוקאָפּנס און דעם שפּיגל פאַרהאָנגען מיט אַ ליילעך.

אָבער מיט דעם האָט ער זיך ניט באַנוגנט. נאָך עפּעס האָט ער אים געקומט און אַליין ניט ווייסנדיק וואָס דער „עפּעס" איז, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן בר־מינן, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און געזעצן: פון אונטער דער קאָלדרע האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ שפּיציקע נאָז, און דאָרט, וואו די אויגן־לעכער זיינען געווען, איז די קאָלדרע אַביסעלע איינגעפאַלן. די קנויטלעך פון די ליכט האָבן גע־צאַנקט און געלאָזט גליענדיקע פונקען אויף די פאַרבויגענע קעפּלעך. און גרשונען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז גע־גליכן צו אַ ליכטל, וואָס ברענט און ברענט, שמעלצט אויס, לאָזט פונקען אויף דעם קנויטל און צולעצט — לעשט עס זיך אויס...

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן אַ שווייגנדיקער און געקוקט אויף די ברע־נענדיקע ליכט און אויפן בר־מינן, וואָס האָט זיך אַרויסגעבערגלט פון אונטער דער קאָלדרע. מיטאַמאָל איז די מחיצה צווישן אים און דעם נעגער אַוועקגעשוואומען, אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן, און, פאַרשטעלב־דיק זיך, אַז דאָרטן אונטער דער קאָלדרע ליגט ניט קיין פרעמדגלויביקער, נאָר אַן אייגענער מענטש, זייער אַ נאָענטער — דער טאַטע זיינער, דוכט זיך, ליגט עס און וואַרט, אַז זיין זון, וואָס זיצט דערנעבן זאָל עפּעס זאָגן, ווי עס פירט זיך ביי יידן, האָט גרשון געפאָלגט דעם געפיל און מיט געוויין אין קול אָנגעהויבן זאָגן:

— אוי! מזמור לדוד ד' רעי לא אחסר!

אַפּריער זיינען די ווערטער אַרויסגעקומען שטילע און פאַרשעמטע. נאָר וואָס ווייטער — זיינען זיי געוואָרן וויינענדיקערע און העכערע, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די צרות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין גרשונען, שרייען איצט אַרויס פון אים, קלאָגן אַן אייגענעם געקלאַג. זיין האַרץ האָט געוויינט ניט נאָר אויף די אייגענע ליידן, אויך אויף די ליידן און גורל פון זיין פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער

דער וועלט. די נשמה זיינע האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די פּסוקים פון תהלים און האָט געטענהט:

— אוי, טאַטע זיסער! בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני! — — — — — — —

ביילקע האָט זיך געוועדט. געפּרוּווט אָוועקטרייבן דעם איבערפלוס פון די געפילן, וואָס גרשונס תהלים־זאָגן האָט אין איר אַרויסגערופן, אָבער אומזיסט! איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט גרשון זיצט דאָס און זאָגט תהלים, נאָר דער טאַטע אירער, זיצט און זאָגט מיטן זעלביקן ניגון — און טרערן רינען אים פון די אויגן. האָט זי מער ניט געקאָנט באַהערשן זיך און צעוויינט זיך אויף אַ קול.

אין הויף איז אַריינגעפאָרן אַ פורל. פרענק מיט וואַלערן זיינען אַריינגעקומען אין שטיבל. פרענק האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, געבליבן שטיין לעבן טיר און, אויס דרך ארץ, ניט געוואָגט צו גיין ווייטער. וואַלער איז נשתומם געוואָרן, זעענדיק ווי דער מת ליגט אויף דער ערד און ליכט ברענען אַרום אים ווי, להבדיל, ביי אַ יידישן בר־מינן. איז ער צוגעגאַנגען צום „אָבל" און מיט וואָרעמקייט אין האַרצן געזאָגט:

— איר האָט פאַרדינט אַ גרויסע מצוה!..

גרשון האָט וועגן מצוות ניט געטראַכט. דורך דער צייט, וואָס טאָם האָט דאָ געלעבט, איז ער אים איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן, איז שוין איצט קיין רייד ניט געווען וועגן דער פראַגע פון קאַליר, צי גלויבן. און, ווען יענער איז אויסגעגאַנגען, האָט גרשון געמוזט נוהג זיין זיך מיט אים, ווי מיט זיינס אַ גלייכן, ווי מיט אַן אייגענעם ברודער, צי מיט אַ טאַטן — און אויף וואַלערס רייד, האָט ער גאַרניט געהאַט צו ענטפערן.

אַ ווײַלע האָבן די אַריינגעקומענע געקוקט אויפן מת, וועלכער איז געלעגן אויפן שטרוי, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער די ברעגן קאָלדרע און פרענק האָט זיך געווענדט צו גרשונען:

— גיב מיר אַ זעג, אַ האַק און טשוועקעס — וועל איך צונויפשלאָגן אַ קאַסטן. יאָ, איך האָב דיר געבראַכט אַ הונט. ער איז זייער אַ בייזער, אָבער דערפאַר אַ שפּירזאַמער און גוטער היטער.

ווען דער ארון איז פאַרטיק געוואָרן, און מען האָט אַהין אַריינגעלייגט דעם מת, האָט זיך ביילקע צעוויינט אויף דאָס ניי. די מענער האָבן זיך אָבער ניט צוגעהערט צו איר געוויין. גיך פאַרקלאַפּט דאָס אויבערשטע דעקל, אַרויסגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט אויפן וואָגן. פרענק איז אַרויף אויפן פורל, גענומען די לייצעס אין די הענט און אַוועקגעפאָרן צום נאָענטסטן באַרג.

מען האָט אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב, אַז אַ היענע זאָל ניט אויפ־רויען דעם קבר, און אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן דעם אָרון אין דעם שוואַרצן פּיסק, וואָס די ערד האָט צעעפנט, און גרשון האָט ווידער געזאָגט:

— כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי — — — —

וואַלער האָט אַ קוק געטאָן אויף גרשונען, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געזונטער פויער, און ער האָט זיך געחידושט, וואָס פון יענעמס אויגן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ דינע, פאַרבאַהאַלטענע פרומקייט, וואָס פּאַסט זיך מער צו אַ גלויביקן, ווי צו אַ יונגן פאַרמער, וואָס האָט זיך ערשט באַזעצט אין ווילדן סטעפּ. געזאָגט האָט ער אים אָבער גאָרניט — און אָנגעהויבן אַרומפּאַטשן דעם פאַרשאָטענעם קבר.

דער יונגער פויער האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, ניט גע־וואוסט פון וואַלערס געדאַנקען. ער האָט אָפּגעגעבן זיך איינגאַנצן צו זיינע געפילן, און געהאַנדלט ווי אַן אבל דאַרף האַנדלען אין אַזאַ פאַל. זיין יידיש האַרץ האָט דאָס אים אונטערגעזאָגט און, ווען וואַלער מיט פרענקן האָבן די לעצטע לאָפּעטעס ערד צוגעפּאַטשט, האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אים פון דער טיפעניש אַ געוויין:

— יתגדל ויתקדש שמה רבא! — — — — — — —

אויף מאָרגן האָט גרשון צוריקגעבראַכט די קינדער פון די וואַלערס. דאָס קליינוואַרג, וואָס האָבן נעכטן איבערגעלאָזט דעם אַלטן אויף זיין שטענדיקן געלעגער און האָבן אים איצט ניט געפונען, זיינען שטיין געבליבן פאַרגאַפטע. לאַנג געקוקט אויף דעם ליידיקן בעט, און באַ־גרייפנדיק, אַז עפּעס שרעקלעכס איז דאָ געשען, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען:

— וואו איז אָנקל טאָם?!

דער מאַמען איז שווער געווען איינצונעמען די קינדער און געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז זייער באַליבטער אָנקל טאָם „איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט" און וועט שוין מער ניט צוריקקומען... זיי האָבן איר ניט געגלויבט, מיט די פינגערלעך געווישט די טרערן, די נעזלעך און געהאַלטן אין איין מאָנען דעם אָנקל טאָם...

פלוצים האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט, און גרשון האָט זיך דערמאָנט, אַז פרענק האָט אים געבראַכט אַ מתנה. איז ער אַרויס אין הויף: אַ גרויסער קודלאָטער כלב, מיט אַ ברוינער פעל און ביסטרע בייזע אויגן איז געווען צוגעבונדן אויף אַ שטריקל און אַ כעסדיקער, וואָס ער געפינט זיך אויף אַ פרעמדער פאָרם, האָט ער זיך געדרייט אין אַלע זייטן און הויך געהאַווקעט.

דער הונט איז גרשונען ניט געפעלן געוואָרן. ס'איז ניט פּרינץ. עפּעס אַ בייזע חיה! פונדעסטוועגן האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַ לעַ־בעדיקע באַשעפעניש איז צוגעבונדן, איז ער צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען אַ מעסערל פון קעשענע, איבערגעשניטן דאָס שטריקל, און בעת מעשה געוואָלט אים אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ, אָבער ווי נאָר דער הונט איז פריי געוואָרן, האָט ער פאַרקאַטשעט די ליפּן, אַרויסגעשטעלט די שאַרפע ציין און אַ וואָרף געגעבן זיך אויפן פרעמדן מענטשן. נאָך אַ נס, וואָס גרשון איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. געזען, אַז אים האָט זיך ניט איינ־געגעבן אַ ביס צו טאָן, איז דער כלב אַנטלאָפן צוריק צו זיין אַלטן בעל־הבית.

אַפּנים, אַז פאַר דעם אָוועקלויפן האָט אים פרענק מכבד געווען מיט אַ שטעקן, ווייל אויף מאָרגן, ווען פרענק האָט אים צוריקגעבראַכט און ווידער צוגעבונדן מיט אַ שטריקל אַרום האַלדז, זיינען אויפן הונטס פעל געשטאַנען לאַנגע צייכנס און אויסגעזאָגט דעם סוד פונם קבלת־פנים, וואָס דער כלב האָט אַריינגעכאַפּט פון זיין האַר...

אַנשטאָט גרשונען, וואָס איז פאַרנומען געווען אין שטאַל, איז אייבעלע אַרויס אין הויף. דערזעענדיק אַ הונט אויף אַ שטריק, האָט ער זיך דערפרייט, אַריין צוריק אין שטיבל, אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן אַ היפּשן שטיקל פלייש און געגעבן דעם הונט צו פרעסן:

— היר, קוירלי!

אַחוץ די קלעפּ, וואָס פרענק האָט אין אים אַריינגעלייגט, האָט ער אים אויך קיין עסן ניט געגעבן. האָט זיך איצט דער הונט אַ וואָרף געטאָן אויפן שטיקל פלייש, געגריזשעט דעם ביין און פאַרגעסנדיק, אַז ערשט נעכטן איז ער אַנטלאָפן פון דאַנען, האָט ער באַלעקט זיך די מאָרדע, געדרייט מיטן וויידל און הכנעהדיק אַריינגעקוקט דעם ייִנגל אין די אויגן, ווי ער וואָלט געבעטן נאָך עפּעס צום עסן.

דאָס ייִנגל האָט פאַרשטאַנען דעם הונטס קוק, איז ער צוריק אַריין אין קיך, אַ נעם געטאָן נאָך אַ שטיקל פלייש, אַז די מאַמע זאָל ניט באַ־מערקן, און אַוועקגעטראָגן צום הונט. דערזעענדיק, אַז דער כלב טשעַ־פּעט אים ניט, דרייט מיטן וויידל, האָט אים אייבעלע אַ גלעט געטאָן איבערן פעל, אָפּגעבונדן דאָס שטריקל פון האַלדז און צוגעפירט צום קאָרעטע אַנטרינקען.

פון דעם טאָג אָן האָבן זיי איינע די אַנדערע האָלט באַקומען. דער הונט איז שוין פונם ייִנגל ניט אָפּגעטראָטן, אים נאָכגעגאַנגען די טריט, און עס איז געווען זייער טשיקאַווע, וואָס מיט די דערוואַקסענע (איבער־

הויפּט מיט גרשונען) איז ער ניט געווען אַזוי „גוט אויפגעטראָגן" ווי מיט די קינדער. אמת, אויך צו די גרויסע האָט ער זיך צוגעוואוינט, נאָר געקלעפּט זיך האָט ער פּאַרט צו אייבעלען מיט מערעלען — און געוואָרן אַ גוטער שומר אויפן פאַרם.

קאַפּיטל XX

ווערליק די אַנדערע פעלדער, וואָס זיינען חרוב געוואָרן דורכן האָגל, איז גרשונס פעלד אויפגעגאַנגען גאַנץ נישקשהדיק, מען קאָן אַפילו זאָגן — גאַנץ געראָטן! די רייכע רענטשערס, איבערהויפּט דער פאַרביסענער סטיווענס (וועלכער פלעגט פריער אַרויסשטעלן פּרענקן, אַז יענער זאָל טאָן די אָנרייצונג־אַרבעט צווישן די פאַרמערס), האָט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אַ סך פאַרמערס, געוואָלט שלאָגן קאַפּיטאַל פאַר זיך און אָנגעהויבן אונטערצוהעצן די אָרעמע האָמ־סטעדערס:

— „איר זעט? אַ ייד האָט מזל! זיין פעלד איז אַללראַיט!..

ער וועט רייך ווערן פונם קראַפּ, און איר וועט אַוועקגיין מיט די טאָרבעס!.. מען דאַרף אים ניט פאַרשווייגן. טרייבט אים אַרויס פון דאַנען!.. טרייבט אַריין אייער קעטל אין זיין ווייץ, און זאָל ער וויסן, אַז די ערד געהערט ניט צו יידן!..

צווישן די האָמסטעדערס האָט סטיווענס געשמט פאַר אַ פּאָליטישן, פאַר אַ דרייער, האָבן זיינע גיפטיקע רייד אויף זיי, במילא, קיין השפּעה ניט געהאַט — אַ הונט בילט, זאָל ער בילן! אדרבא, פון זיין העצן איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז ער איז ניט אַזוי אויסן דעם יידן גופא, ווי דאָס שטיקל ערד, און אויב פרידמאַן וועט סוף־כל־סוף מוזן פאַרלאָזן, וועלן זיך די רענטשערס אַ נעם טאָן אויך צו זיי. נו? האָבן די פּויערים געהערט און געהערט די דאָזיקע רייד און געקראַצט זיך אין די פּאַטיליצעס, ביז זיי האָבן געענטפערט דאָס זעלבע וואָס אַלעמאָל:

— „דאָס לאַנד איז ניט פרידמאַנס און ניט אונדזערע. זי געהערט דער רעגירונג. אַז וואַשינגטאָן האָט געגעבן, קאָן יעדערער ערלעכער האָמסטעדער טאָן מיט איר, וואָס ער וויל! און אַ קראַפּ איז אַ גאָטס זאַך... היינט איז עס געראָטן איינעם, און אַ צווייטן מאָל — אַן אַנדערן! און צום יידישן האָמסטעדער האָבן מיר גאָרניט! ער איז אַ האָרעפּאַשנער מענטש."

נאָר ביי סטיוועגסן האָט זיך אַ ווילדע פאַנטאַזיע צעשפּילט: אַ פּופּציק אַקער לאַנד צונעמען ביי איין האָומסטעדער, אַ זעכציק — ביי אַ צווייטן, ביי אַ דריטן און... ס'וועט שוין זיין גענוג פּאַשע פאַר זיינע גרויסע סטאַדעס בהמות, פאַר די טאַבונען פערד, וואָס האָבן איצט ניט וואו צו פיטערן זיך, און ווען דאָס אַנרייצן איין האָומסטעדער אויפן אַנדערן האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, האָט ער באַפוילן זיינע „קאָר־באָיס" זיי זאָלן אַריינטרייבן די בהמות צו גרשונען אין קאָרן.

דאָס איז געווען אין אַ פאַרטאָג. וואָלער איז אַרויס פון זיין שטיבל, אָוועקגעשטעלט זיך אויף אַ בערגל און געוואָלט זען: וואוהין זיין צווייט פערד איז אַוועק, ערשט פונדערווייטן האָט ער באַמערקט, ווי אַ סטאַדע בהמות רוקט זיך אַלץ נעענטער צו גרשונס קאָרן. האָט ער באַלד פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז סטיוועגסעס מלאכה, און אַרויפכאַפּנדיק זיך אויפן פערדל, וואָס איז נאָך אין הויף געשטאַנען, איז ער אַוועקגעפלויגן אָנזאָגן גרשונען, אַנקוויסטן, פרענקן און די אַנדערע האָומסטעדערס אין דעם געגנט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען, און די אָרעמע פּויערים האָבן געכאַפּט זייערע ביקסן אויף די פּלייצעס. אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אָנגעלאָפן אויף דער סצענע און גענומען שיסן איבער די קעפּ פון די בהמות, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו צעטרעמפּלען דעם קאָרן. סטיוועגסעס „קאָובאָיס" האָבן ניט געוואָלט שטעלן זיך אַנטקעגן די האָומסטעדערס, גלייך פאַרקערעוועט די סטאַדע אויף צוריק און אַוועקגעטריבן זיי טיף אין סטעפּ.

ווען אויף גרשונס פעלד איז שוין קיין זכר ניט געבליבן פון די בהמות — האָט פרענק (סטיוועגסעס פריערדיקער בוזעם־פריינט און איצטיקער שונא דערפאַר, וואָס יענער איז דורך דער צייט נאָך רייכער געוואָרן און ער — אַ קבצן) זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די פאַרמערס:

— מיר וועלן צופאָרן צו דעם סאָנאָוואַביטש!.. מען טאָר דאָס אים ניט פאַרשווייגן. מאָרגן וועט ער טאָן דאָס אייגענע צו אייערע פעלדער!..

די פאַרמערס אין דעם געגנט זיינען ניט געווען קיין באַריידעוודיקע בכלל. ביי זיי האָבן מעשים איבערצייגט אַלץ וואָס איינער האָט געוואָלט זאָגן, און אומגעפער, אין אַ שעה אַרום, זיינען זעקס פּויערים מיט אָנגע־לאָדענע ביקסן אין די הענט, צוגעריטן צו סטיוועגסעס רענטש, דורכגע־שפּאַנט דעם הויף און אַריינגעריסן זיך אין שטוב.

באַמערקט די זעקס מענטשן אַריינקומען, דערזען די ערנסטע, שטרענגע פּנימער זייערע און די שוואַרצע, בייסנדיקע פּיסקעס פון די

ביקסן, האָט סטיווענס אַרויפגעצויגן אַ תמעוואַטע מינע אויפן אָפּגעפּרע־סענעם פּנים און מיט כלומרשטער פריינטלעכקייט אין קול געפרעגט:

— אַ וויזיט מיט ביקסן גאָר!.. וואָס מיינט דאָס?.. האָט עפּעס געטראָפן ביי אייך און איר ווילט איך זאָל אייך העלפן?..

— הער זיך איין, סטיווענס! — האָט זיך פרענק אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט — מאַך זיך נאָר ניט פאַר קיין לעמעלע!.. דיינע קאָר־באַיס האָבן אַריינגעטריבן דעם קעטל צו פרידמאַנען אין קאָרן!.. אָפּנים, אַז דאָס וואָס דו האָסט ביי די האָומסטעדערס ניט געקאָנט אויס־פירן, האָסטו אַליין געטאָן, א?!.. איז זיי־זשע וויסן, אַז אויב דאָס וועט ווידער טרעפן, וועלן מיר קומען נאַכאַמאָל!.. און... מיט ליידיקן וועלן מיר שוין דעמאָלט ניט אַוועקגיין פון דאַנען!..

סטיווענס האָט זייער גוט געוואוסט וואָס דאָס „נאַכאַמאָל קומען" מיינט, און ער האָט אַלץ געשפּילט די ראָל פון אַן אומשולדיק נעבעכל:

— מסתמא האָבן מיינע באַיעס אַ טעות געמאַכט... געמוזט פאַר־בלאָנדזשען... עס איז דאָך געווען פינצטערלעך... נאָר זאָג מיר, פרענק: פון ווען אָן ביסטו דאָס געוואָרן אַ פריטשער? ניט לאַנג צוריק האָסטו דאָך אויך געוואָלט, אַז דער ייד זאָל אַוועקגיין פון דאַנען... ניט אַנדערש, אַז ער האָט דיך אונטערגעקויפט מיט אַ פּאָר דאָלער!..

אויף פרענקס פּנים האָבן זיך פאַרבן געזומען מיניען. די אָדערן אַרום האַלדז זיינען אָנגעצויגן געוואָרן ווי שטריקלעך. די בלוטן האָבן אים אַ לויף־געגעבן פון די פיס אין קאָפּ און צוריק. מיטאַמאָל האָט ער אויסגעצויגן די ביקס, פאַרקנאַקט דעם שלאָס און אַרויפגעלייגט דעם ציל־פינגער אויפן צינגל. נאָר גרשון איז צוגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט די ביקס און פאַרהויבן די רער אין דער לופטן:

— פרענק! מען טאָר דאָס ניט טאָן! נישקשה. עס וועט קומען אַ צייט, און גאָט וועט שוין אים באַצאָלן!.. און דו, סטיווענס! — האָט ער זיך געווענדט צום רענטשער, — אויב דו האָסט עפּעס אַ קריוודע קעגן מיר, איז קום אַרויס ווי מאַן צו מאַן, און מירן דאָס אויסגלייכן מיט די הענט!.. איך דאַרף צו דיר קיין ביקס ניט האָבן!.. נאָר ווי אַ היענע זאָלסטו צו מיר אין פעלד ניט קריכן!.. פון היינט אָן וועסטו זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיט דיין לעבן פאַר יעדן שאָדן וואָס דו וועסט אָנטאָן, פאַרשטאַנען?!..

די אַנדערע האָומסטעדער האָבן געברענט מיט רציחה, אין זייערע אויגן איז אַ העלער פייער געלעגן. זיי האָבן געקלאַמערט די הענט אין די

ביקסן און אַלע זייערע צרות געוואַלט אויסלאָזן צום רענטשערס קאָפּ. זיי האָבן איצט געהאַלטן אין איין טענהן צו גרשונען:

— צוליב וואָס וואַרטן?! מען דאַרף אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן! וועט ער וויסן ווי צו פּאַראומערן אונדז דאָס לעבן!..

קאַפּיטל XXI

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז גרשון צוריקגעפאָרן פון שטאָט. געהאַט אָוועקגעפירט אַהין מילך און אייער, און דאָרטן איינגעהאַנדלט ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס ביילקע האָט געדאַרפט האָבן אין הויז. ערשט פונדערווייטן נאָך האָט ער דערזען, ווי סטיווענסעס וואָגן איז געשטאַנען אינמיטן וועג, אַן אָנגעפּילטער מיט ווייץ, און מיט אַן איבערגעבראָכענער אַקס.

גרשון האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן דעם פריערדיקן כעס אויף אים און איז צוגעפאָרן נאָענט:

— וואָס האָט פּאַסירט, מיסטער סטיוועגס? ווי איך זע, דאַרף מען איבערשיטן דעם ווייץ אין אַן אַנדער וואָגן. איך וואָלט דאָס געהאָלפן טאָן, נאָר מיין וואָגן איז צו קליין און צו פלאַך דערויף.

דער רענטשער איז געשטאַנען אַן אָנגעבלאָזענער און געשלאָגן זיך מיט דער דעה: ענטפערן, צי ניט? נאָר די הילפלאָזיקייט און מורא איבערצולאָזן דעם וואָגן גערשטן אינמיטן וועג האָבן איבערגעוואויגן זיין ברוגז און מיט דערשלאָגנקייט אין קול האָט ער געענטפערט:

— איך וואַרט, אפשר וועט עמיצער פון מיינע באַיעס אָנקומען... דערווייל בין איך געסטאָקט און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט...

דער האָומסטעדער איז אַראָפּ פון וואָגן, באַטראַכט סטיוועגסעס צעבראָכענע אַקס און זעענדיק, אַז דעם ווייץ וועט מען טאַקע דאַרפן איבערשיטן, איז ער אַרויף צו זיך אויף דער קעלניע און באַרואיקט זיין שונא:

— איך וועל צופאָרן צו אַ שכן און ברענגען אַ וואָגן.

סטיוועגס האָט דאָס ניט געגלויבט, און ניט געענטפערט; געמיינט, אַז דער ייד לאַכט פון אים, און בלויז נאָכגעקוקט ווי יענעמס וואָגן איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַראָפּ־באַרג און אויפגעהויבן אַ געלן שטויב.

גרשון איז צוגעפאָרן צום ערשטן האָומסטעדער:

— אַ גאָט העלף, מעגי! מיינער אַ „פריינט" האָט געקויפט ווייץ

ערגעץ און געוואָלט דאָס אַריבערפירן צו זיך. האָט געטראָפן אַן אומ־גליק: אַן אַקס איז ביי אים איבערגעבראָכן געוואָרן און געבליבן שטעקן אינמיטן וועג, ניט ווייט פון דאַנען. טו מיר אַ טובה און ליי דיין וואָגן אויף אַ פּאָר שעה. מען דאַרף דעם ווייץ אַריבערשיטן. מיין וואָגן איז צו פלאַך.

פון אַ רימענער בייטעלע האָט מעגי, מיט דריי פינגער, אַרויס־גענומען אַ קופּקעלע טאַבאַק און, ווי אַ גאַנער, אַריינגעכאַפּט דאָס אין מויל. אַ ווײַלע האָט ער דאָס געקייט און דערנאָך אַ האַסטיקן שפּיי־געגעבן, אַז אויף דעם אָרט, וואו דער שפּיי איז געפאַלן, זיינען זעמדעלעך אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, און אַ טראַג־געטאָן זיך אינדערלופטן:

— ווער איז דאָס דיין פריינט ?

גרשון האָט זיך געדרייט אויף אַ קאָרעק און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זאָגן אַ ליגן איז אים עפּעס ניט „לאָוועקע", ניט אין זיין נאַטור, און זאָגן דעם אמת, וועט דאָך מעגי ניט געבן דעם וואָגן, האָט ער צום סוף אָנגעהויבן ריידן זייער גיך:

— און ווען דו וועסט וויסן איז וואָס ? אַ מענטש איז אין אַ נויט, וועסטו ניט אַרויסהעלפן ? אַזאַ גזלן ביסטו ? איך ווייס דאָך, אַז אָפּזאָגן וועסטו ניט, איז וואָס איז דער אונטערשייד, ווער דער נויט־באַדערפטיקער איז ? גיב דעם וואָגן און מאַך ניט קיין פוילע שטיק !..

אַ קליין מענטשל, מיט דאַרע אויפגעהויבענע פּלייצעס, האָט מעגי אַריינגעלייגט די פינגער אין זיין ציגענעם בערדל און אַ טראַכט געטאָן:

— וועל ? ביסט אפשר גערעכט ! אַז אַ מענטש איז אין נויט, דאַרף מען העלפן. נו, גוט, — האָט ער כיטרע אַ וואונק געגעבן מיט אַן אויג און איז אָוועק איינשפּאַנען זיינע פערד.

גרשון האָט איבערגעלאָזט זיינע פערד מיטן וואָגן ביי מעגין אין הויף, איז אַרויף צו יענעם אויף דער הויכער קאָזלע, און זיי זיינען צוזאַמען אָוועקגעפאָרן העלפן „גרשונס פריינט". אָבער, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו סטיווענסעס וואָגן, האָט מעגי אָפּגעשטעלט די פערד און ווייטער ניט געוואָלט פאָרן:

— וואָס ? ! אָט דעם בעסטערד וועל איך העלפן ? ! און ווען ער זאָל דאָ קראַפּירן אויפן אָרט, וועל איך צולייגן אַ האַנט ? וואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט ? אַ פריינט איז ער דיר ? ער וואָלט דאָך אַ האָומסטעדער דעם קאָפּ אַראָפּגעדרייט ! און... דו גייסט בעטן טובות פון זיינעט־וועגן ! וואָס ביסטו פון זינען אַראָפּ, צי וואָס ?..

גרשון האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און ניט געלאָזט אויס־קערעווען די פערד:

— כעס איז אַ שלעכטע מידה, מיין פריינט. וואָס איז די סכנה, אַז מיר וועלן אים יאָ העלפן? זאָל זיך דיר אויסדוכטן, אַז דו טוסט דאָס ניט צוליב אים, נאָר פון מיינעטוועגן...

אָבער מעגי האָט זיך איינגעשפּאַרט און אַפילו ניט געוואָלט הערן: ניין און ניין! ער וועט סטיווענסן ניט העלפן. נאָר ווען גרשון איז צוגעשטאַנען צו אים און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז העלפן אַ מענטשן איז אַ גרויסן מצוה, אַז אַפילו אין „עוואַנגעליום" שטייט געשריבן: „זאָלסט באַהאַנדלען דיין חבר ווי זיך אַליין" — האָט זיך מעגי ניט געוואָלט אַנטקעגן שטעלן אַזאַ אַרגומענט, וואָס שטייט אַזש אין „ביבל" — און איז אַראָפּ פון וואָגן:

— אויב דו ווילסט העלפן אָט אַ דעם הונט, טאָ העלף! מיינע הענט וועלן זיך צו דעם ניט צורירן. זיי זיינען נאָך צו ריין!..

איצט האָט גרשון קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט צוגע־פירט דעם וואָגן צו סטיווענסעס צעבראָכענער פור, אַריין מיט די פיס צו יענעם אין ווייץ און אָנגעהויבן אַריבערשיטן. דער רענטשער איז גע־שטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ניט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט דעם יידן, וועמען ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אָנגעטאָן אַזויפיל צרות.

דאָס ברענגען דעם וואָגן און דאָס העלפן אַריבערשיטן דעם ווייץ איז אויסגעקומען פאַר סטיווענסן נאָך ערגער איידער גרשון וואָלט אים צען פּעטש געגעבן. סטיווענס האָט די אויגן ניט געוואַגט אויפהויבן. נאָר אַזוי ווי יענער איז געווען ביי אים אין וואָגן — האָט ער שוין ניט געקאָנט זיך העלפן, איז אויך אַרויף אויפן וואָגן, אַ ווײַלע געאַרבעט מיט אַ לאָפּעטע און פּלוצים איבערגעריסן אינמיטן דער אַרבעט:

— פרידמאַן, אַנטשולדיק!

גרשון איז שטיין געבליבן און, דערזעענדיק אַ טיפע חרטה אויס־געגאָסן ביי סטיווענסן אויפן פּנים, האָט ער אים די האַנט געגעבן:

— וואָס איז דאָ צו אַנטשולדיקן!.. אַ מענטש באַנאַרישט זיך אַמאָל!.. דעם אמת געזאָגט, שוין לאַנג פאַרגעסן וואָס עס איז געווען...

צי ער האָט זיך טאַקע באַרעכנט, אַז ער האָט זיך שלעכט באַגאַנגען מיט דעם יידישן האָומסטעדער, צי גרשון איז אים טאַקע געפעלן געוואָרן, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, פון דעם טאָג אָן האָט דער רענטשער אָנגע־הויבן אַריינקומען צו גרשונען אין שטיבל, האָט ליב באַקומען צו זיצן

שעהן און ריידן, אָדער שפּילן אין „טשעקערס״. איינמאָל האָט ער אינמיטן שפּילן אַ זאָג געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין געווען געזאָגט מיט אַ פּאָר אָוונטן צוריק:

— עס איז גוט צו זיצן און פּטרן אַ פּאָר שעה. מיט דיר איז אַלעמאָל פאַראַן וואָס צו ריידן. אַפילו ווען ביי מיר סטייען ניט קיין ווערטער, פיל איך אָפּט, אַז אויף שטום־לשון פאַרשטייסטו מיך!.. דאָס האָב איך ליב... ווייל עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס דו רעדסט און רעדסט צו זיי און ס׳איז ווי צו די ווענט! אַרויסגעוואָרפענע רייד! און צום סוף, דערפילסטו זיך אַזוי נאַריש, אַז דו ווילסט זיך אַליין אויספּאַטשן!.. נאָר מיט דיר איז עפּעס אַנדערש...

גרשון איז געווען פאַרטאָן אין שפּיל. ער האָט געקוקט אויפן ברעטל מיט די רויטע און שוואַרץ־פאַרביקע קעסטעלעך און געגעבן סטיווענסן אַ „ציג״ צום „קלאַפּן״. אָבער דערפאַר האָט ער אַראָפּגענומען ביי אים דריי מיט איין שאָס און אַריין אין „דאַמקע״:

— אַמאָל איז ניט דאָס, וואָס מען זאָגט, נאָר ווי מען זאָגט עס! דער טאָן פון אַ וואָרט מיינט מער, ווי דאָס וואָרט גופא... אין צערט־לעכסטן אויסרייד קאָן ליגן איראָניע, פאַרביסנקייט, צוויי־דייטיקייט און, דאַקעגן, אין אַ שטרענגן זאָג קאָן מען אַמאָל געפינען גאַנצע פּודן מיט ליבע און געטריישאַפט... דעריבער מוזן די אויערן הערן, וואָס דאָס מויל זאָגט; די אויגן דאַרפן זען, וואָס די הענט טוען; און דערפאַר האָסטו איצט פאַרלאָרן דריי „ציגן״ אויף אַמאָל!..

קאַפּיטל XXII

טעג האָבן זיך אַ קייקל געטאָן איינער אין אַנדערן און אויסגעפּורעמט וואָכן און חדשים. זומער. די זון האָט געשאָסן מיט פלאַמיקער בריאונג. דאָס גראָז אויפן וויהאָן האָט זיך צעוואָקסן, אָנגעזאָפּט זיך מיט זיסן זאָפט, פון פולקייט קוים געבויגן די קעפּלעך אין ווינטל און רייף געוואָרן צום ערשטן שניט. גרשון האָט דאָס געזען און, ניט האָבנדיק מער טאָמען אַרום זיך אויף אַרויסצוהעלפן, האָט ער געפרעגט דאָס ווייב:

— אפשר ווילסטו מיר העלפן קאָסען? דאָס גראָז וועט פאַר־טריקנט און פאַרברענט ווערן און אַליין שניידן דאָס וועט נעמען צופיל צייט...

זי האָט נאָר געוואַרט, אַז ער זאָל זי בעטן, זאָגן: „אַליין איז אים שווער". האָט זי אַ שמייכלענדיקע אָנגעטאָן דאָס געבלימלטע טיכל אויפן קאָפּ, פון צוויי עקן אויסגעבונדן אַ קנופּ ביי זיך אויף דער פּאַטיליצע און אַ לאַך געטאָן:

— מיינסט אַוודאי, אַז איך וועל בלויז זיצן אין שטוב און קאָכן וועטשערעס? האָסט דאָך אַמאָל געזאָגט, אַז „מאַן און ווייב איז איין לייב!" נו, קומט דאָך אויס, אַז דאָס פעלד איז מיינס פּונקט ווי דיינס... און די ערד איז מיר אַזוי ליב ווי דיר! היינט וואָס, פרעגסטו צי איך וועל דיר העלפן? — קום!

מיט גבורה אין די הענט און אין די פיס איז דאָס פּאָר פּאָלק אַרויף אויפן וויהאָן און אָנגעהויבן שניידן דאָס גראָז. צוערשט האָט זי געמאַכט בלויזן... די קאָסע האָט זיך געדרייט אין אירע הענט, און עס זיינען איבערגעבליבן „טרעפּ". האָט זיך גרשון געשטעלט הינטערן ווייב און אָנגענומען אירע הענט צוזאַמען מיטן שטעקן:

— ניט אַזוי שניידט מען, קעלבל! מאַך אַ ברייטן האַלב־קרייז מיט דער קאָסע, ווי מ'שרייבט אַ „ריש". נאָר אָנשטאָט פון לינקס צו רעכטס, גיב אַ „ראַזמאַך" פון רעכטס צו לינקס און האַלט שטייף דאָס הענטל, וועט די קאָסע גיין, וואוהין דו וועסט זי שיקן...

אַריינגענומען זיך אין קאָפּ וואָס ער האָט זי געלערנט, האָט ביילקע אָנגעשפּיגן אין די האַנט־פּלאַכן, פעסטער אָנגענומען דאָס שטעקל מיטן הענטל, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער קאָסע אין אַ האַלב־רונדן קרייז אַרום זיך, און אַ כוואַליע גראָז האָט זיך אונטערטעניק אויסגעלייגט פאַר אירע פיס:

— גרשון! עס גייט אַ גאַנג! נאָר איך דענק, אַז די קאָסע איז טעמפּ! שאַרף זי אָן...

ער איז ווידער צוגעקומען. פון דער הויזן־קעשענע אַרויסגענומען אַ שוואַרצן, גאַנץ לענגלעכן שאַרפשטיינדל און אָנגעהויבן שלייפן דעם שטאָל פון ביידע זייטן. די קאָסע האָט אַ בלאַנק געטאָן אין זון, צעזונגען זיך מיט אַ מעטאַלענעם ניגון, און ביי די שניטער זיינען די הערצער אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, מיט שטילן געזאַנג, וואָס פּויערים זינגען געוויינטלעך אין צייט פון שניט. דער מאַן האָט דעם ווייב איבערגעגעבן די קאָסע:

— איצט איז זי שאַרף. באַוויז, וואָס דו קאָנסט אויפטאָן מיט איר!..

זי האָט ניט אַזוי געוואָלט אויסנעמען ביים מאַן, נאָר ווי צו באַווייזן

איר בריהשקייט, אַז זי איז ניט אַבי ווער... און געשפּאַנט טראָט נאָך טראָט מיט אים, אַנגעהאַלטן די זעלביקע צאָל אויסגעלייגטע שורות, צוגלייך מיט זיינע. דער וויהאָן איז צעכוואַליעט געוואָרן ווי אַ שטורעמדיקער טייך. ס'איז געווען הייס. אָבער די שניטער האָבן פון דער היץ ניט געמאַכט קיין ווען. דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אמתע פאַרמערס און שניידן אייגן היי, האָט זיי אויף שטום־לשון געמוטיקט און געשטויסן אָפּצוקאָסען וואָס מער גראָז. יעדער פאָכע מיט דער קאָסע — זעטיקייט פאַר אַ בהמה, צי פאַר אַ פערד... און זאַטע פערד גייען גוט אין שפּאַן; אָנגעקאָרמעטע בהמות גיבן מילך!..

צו מיטאָג־צו איז גרשון שטיין געבליבן. ער האָט איבערגעקערט די קאָסע מיטן שטעקן אַראָפּ און זי אַריינגעזעצט אין דער ערד. די קאָסע האָט אויסגעזען ווי אַ פאָן אויף אַ „שלאַכטפעלד". זי האָט שטאָליק געגלאַנצט אין דער זון און צוריקגעוואָרפן די שטראַלן, וואָס די זון האָט אָפּגעשפּיגלט אין איר. ביילקע האָט געוואָלט טאָן דאָס זעלבע, אָבער ביי איר איז דער שטעקן ניט געגאַנגען אין דער ערד און די קאָסע איז אומגעפאַלן...

דער מאַן האָט געלאַכט פון איר דורכגעפאַלענעם פאַרמעסט און אַרויסגענומען דאָס נאָז־טיכל פון קעשענע:

— נו, קעלבל? קום אַהיים! שוין צייט עפּעס עסן. דאָס האַרץ ציט.

ער האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז זי האָט אינדערפרי מיטגעבראַכט אַ קלומיקל עסן, האָט זי אויף אים אַ פאַרוואונדערטן קוק געטאָן:

— צוליב וואָס גיין אין שטוב און פטרן צייט אומזיסט? צו אָוונט־צו וועל איך דיר ניט קאָנען העלפן. די קינדער וועלן קומען אַרום פינף. האָסט גאָר ניט געזען, אַז איך האָב מיטגעבראַכט מיטאָג און אַ פלאַש הייסע קאַווע צום פאַרטרינקען? אַלע מענער זיינען גלייך!.. אויף די אייגענע ווייבער קוקט מען זיך ניט אום!.. ווען אַ פרעמד ווייבל וואָלט געגאַנגען מיט דיר אין פעלד, וואָלסטו שוין געזען וואָס זי טראָגט...

— אָ־אָ! אָט אַזוי האָב איך דיך ליב! אַז אַ ווייב איז אייפערזיכטיק — איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז זי האָט ליב דעם מאַן... האָסט טאַקע געבראַכט עסן? איך האָב גאָרניט געזען! ביסט אַ „מאַלאַדיעץ", ווי איך בין אַ ייד!

זי האָט געלאַכט. צוויי שורות ווייסע, געזונטע ציין האָבן אַרויסגעפינקלט פונם פאַרברוינטן פּנים. אַ לאַכנדיקע, איז זי צוגעגאַנגען

צום קלומיקל, אים פונאַנדערגעבונדן, אַרויסגענומען דאָס עסנוואַרג, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און צוגערופן דעם מאַן:

— קום אַהער!

אָנגעהאַרעוועטע און הונגעריקע, האָבן זיי געגעסן מיט פויערשן אַפּעטיט, און פאַרטרונקען מיט קאַווע. נאָכן עסן אַוועקגעלייגט זיך אַפּרוען אַביסל.ביילקע האָט זיך פאַרקוקט אויפן הימל, און גרשון — אויפן ווייב. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס ליגנדיק, זיינען אירע פולע ברוסטן געוואָרן פלאַך און פאַרלאָרן די פולקייט, וואָס רייצט אַזוי.

— ווייסט, ביילקע? ווען איך וואָלט איצט געדאַרפט נעמען אַ ווייב, וואָלט איך מיט קיין אַנדערער ניט חתונה געהאַט, נאָר מיט דיר... ביסט אַן איבערגעגעבענע און גייסט מיט מיר האַנט אין האַנט!...

זיינע רייד האָבן איר געקלונגען אין די אויערן אַזוי פריש און גלעקל־דיק ווי אַמאָל, ווען זיי זיינען נאָך געווען בחור און מיידל. דעמאָלט האָט ער זייער אַ סך גערעדט עפּעס אַזעלכע טיפע, פאַרשטעלטע רייד, אַז זי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם מיין זייערן, דאָך פלעגן זיך די ווערטער גיסן אין איר האַרצן ווי גוטער ווייִן, וואָס צעגייט זיך אין אַלע גלידער.

— דערקלערסט זיך שוין ווידער אין ליבע! רייד ווינציקער און רו זיך אויס! וועסטו כוח האָבן צו אַרבעטן דעם אַנדערן האַלבן־טאָג...

איר „זאָגעלע" האָט ווי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן זיינע אָנצי־לעוודיקע געדאַנקען און פאַרטושט דעם גאַנצן באַגאַזש רייד, וואָס ער האָט זיך געקליבן אויסצולאָדן. אָבער די מענערשע עקשנות פון באַזיצן, באַהערשן און אויספירן זיינס — האָט זיך אויפגעוועקט אין אים, און ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך:

— וואָס פאַרעדסטו מיר די ציין!? וואָס דאגהסטו זיך וועגן מיין געזונט, אַ? גיב מיר אַ קוש!

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין געזונטן גוף, אינסטינקטיוו אָנגע־קוואָלן פון זיין גבורה, און מיט די פינגער אַריינגעפּאָרן אין זיין צעשוי־בערטער פּאַטליע:

— ביסט אַ ווילדער ביק!

— געדענקסט ניו־יאָרק? — האָט ער זיך אָפּגערוקט אַביסל און אָנגעהויבן ריידן, — די פאַרשטיקטע צימערלעך אויפן פערטן שטאָק? די ענגשאַפט, און די זומערס? אַך, ס'אַרע היצן עס זיינען דאָרט! מען קאָן דאָך דערשטיקט ווערן! איצט פאַרשטיי איך גאָרניט, ווי אַזוי האָבן מיר דאָרט געקאָנט לעבן? אמת, אויך דאָ איז הייס. ס'איז אָבער

אַן אַנדער מין היץ, אַ טרוקענע, גרינג צו אָטעמען. די קינדער וועלן אויסוואַקסן געזונטע מענטשן. נאָר... איך האָב מורא — זיי וועלן דאָ פאַרגויאישט ווערן! אָבער איך האָף צו גאָט, אַז מיט דער צייט וועלן זיך דאָ באַזעצן נאָך יידישע האָומסטעדערס, און מירן אַראָפּברענגען אַהער אַ יידישן לערער פון שיקאַגאָ צי פון ניו־יאָרק.

די פּאָטערלעכע זאָרגן האָבן ביי דער מוטער אַרויסגערופן דאגות וועגן דער צוקונפט פון אירע קינדער: וואָס וועט פון זיי טאַקע ווערן אין דער ווילדערניש? מיט ווייטן אומרו אין האַרצן האָט זי אים געוואָלט ענטפערן, זאָגן, אַז אויך זי האָט שוין ניט איינמאָל געטראַכט דערפון. נאָר די צייט פון אָפּרו איז אַריבער,ביילקע איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד און צורעכט־געמאַכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ:

— אפשר זאָלן מיר אָנהויבן אַרבעטן? אַ שאָד די צייט! דער טאָג איז קורץ. מען דאַרף אַריינכאַפּן וואָס מען קאָן...

• • •

אַרום פינף אין אָוונט זיינען זיי אַהיים געגאַנגען מיט די קאָסעס אויף די אַקסלען. פון כסדרדיקן וויגן די קאָסעס אין גראָז — האָט זיי געבראָכן הענט און פיס. די שווערע אַרבעט, דערצו נאָך דעם ערשטן טאָג, האָט אָנגעגאָסן די אברים מיט מידקייט, מיט בליי. די קערפּערס האָבן זיך געבעטן — רוען. זיי זיינען געגאַנגען, און ניט געזונגען, ווי דאָס טוען די רוסישע פּויערים און פּויערטעס גייענדיק פון פעלד, נאָר מידע, פאַרטאָגנע, מיט ניט־אויסגערעדטע געדאַנקען האָבן זיי געשפּאַנט אַליין נעענטער צו זייער שטיבל. מיטאַמאָל זיינען זיי שטיין געבליבן ביים צאָם פון זייער הויף, און מיט צעגלאָצטע אויגן און צעעפנטע מיילער — פון גרויס פאַרוואונדערונג, אַ וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן.

אין „קאַרעל״, לעבן דאָופּין מיט סילווערן, איז געשטאַנען קוויני, די געגנבעטע קליאַטשע. דעם שיינעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אויף סילווערס אַראָפּגעלאָזטן האַלדז און געשמיסן מיטן עק. ביי איר זייט — אַ דריי־פיר חדשימדיק לאָשעקל, אַ שוואַרצס, מיט אַ פּליושן פעלכל און ווייסן מעדאַליאָן אויפן פּנימל.

דערזען גרשונען מיט ביילקען, האָט קוויני אַראָפּגענומען דעם קאָפּ פון פערדס האַלדז און אָנגעהויבן הילכיק הירזשען, טופּען מיט דער רעכטער פוס אין דער ערד, אויפגעשטעלט זיך דובאָם, נאָכאַמאָל אַ הירזשע געטאָן און איז צוגעלאָפן צום דראָטענעם צאָם, אַרויסגעשטעלט די מאָרדע צו די מענטשן, ווי אויף צו קושן זיך מיט זיי...

די קאַסעס זיינען אַראָפּגעפאַלן ביי די שניטער פון די אַקסלען. אַ ווײַלע האָבן מאַן און ווײַב געריבן די אויגן: איז דאָס אַ חלום, צי אויף דער וואָר? ביילקען האָבן טרערן אַ שפּאַר געטאָן אין די אויגן. זי האָט אַרומגעכאַפּט קוויניס קאָפּ, צוגעלייגט איר באַק צו דער קליאַ־טשעס פּנים און אַלץ ניט געגלויבט, צי קוויני איז אויף אַן אמתן צוריק־געקומען אַהיים.

אויך גרשון איז צעטומלט געוואָרן און האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ טויער. אַריבערשפּרינגענדיק דעם פּאַרקאַן איז ער צוגעלאָפן צו דער קליאַטשע, מיט אַ גיכן בליק געכאַפּט אַ קוק ווי זי זעט אויס און אַ צופרידענער געגלעט איר די ספּינע און די זייטן. די פינגער האָבן אים געציטערט; איבער זיין לייב איז אַ גליטשיקע וואַרעמקייט איבערגעלאָפן: די אויגן — פייכטע; דאָס האַרץ האָט געטאַנצט און די ליפּן האָבן שטיל געמורמלט:

— דאַנקען גאָט!

אינמיטן דרינען איז דאָס לאַשעקל צוגעגאַנגען און מיט דער מאָר־דעטשקע אָפּגעשטופּט דעם מענטשן, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צו דער מאַמען. גרשון האָט אַריינגעכאַפּט דעם לאַשעקלס קעפּל צו זיך אונטערן אָרעם, אַ פּעטשל געטאָן אים איבערן הינטן, אָפּגעטראָטן, און צוגעלאָזט אים צו דער מוטער. דאָס באַשעפעניש האָט אַרונטער־גערוקט דאָס קעפּל צו דער מאַמען אונטערן בויך, גענומען זויגן, און דער גליקלעכער פויער האָט אַ געשריי געטאָן:

— ביילקע! זע וואָס פאַר אַ מתנה קוויני האָט געבראַכט! ער איז דאָך אַ קראַסאַוועץ! מיר דוכט, אַז דער פּראַצענט איז בעסער פאַרן קערן!.. די גנבים זיינען „ערלעכע" מענטשן!.. אַנשטאָט איין פערד — האָבן זיי צוויי צוריקגעבראַכט צוויי!.. ס'איז מיר בלויז אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט געהאַט די זכיה צו זען ווי דאָס לאַשעקל איז געבוירן געוואָרן...

דאָס ווײַב האָט נאָך געהאַלטן קוויניס מאָרדע אין די הענט און געלאַכט דורך טרערן:

— מיינסט ס'איז „אָנאַ"? ניט אַלע גייען שווער צו קינד, מיסטער „דאָקטער"!.. און ניט אַלע חיות קאָן מען „העלפן"... אַ פערד האָט אַ טבע צו דערלאַנגען מיט די הינטערשטע פיס אין מאָרדע!..

די פרייד האָט איצט אַרויסגעלאַכט פון אָרום גרשונס מויל, פון די ווינקלען אויגן, אַ ווייס־חברהניק האָט זיך צעשפּילט אין זיין האַרץ און, ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט פאַרן ווײַב, וואָלט ער אַרומגעכאַפּט

קווינין, דאָס לאָשעקל און געקושט זיי, אַפּילו די ערד וואָלט ער איצט געקושט:

— קוויני איז בעסער פון דיר!.. זעסט ווי זי ליבט מיך?.. האָט דרך ארץ און לאַכט ניט אָפּ פון מיר, ווי דו... אַפּילו דאָס לאָשעקל האָט געהאָרכזאַם געהאַלטן דאָס קעפּל ביי מיר אונטערן אָרעם!

— פּ־ש! פּ־ש! — האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ און נאָכגעקרימט דעם מאַן, — אַ ברירה האָט דאָס לאָשעקל נעבעך געהאַט, אַז דו האָסט אַריינגעכאַפּט זיין קעפּל אין דיינע געזונטע לאַפּעס?..

די ריכטיקע פרייד מיטן געפילדער האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען די קינדער זיינען געקומען פון סקול. דערזען קווינין און, איבערהויפּט, דאָס לאָשעקל, האָט אייבעלע אַ וואָרף געטאָן די ביכלעך אויף דער ערד, איז הענדום־פּענדום צוגעלאָפן, אַ הויב געגעבן דאָס עקל ביים לאָשעקל, באַלד אים געעפנט דאָס מויל, זען צי דאָס באַשעפעניש האָט שוין ציין, אַ פיר געגעבן מיטן האַנט איבערן גלאַטן פעלכל און, ליאַרעמענדיק, געוואָלט אַ הויב טאָן זיך צו רייטן אויף אים.

ס׳איז נאָך גוט, וואָס דער טאַטע האָט דערזען און אָנגעשריען:

— וואָס טוסטו! גולם איינער! זעסט ניט, אַז ער איז נאָך צו יונג? האָסט שוין געמעגט וויסן, אַז אויף אַ לאָשעקל טאָר מען ניט רייטן, ביז ער ווערט אַ יאָר, צי אַ יאָר מיט אַ האַלב אַלט... גיי אין שטוב, דו שקאָץ!

וועגן גיין אין שטיבל האָט דאָס יינגל ניט געוואָלט הערן אַפּילו, און אַלץ אַרומגעפּאָדערט אַרום לאָשעקל. ער איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום הינטן און פאַרריסן דאָס עקל. דאָס באַשעפעניש האָט אַ הויב געגעבן די הינטערשטע פיסלעך. אייבעלע איז אַ לאַכנדיקער אָפּגע־שפּרונגען און נאָך מער צוגעזאָטן געוואָרן צו אים:

— פּאַ! גיב מיר די „האָרסי!” איך וועל אים היטן! וועסט זען!..

דעם טאַטן איז געפעלן געוואָרן, וואָס זיין זונדל האָט זיך אַזוי צוגע־כאַפּט צום לאָשעקל. דער בעסטער באַווייז, אַז אויך אייבעלע וועט אויס־וואַקסן אַ פּויער. גרשון האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט אַרויסווייזן, און קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— זאָג נאָר, בנאָקל מיינער, וואָס וועסטו טאָן מיט אים, אַז איך וועל דיר אים געבן?

— איך וועל אים פירן אויף פּאַשע.

— דאָס אַלץ? און רייטנדיק וועסטו פאָרן אויף אים?

— ניין, כ׳וועל וואַרטן, ביז ערט ווערן אַ גרויסער!..

— און ווער וועט פיטערן די בהמות מיט די אַנדערע פערד?

— אַ־קעי, פּאַפּ! איך וועל זיי אויך היטן... וועסט מיר אים געבן?..

דער טאַטע האָט געטראַכט, פאַרזשמורעט אַן אויג, געקוקט אויפן זון, געשושקעט זיך: געבן, צי ניט? און צולעצט מסכים געווען:

— אָלל־ראַיט! אויב דו וועסט זיין אַ גוד־באַי, פּאַשען די בהמות, היטן די פערד און ניט פאָרן רייטנדיק אויפן לאַשעקל, וועסטו אים קאָנען האָבן...

— טהענקס, פּאַ! — האָט דאָס ייִנגל אַזש אָנגעהויבן טאַנצן פון פרייד און צוגעדריקט דעם לאַשעקלס קעפּל צו זיך: — ביסט מיינער, „בלעקי״! הערסט? ביסט מיינער!...

קאַפּיטל XXIII

די לעצטע צייט איז ביילקע אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער שטימונג און געהאַלטן אין איין צוהערן זיך צו די אייגענע געפילן. עס קאָן זיין, אַז די פרישע לופט, צי די נאַענטקייט צו דער נאַטור האָבן געווירקט אויף איר. אַלץ איינס, זי האָט אָנגעהויבן צוקוקן זיך צו די פייגעלעך און צו די הינער, געזען ווי זיי לעבן און פּאָרן זיך; ווי די ערד איז געלעגן אַ מעוברתע, מיט אויפגייענדיקע זאַנגען, וואָס זיינען שוין אַביסל פאַרגאָלדיקט געוואָרן פון זון. אַלץ אַרום איר האָט געלעבט, געפּרוכפּערט זיך און געבראַכט ניי־לעבן אויף דער וועלט. אויך אין איר, אין אָט דער יונגער און געזונטער פויערטע איז געבוירן געוואָרן אַ שטאַר־קער באַגער — צו ברענגען כאָטש נאָך איין קינד אויף דער וועלט.

פונם טראַכטן וועגן דעם, איז זי אַרומגעגאַנגען מיט צעצונדענע פייערלעך אין די אויגן. דאָס לייב איז געוואָרן דורשטיק, אָפן און בריען־דיק. דאָס אָפּטע פאָרן זיך פון די לעבעדיקע באַשעפענישן האָט געווירקט אויף איר און אויפגעוועקט די פאַרשלאָפענע תאווה. נאָר זאָגן, צי אַפילו געבן די קלענסטע אָנצוהערעניש וועגן דעם האָט זי זיך געשעמט און אינדערשטיל געקעמפט מיט די אייגענע געפילן, וואָס האָבן זיך גע־שפּאַרט צום אויסדרוק און געררייצט די פאַנטאַזיע: — אַ קינד!

גרשון איז שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט, פאַרנומען מיט די בהמות און מיטן פעלד. ער האָט געהיט דעם פאַרזיי, געזען אַז אַלץ זאָל וואַקסן

ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אַפילו ניט אומגעקוקט זיך אויפן ווייב. ניט ווייט פון שטאַל האָט ער אַריינגעסטאָלבעט אַ דראָנג אין דער ערד, אַוועקגעלייגט אַרום אים פּאַליענעס האָלץ, אָנגעקלאַפּט דערויף ברעטלעך און געמאַכט אַ מין קיילעכדיקן בריקל, אַז דאָס היי, וואָס ער וועט אָנלייגן אויף דעם, זאָל ניט אָנציען קיין פייכטקייט.

און ווען דאָס אָפּגעשניטענע גראָז האָט זיך געהאַט אויסגעטריקנט, איז באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ מאַטאָווער גרויקייט און פאַרדינט שוין דעם נאָמען „היי", האָט גרשון צוזאַמענגעקלאַפּט אַ „היי־רעק". מיט שווע־ריקייט איינגעמאָשטשעט דאָס אויפן וואָגן און אָנגעהויבן אַריבער־ברענגען דאָס היי פון וויהאָן.

אַריינגעפירט צוויי וועגענער היי אין שטאַל און אָנגעשטאָפּט דעם בוידעם, האָט ער דאָס איבעריקע געבראַכט צום שטאַנג און גענומען אויסלייגן אַ סטויג, וואָס איז פון אונטן געווען ברייט און קיילעכדיק, ווי אַ ריזיקע ראָד, און וואָס העכער אַלץ שמאָלער און שפּיציקער.

אַז דער סטויג האָט זיך „צעוואָקסן" און עס האָט אויסגעקוקט, אַז איבערן ווינטער וועלן די בהמות און די פערד האָבן וואָס צום פרעסן, האָט גרשון געבראַכט דעם לעצטן וואָגן היי, אים צוגעקערעוועט האַרט צום סטויג און מיט דער דריי־צאָניקער ווילע דערלאַנגט די היי צו בייל־קען, וואָס איז געשטאַנען אינדערהויך, האָט עס צוגענומען, אויסגעלייגט און איינגעטאַפּטשעט מיט די פיס.

פון דער הויך האָט ביילקע איצט אויסגעזען ווי אַ געזונטע דאָרפישע שיקסע, די צעפלאָשעטע האָר זיינען איר ניט איינגעלעגן אויפן קאָפּ און געריסן זיך פון אונטערן טיכל. דאָס קליידל, אַ ברייטע, מיט אַ סך פאַלדן אַרום דער טאַליע, האָט זיך געבלאָזן אין ווינטל, געפלאַטערט און געריסן זיך פון קערפּער, וואָס האָט זיך אַלע ווילע איינגעבויגן און באַוויזן צוויי מאָנענדיקע ליטקעס.

גרשון האָט דאָס באַמערקט און אַ שמייכל געטאָן:

— קעלבל! כאַפּ דעם גאָפּל היי!

זי האָט געוואָלט אָננעמען דאָס בינטל היי, מיטאַמאָל אַ שלעכטן דריי געטאָן זיך אויף אַ זייט און אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן פון סטויג. דאָס טיכל איז איר אַראָפּגעפלויגן פון קאָפּ. די האָר האָבן זיך צע־שוואומען אין אַלע זייטן. אַ דערשראָקענע האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— גרשון!

דערזען דאָס ווייב אַראָפּגליטשן זיך פון דער הויך, האָט ער, אַ פלינ־

קער ווי אַן אַקראָבאַט, אויסגעשטרעקט זיינע הענט, אויפגעכאַפּט זי און אַ פּאָר רגעס געהוידעט זי, ווי אַ קינד, אויף די הענט:

— וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר, קעלבל, אַ? האָסט זיך טאַקע דערשראָקן? אוי, ביסטו אַ נאַרעלע, רק דו שרעקסט זיך! זאָג נאָר, האָסט מיך ליב? אויב דו זאָגסט ניט, וועל איך דיך אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד!..

אַ שטיפערישע און אַ זיכערע איז זי געלעגן אויף זיינע הענט און אַריינגעלאַכט אים אין פּנים:

— לאָז מיך אַראָפּ...

— כ׳וועל ניט אַראָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיר זאָגן, צי דו האָסט מיך ליב...

— פּאַניע „דאָקטער״, — האָט זי אָפּגעלאַכט פון אים, — זיי אַ גוּטער און לאָז מיך אַראָפּ! וועסט קריגן אַ — — — — — — ! וואָס? ווילסט באַווייזן, אַז דו ביסט נאָך אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל? ביסט דאָך שוין ניט קיין יינגעלע!.. אַלבעטשיו, אַז אויפן סטויג וועסטו מיך ניט קאָנען אַרויפטראָגן?!..

ער האָט זיך באַליידיקט. וואָס הייסט ער וועט ניט קאָנען? נישקשה! די אַמאָליקע גבורה איז נאָך ניט אויסגערונען פון אים!.. ער האָט ביילקען אַרויפגעוואָרפן צו זיך אויפן אַקסל, ווי אַ קצב וואָס טראָגט אַ קעלבל אין שלאַכט־הויז... מיט איין האַנט צוגעהאַלטן דאָס ווייב, זי זאָל ניט אַראָפּפאַלן, מיט דער אַנדערער — אָנגעכאַפּט דעם לייטער, וואָס איז געווען צוגעשפּאַרט צום סטויג און אָנגעהויבן דראַפּען זיך אויף אים.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַ פאַרסאָפּעטער געבליבן שטיין אויפן שפּיץ סטויג און אַראָפּגעוואָלגערט דאָס ווייב אויפן היי. זי איז אַ צעפרידענע געבליבן ליגן און אַ גליקלעכע געלאַכט. אירע אויגן האָבן שעלמיש געקוקט אויף אים, און אין דעם יונג האָט זיך אַ ביקישע ווילדקייט צעשפּילט. ער האָט אַראָפּגעניִדערט אויף די קני און אַרומגעכאַפּט זי:

— איצט וועסטו זיך ניט אַרויסדרייען פון מיר!..

זי האָט זיך ניט געווערט. מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָנגעשפּיצטע חושים — געוואָלט הערן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום איר, געוואָלט אויפכאַפּן דעם קלענסטן שאָרך אויפן סטעפּ און צום סוף אַ קוש געטאָן דעם מאַן:

— איך וויל האָבן נאָך אַ קינד...

דאָס ווינטל האָט אַרייַנגעפּלאָכטן אירע האָר אין זייַנע און זינגעוור־דיק געשפּילט זיך מיט די אייַנצלנע, ניט אייַנגעטאָפּטשעטע הייעלעך, און געשוויבערט זייערע קעפּלעך. די פערד זייַנען געשטאַנען לעבן סטויג, געקאָפּעט מיט די פיס, געהירזשעט און גערופן דעם בעל־הבית. די זון האָט פּאַמעלעך געשלעפּט זיך איבערן הימל, געבריט און געסמאַ־ליעט דעם ווילדן סטעפּ, וואָס איז ערטערווייַז שוין פאַרגעלט געוואָרן און צוגעזאָגט אַ גוטע גערעטעניש...

קאַפּיטל XXIV

די מעשה מיטן נייעם ברונעם האָט זיך אָנגעהויבן אומדערוואַרטעט. די היץ אויפן סטעפּ איז געווען ניט אַריבערצוטראָגן! עס האָט געברענט, ווי אין אַ שמעלץ־אויוון. די בהמות מיט די פערד זייַנען אָפט אַליין געקומען צו דער קאַרעטע טרינקען וואַסער.

נאָר דער ברונעם, וואָס איז די גאַנצע צייַט געווען פול און קוואַליק, האָט איצט אָנגעהויבן געבן אַלץ ווינציקער און ווינציקער וואַסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייַט, אַז ס׳איז שווער געווען אָנצושעפּן כאָטש אַ פערטל־עמער אויף אַמאָל, און דאָס אויך — מער בלאָטע איידער וואַסער.

גרשון האָט לאַנג געטראַכט, און דערטראַכט זיך צו דער סיבה: דער ברונעם איז פאַרבלאָטיקט.

—ביילקע! אין ברונעם האָט זיך אָנגעקליבן בלאָטע. מען מוז אים אויסרייניקן, וועט זיין וואַסער. אָבער צו דעם דאַרף מען האָבן צוויי מענטשן: איינער זאָל אַרײַן אין ברונעם און מיט אַ גראָב־אייַזן אַרײַנ־וואַרפן די בלאָטע אין אַן עמער, און דער אַנדערער מוז שטיין אין דער הויך — אַרויסציִען און אויסליידיקן דעם עמער. קלייב אויס איינע פון די ביידע אַרבעטן.

זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט: וועלכע אַרבעט איז בעסער פאַר איר? און אַביסל אַ פאַרשעמטע געענטפערט:

— ווייסט דאָך, אַז... נו? דערפאַר וועל איך דעם שטריק ניט קאָנען שלעפּן... צו שווער. אָנפילן דעם עמער איז אַ סך גרינגער...

ער האָט געוואוסט, אַז ביילקע איז אַ בריה און ווען עס קומט צו אַרבעט, וועט זי ניט אָפּשטיין פון דעם געזונטסטן מאַן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשראָקן: אַ פרוי אין אַ ברונעם, און נאָך... ווער ווייסט וואָס דאָרטן קאָן פּאַסירן?

— ביסט זיכער, אַז דו וועסט ניט מורא האָבן? אפשר זאָל איך פאָרן ברענגען וואָלערן ער זאָל מיר העלפן?

אַ פאַררויטלטע האָט זי אַ קאָסן קוק געטאָן אויף אים:

— איך ווייס, איך ווייס... אין די ערשטע חדשים מאַכט ניט אויס... ס'וועט מיר גאָרניט זיין... איך וועל אויסרייניקן דעם ברונעם און צוריק אַרויס פון דאָרט, ווי געווען... אַז מען האָט אייגענע הענט, דאַרף מען ביי פרעמדע קיין טובות ניט בעטן. „אַליין איז די נשמה ריין״!..

דער געזונטער מאַן האָט זיך דערפילט קליין און הילפלאָז ווי אַ קינד: לאָזן זי אין ברונעם האָט זיך אים ניט געוואָלט, און אַליין טאָן ביידע אַרבעטן איז דאָך אוממעגלעך, האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— נו, זאָל זיין אַזוי!.. טאָ גיין אַריין אין שטוב און טו אָן מיינע אָוועראָלס מיט די גומענע שטיוול.

ער האָט געבראַכט דעם לייטער פון שטאַל, אַריינגעשטעלט אים אין ברונעם, דעם אויבערשטן טייל לייטער צו אַ ווענטל צוגעשפּאַרט און אַראָפּגעגאַנגען צום דנאָ, זען ווי טיף די בלאָטע איז, צי איז דאָרטן, חלילה, קיין געפאַר ניטאָ, און דערנאָך צוריק אַרויס.

אָן איבערגעטאָגענע אין מענערשע קליידער און דערצו נאָך מיט אַ היטל אויפן קאָפּ — האָט זי אויסגעזען זייער קאָמיש. דער אונטער־שטער טייל קערפּער, ברייטער ווי לענגער, האָט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן ווייבערשן רייץ. די רונדקייט פון איר געבוי איז פאַרשוואונדן, און פאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ באַשעפעניש, וואָס איז אי יאָ מאַן, אי ניט מאַן! אַ פרוי און — דאָך ניט קיין פרוי...

גרשון האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער:

— כ־אַ! כ־אַ כ־אַ! — — — — — — וועז איך ווייס, אַז דו ביסט אַ מאַן און ניט קיין פרוי, וואָלט איך מיט דיר חתונה געהאָט? זע נאָר ס'אַרע צורה דו האָסט? כ־אַ כ־אַ!

זי האָט זיך איינגעבויגן, באַטראַכט די אייגענע פיגור, אָנגעכאַפּט אַ הויפן זאַמד און אַ שאָט געטאָן אויפן מאַן:

— ווילדער אָקס! פון אַן אייגענער ווייב לאַכט מען!? וואַרט, וואַרט, וועסט שוין ביי מיר קייען די ערד, וועסט זען!...

גרשון איז, דוכט זיך, געווען אַ פריילעכער. ליב געהאַט צו שפּאַסן, טרייבן קאַטאָוועס. אָבער ניט אַלעמאָל און ניט ביי יעדער אַרבעט לאַכט זיך. ווי נאָר ביילקע איז אַרויף אויפן לייטער און מיט יעדן שפּאַן

גענידערט אַלץ טיפער און טיפער, איז זיין געלעכטער אָפּגעשטאָרבן...
אויף זיין פּנים האָט זיך אַן ערנסטקייט אויסגעגאָסן, און ווען אַ פרעמדער מענטש וואָלט אים איצט געזען, וואָלט ער זיכער געזאָגט, אַז אָט דער פויער האָט נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געלאַכט:

—ביילקע, פּאַמעלעך ווי דו גייסט אַראָפּ! האַלט זיך אָן אינם לייטער, זיי פאָרזיכטיק ווי דו שטעלסט אַ פוס!..

— משוגענער! — האָט זי אים צוריק געענטפערט, שוין שטייענדיק אויפן דנאָ, — וואָס שרעקסטו מיך?! נעם אַרויס דעם לייטער און דערלאַנג דעם עמער! קיין סך וואַסער איז דאָ ניטאָ!

געשיקט, אָבער פאָרזיכטיק, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם לייטער, אַוועקגעלייגט דערביי — זאָל זיין צום האַנט... אַראָפּגעלאָזט דעם ליידיקן עמער און אָנגעהויבן אַרויסציען איין עמער בלאָטע נאָכן אַנדערן. ס'איז דורך אַ שטיקל צייט און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ווייטאָן ציענדיק דעם שטריק. דערפאַר אָבער איז דער ברונעם אַזוי ריין געוואָרן, אַז די ברעטלעך פון דיל האָבן זיך אַרויסגעזען, און פון פאַרבאָרגענע ווינקעלעך האָט גענומען שטראָמען פריש וואַסער.

מיטאַמאָל האָט דערגרייכט צו ביילקעס אויערן אַ דעמפער גערויש. אַ ברעטל פון אַ ווענטל האָט אַ טרעשטשע געטאָן. אונטער אירע פיס האָט די ערד אַ קרעכץ געגעבן, אַ ברום געטאָן, ווי אַ וואולקאַן פאַרן אַרויסשיסן די לאַווע פון שוואַרצן פּיסק:

— גרשון! דעם לייטער!!

אַ דערשראָקענער האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם לייטער, אַריינגעשליידערט אים האַסטיק אין ברונעם און ביילקע, אַ בלאַס־געוואָרענע — האָט אָנגעהויבן דראַפּען זיך אויף אים, ווי אַ קאַץ: גיך־גיך, און ווען אירע הענט האָבן שוין געהאַט אָנגענומען דעם ברונעם־ראַנד, האָט זיך פון אונטן דערהערט אַ מוראדיקער קראַך. די ברעטלדיקע ווענטלעך האָבן זיך צעשפּענדלט און דער ברונעם איז ביז האַלב פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד.

מיט די לעצטע כוחות האָט גרשון אַרויסגעצויגן דאָס ווייב און צוגעדריקט זי צום האַרצן. הענט און פיס האָבן אים געציטערט.

— דאַנקען גאָט, קינד מיינס! דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעכאַפּט אין צייט! מער וועסטו ביי מיר אין ברונעם ניט קריכן!..
קום אין שטוב. ציטער ניט! שטאַרק זיך, ביילקע! וויין ניט!..

פון שרעק האָט זי ניט געקאָנט שטיין אויף די פיס און זיך געוואַקלט. דאָס לשון — ווי אָפּגענומען; די אויגן — פאַרמאַכטע. ער האָט זי

אַ נעם געטאָן אויף די הענט, אַריינגעטראָגן אין שטיבל, אַוועקגעלייגט אין בעט, אַראָפּגענומען אירע נאַסע קליידער און צוגעטראָגן אַביסעלע בראָנפן צו אירע ליפּן:

— ביילקע! עפן די אויגן און טרינק דאָס אויס!.. באַרואיק זיך! טרינק! דער בראָנפן וועט דיך דערוואַרעמען...

אַ פּאָר מינוט איז זי געלעגן ווי אַ טויטע. דערנאָך — געעפנט די אויגן, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעטרונקען דעם בראָנפן, מיט אַ פאַרקרימט פּנים אַ הוסט געטאָן, צעשפּרייט די הענט אויפן בעט און געבליבן ליגן מיט פאַרטרערטע אויגן. אַ צופרידענער, וואָס דאָס ווייב האָט געעפנט די אויגן, האָט ער איר איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און באַרואיקט:

— שלאָף זיך דורך אַביסל. ס'איז גאָרניט... האָסט זיך בלויז דערשראָקן אַביסל, שלאָף.

אויף די שפּיץ־פינגער איז ער אַרויס פון שלאָפצימער און אַ מידער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ בענקל. אָבער די זאָרג וועגן דעם איינגע־פאַלענעם ברונעם האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטיבל. אינדערלופטן זיינען איינצלנע פייגעלעך אַרומגעפלויגן און פאַרשוואונדן אין דער דורכזיכטיקער בלויקייט. גרשון איז אַוועק אויפן פעלד. דער ווייץ, די באַבערדלטע קוקורוזע־שטעקלעך און דאָס ביסל האָבער זיינען געשטאַנען בלייכע און שטייפע און זיך אַפילו קיין בויג ניט געטאָן.

נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעקערט. דער הויף — פּוסט; די שטאַל — אָפן; דער קודלאָטער הונט האָט זיך פויל באַוועגט. מיט אַן אַרויסגעהאַנגענעם צונג איז דער כלב צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע, געוואָלט אַ טרונק טאָן און, טרעפנדיק זי אַ ליידיקע און אַן אויסגע־טריקנטע, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם עק און נאָכגעגאַנגען גרשונס טריט.

דערוויל האָט זיך ביילקע אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַן איילנדיקע אַריין אין קיך צוגרייטן עסן פאַר די קינדער, וואָס האָבן געזאָלט אָנקומען פון סקול.

— ביילקע! וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען? — האָט דער אַרייַנ־קומענדיקער מאַן געפרעגט, — פאַרוואָס רוסטו זיך ניט אויס?

— ווי קאָן איך, אַז די קינדער וועלן באַלד קומען און עס איז ניטאָ וואָס צו געבן זיי צום עסן?

אַן אומעטיקער און אַ צעטראָגענער איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן קיך און, אָנשטאָט ענטפערן אויף איר פראַגע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן פענצטער און אַ קוק געגעבן אויף דער אויסגעליידיקטער קאַרעטע:

— וואָס וועט איצט זיין ? מען וועט דאַרפן טרייבן דעם סטאָק צום קריק אַנטרינקען און רופן וואַלערן. מ׳עט מוזן גראָבן אַ נייעם ברונעם. ס׳איז ניט גוט אָן וואַסער.

די היץ האָט זיך געשטאַרקט. די זון האָט געבראָטן מיט אַ העליש פייער. די בהמות און דאָס ביקל, שוין מיט קוים־אַרויסשטאַרצנדיקע הערנער אויפן שוואַרץ־געגרייזטן קעפל, זיינען צוגעקומען צום ברונעם, אַ לעק געטאָן די אויסגעטריקנטע קאַרעטע און אָפּגעדרייט די קעפּ. גע־וואַרט, אַז עמיצער זאָל אין קאַרעטע אָנגיסן וואַסער. דערנאָך אָנגעהויבן מוהוקען און אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פון ברונעם. אויך די פערד מיטן לאָשעקל זיינען אָנגעגאַנגען אַהער און אַ קוק טוענדיק אין קאַרעטע, האָבן זיי געדרייט מיט די קעפּ און געשמיסן מיט די וויידלען.

געזען, אַז עס האַלט שלעכט, די היץ לאָזט ניט אָפּ, און אויפן הימל איז קיין סימן פון אַ וואָלקנדל ניטאָ, האָט גרשון אָנגעזאָטלט קווינין, געזעצט זיך אויף איר און, אויס ניט־דערפּאַרנקייט — אַוועקגעטריבן די פערד מיט די בהמות צום קריק אָנפּאָיען, און דערנאָך ערשט איינגע־שפּאַנט דאָופּין מיט סילווערן, אויפן וואָגן אַ פּאַס אַרויפגעשטעלט און געבראַכט אַ פולע פּאַס וואַסער, אַז עס זאָל זיין גענוג אי פאַר די חיות, אי פאַר דער שטוב.

אין אָוונט איז ער אַוועקגעריטן צו וואַלערן, פרעגן צי וועט יענער אים העלפן גראָבן אַ ברונעם, און רייטנדיק געזען — פונם האָגל איז וואַלערס פעלד איינגאַנצן חרוב געוואָרן. קיין איין זאַנגעלע האָט ניט אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד, און גרשונען האָט דאָס האַרץ וויי געטאָן, וואָס דער גוטער און פריילעכער וואַלער וועט ניט האָבן מיט וואָס דורכ־צוקומען ביזן קומענדיקן יאָר, און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך: אַרויס־העלפן וואַלערן מיט וואָס נאָר ער וועט קאָנען...

אָנגעטאָן אין בלויע, צעריסענע אַרבעט־קליידער, מיט אַ לאַנגן שאַרפן גראָב־אייזן אויף די פּלייצעס, איז אויף מאָרגן אינדערפרי וואַלער געקומען און באַלד אַ פרעג געטאָן גרשונען:

— וואו רעכנט איר צו גראָבן ?

גרשון האָט באַטראַכט יעדן ווינקעלע אויפן הויף, געזוכט מיט די אויגן, „באַטאַפּט" דעם באָדן, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן אַ דימענט אין גראָז און, ניט קאָנענדיק געפינען אַ פּאַסיקן אָרט, האָט ער מיט די אַקסלען געהויבן:

— איך ווייס אַליין ניט וואו ! מען דאַרף טרעפן וואו עס פליסט

אַ וואַסער־אָדער. ווייל אַמאָל קאָן מען גראָבן און גאָרניט געפינען...
אפשר ווייסט איר בעסער פון מיר וואו צו גראָבן דעם ברונעם?

— נאַ דיר אַ פאַרמער אין קאָלאָמבוסעס מדינה! — האָט וואָלער אויף זיין שטייגער אַ לאַך געטאָן, — וואָס הייסט, אַ מענטש זאָל ניט וויסן, וואו עס פליסט אַ וואַסער־אָדער? דערויף זיינען דאָך פאַראַן געוויסע סימנים, וואָס ווייזן וואו עס געפינט זיך וואַסער! עס איז זייער גרינג צו דערקענען וואו יאָ צו גראָבן און וואו — ניט...

ער האָט אַוועקגעבראָדיעט איבערן הויף. די אויגן — געווענדט צו דער ערד, און עפּעס געזוכט. באַלד איז ער שטיין געבליבן לעבן אַ משפּחה האַרטע און קורצע גראָז־בלעטלעך און צוגערופן גרשונען:

— איר זעט די גראָבע גראָז־בלעטלעך? אַ נו: גיט זיי אַ נעם אָן מיט דער האַנט, וועט איר זען, אַז זיי זיינען האַרט ווי בעבלעך. אָט די בלעטלעך באַווייזן, אַז דאָ טיף אין דער ערד איז פאַראַן וואַסער...

די מענער האָבן לאַנג ניט געטראַכט און גענומען זיך צו דער אַרבעט. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער ברונעם איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטי־קער און אַ האַלב־אָנגעפילטער מיט וואַסער, האָט זיך גרשון אַזוי דער־פרייט, אַז ער האָט אָנגענומען וואָלערן אונטער אָרעם און אים ניט אָפּגעלאָזט:

— איר מוזט מיט מיר אַריין אין שטוב. ביילקע האָט אָפּגעקאָכט וועטשערע פאַר אייך אויך. קומט, מירן כאַפּן אַ טרונק בראָנפן און באַנעצן דעם ברונעם...

און וויפיל וואָלער האָט זיך ניט געווערט, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין אייגן ווייב וואַרט אויף אים מיט וועטשערע, און טאָמער וועט ער ניט קומען אַהיים אין צייט, וועט ער האָבן פון איר אויסגעברענטע יאָרן, האָט דאָס אים ווינציק וואָס געהאָלפן, און ער איז מיטגעגאַנגען מיט גרשונען אין שטיבל.

ביילקע האָט דעם טיש פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטוך, אַריינ־געגאָסן אין צוויי טעלער באָרשט, מיט סמעטענע, נאָכדעם דערלאַנגט געבראָטן פלייש, און גרשון האָט, ווי אַ בעל־הבית, אַוועקגעשטעלט אַ קוואַרט בראָנפן, אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן וואָלערן און אָנגעגאָסן צוויי כוסות:

— לחיים, מיסטער וואָלער! גאָט זאָל געבן, אַז דער ברונעם זאָל ניט איינפאַלן, חלילה, און זיין פול מיט וואַסער! לחיים, מיין ווייב!

אויך וואָלער האָט אויפגעהויבן זיין כוס, אָנגעשלאָגן אין גרשונס. איבערן שטיבל האָט זיך צעטראָגן אַ קורצער, גלעזערנער געקלאַנג און

איז מאָמענטאַל אָפּגעטויבט געוואָרן. וואָלער האָט ניט געקאָנט ווינ־טשעווען, ניט געהאַלטן פון די זאַכן, בלויז געענטפערט: „לחיים ווילהשנאָבל״, און אַרייַנגעקערט דעם כוס און פאַרקרימט דעם פּנים:

— ס׳אַראַ שטאַרקער בראָנפן! עס ברענט דאָך אין האַלדז!..

צום צווייטן גלעזל זייַנען זייערע פּנימער פאַררויטלט געוואָרן. אין די אויגן האָבן זיך צעגליט פונקען. די צונגען זייַנען לויז אַרומ־געשוואומען אין די מיילער. גרשון האָט ווידער אָנגעגאָסן די כוסות.

אין קאָפּ איז געוואָרן אַ מישעניש: וואַסער, פערד, ביילקע, ברונעם, וואָלער... נאָר דאָס מויל האָט ביי אים ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן:

— לחיים, וואָלער! לחיים, ביילקע, זאָלסט אויסטראָגן אַ געזונטן כלאָפּ! לחיים, לחיים!

ביילקע האָט זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען פון בענקל און, איבערלאָזנדיק די „שכורים״, איז זי אַוועק אין שלאָפצימער, אַרייַנגעלייגט זיך אין בעט און עס האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז אין בויך באַוועגט זיך שוין אַ לעבעדיק ווערן. אַ וואַרעם מוטערלעך געפיל זעצט אין אַלע גלידער, און די מוטער האָט שוין ליב באַקומען דאָס נאָך ניט געבוירן לעבן. זי האָט געוואָלט טרעפן: אַ מיידל צי אַ ייִנגל?

צוערשט האָט זי געוואָלט אַ מיידל. מיט נאָך אַ מיידל אין שטוב וועט די אַרבעט פאַלן איר אַביסל גרינגער. איינע איז אַלץ איינס ווינ־ציק... אַ בת־יחידה טויג ניט. רק מען דאַרף ציטערן איבער דעם... דערנאָך האָט זי געביטן איר מיינונג: אַ ייִנגל דאַרף מען אַזוי ניט היטן ווי אַ מיידל... און די מוטער האָט זיך פאַרגעשטעלט: דאָס ייִנגל וועט אויסוואַקסן מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און געזונטע פּלייצעס, ווי ביים טאַטן, ביי זייַנעם. שפּעטער, וועט ער אַרויסהעלפן גרשונען מיט דער אַרבעט אין פעלד. אַ מאַן איז דאָך ניט קיין פרוי!.. צום סוף האָט זי שלום געמאַכט צווישן ייִנגל־מיידל און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

די מענער אין קיך זייַנען שוין גאָרניט געשלאָפן! גרשון האָט, צום פינפטן מאָל, קוים באַוויזן אָנצופילן די כוסות און וואָלער האָט, האַלב פאַרגיסנדיק אויפן טיש, צוגעטראָגן זייַן כוס צום מויל:

— לחיים! ביסט ניט קיין פריינט, פרידמאַן, ניט קיין פריינט! מיך באַליידיקט. געזאָגט, אַז איך בין אַ קליינער. איך בין ניט קיין

קליינער! הערסט? איך בין אַזוי גרויס ווי דו, ווי איר! באַליידיקט מענטשן! לחיים...

— האָב ניט באַליידיקט, — האָט גרשון מיט פאַרלאָפענע אויגן אָפּגעשלאָגן יענעמס טענות, — ווי איך בין אַ ייד — ניט באַליידיקט! דו האָסט מיך באַליידיקט און גערופן „פלאָקן"... נו? זאָל זיין פלאָקן... לחיים! מיין ביילקע וועט האָבן אַ כלאָפּ! אוי וועלן מיר טרינקען! נאָר דעם שניידערס מויד, אַ ווינט איר אין די ריפּן, איז אויך אַללראַיט! אַוועקגעגאַנגען, די כאַליערע, און ניט געקומען — — — —

וואַלער האָט אַראָפּגעביטערט דעם בראָנפן צו זיך אין קעל, אויפגעשטאַנען, אַ וואַקל געטאָן זיך אויף די פיס, אַ פאַל געגעבן אויף טאָמס בעטל און באַלד אָנגעהויבן שנאָרכן.

אַ ווײַלע איז נאָך גרשון געזעסן ביים טיש און גערעדט צו זיך אַליין, געווינטשעוועט וואַלערן איין לחיים נאָכן אַנדערן, און, קוים־קוים באַמערקנדיק, אַז עמיצער ליגט אין דעם דערבייאיקן בעטל, האָט ער זיך צוגעוואַקלט אַהין, אַרויפגעפאַלן אויף אַ שטיקל מאַטראַץ. מיט איין האַנט האָט ער אַרומגענומען דעם שלאָפנדיקן און, מורמלענדיק „איך האָב דיך געפּאַקט, א?", איז ער אַנטדרעמלט געוואָרן.

שפּעטער, ווען די קינדער זיינען געקומען פון סקול און דערזען ווי זייער טאַטע ליגט אַרומגענומען מיט וואַלערן, האָבן זיי זיך, אין אָנהויב, דערשראָקן, און דערנאָך אויפגעהויבן אַזאַ הילכיקן געלעכטער אַז ביילקע איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט און אַרויסגעטריבן די קינדער פון שטיבל.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט וואַלער, אַראָפּגעשאַרט גרשונס האַנט פון זיך און, אַ פאַרשעמטער, וואָס ער איז געלעגן אין אַזאַ „ליבעס־פּאָזע", אַרויסגעשאַרט זיך פון שטיבל. דער נאָכטעם פונם בראָנפן האָט אים געאיבלט. ער האָט דאָס מויל געעפנט, אַריינגעאָטעמט פרישע לופט און, גייענדיק אַהיים, געטראַכט: פע! ווי נעמט דאָס אַ מענטש, וואָס איז ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, און שיכורט זיך אָן? ווי וועט ער נאָכאַמאָל קאָנען ווייזן דעם פּנים פאַר די פרידמאַנס? ער וועט שוין אַ לאַנגע צייט ניט אַריינשמעקן אַהין! ס'אַ שאַנדע!..

אויך גרשון האָט באַוויזן אויפצושטיין אומבאַמערקט פון ביילקען מיט די קינדער. נאָר גלאָט איז דאָס אים ניט אָפּגעגאַנגען סיי־ווי־סיי. אויף מאָרגן, ווען די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן אין סקול, און מאַן און ווייב זיינען אַריין אין שטאַל, האָט ביילקע אַ קרומען קוק געטאָן אויפן מאַן:

— זאָג נאַר, תכשיט מיינער, פאַרוואָס האָסטו דערציילט וואָלערן, אַז איך טראָג ? די גאַנצע וועלט דאַרף דאָס וויסן ? מיט דיר קומט אויס : „וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, איז ביי אַ שכורן אויפן צונג !"... שעמען מעגסטו זיך אין דיין וויטן, טרפהנעם האָלדז אַריין ! אָנגעשכורט זיך, ווי אַ גוי, און אַריינגעוואָרפן זיך שלאָפן אין איין בעט מיט וואָלערן ! טפו זאָלסטו ווערן מיט אים צוזאַמען !..

ווי אַלעמאָל, נאָך אַזאַ שמחה איז אים אומעטיק געווען אויפן האַרצן. אין קאָפּ איז אַ טשאַד געשטאַנען. גרשון האָט אַ פינצטערן בליק געטאָן אויף איר בייזן פּנים, אויפן בויך, וואָס האָט זיך אַביסל פאַר־ריסן פון אונטער דער אויפגעהויבענער ספּאָדניצע :

— וואָס האָסטו געעפּנט אויף מיר אַזאַ מענה־לשון ! ערשטנס, האָב איך מיט וואָלערן גאָרניט גערעדט וועגן דיר ! און צווייטנס : ווען איך וואָלט יאָ עמיצן דערציילט דערפון איז וואָס ? אַ נייער פאַרברעכן גאָר !...

אייגן ברויט



קאַפּיטל XXV

אַוודאי האָט גרשונען פאַרדראָסן אויף זיך אַליין הלמאי ער האָט זיך אַנגעשכורט און מסתמא געפלאַפּלט, וואָס מען דאַרף ניט. און איצט? ניט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן דעם ווייב, איז ער אַ שווייגנדיקער אַוועק צום ברונעם און אַוועקגעשטעלט זיך צוזאַמענשלאָגן אַ פּירקאַנטיקן קאַסטן אַרום אים, וואָס זאָל אויך האָבן אַ דעכל און אַ טירל אויף זאַוויאַסעס, אַז עס זאָל גרינג זיין צו עפענען און פאַרמאַכן.

דורכן טאָג, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיטן בויען דעם קאַסטן און מיטן אַריבערברענגען אַהער די אַלטע קאַרעטע און מיט איינפּונדעווען זי אַרום ברונעם, האָט ער ווינציק וואָס גערעדט מיטן ווייב, כאָטש ריידן מיט איר האָט זיך אים יאָ געוואָלט. אָבער זי האָט געפירט אַ פאַר־עקשנטן ברוגז. נאָר ווען דער ברונעם איז שוין געשטאַנען אַ פאַר־פּוצטער, מיט אַ הויכן קאַסטן איבער זיך און מיט עטלעכע פלאַטשיקע שטיינער אַרום אים, האָט גרשון מער זיך ניט געקאָנט גובר־זיין און געפרעגט:

— ווי געפעלט ער דיר? וואָס זאָגסטו עפּעס אויפן חתן־בחור?!

זי האָט געקוקט אויפן ברונעם, אַ ווײַלע געקווענקלט זיך: ענט־פערן, צי ניט? און ביידזלעך צוגעגעבן:

— איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז דו האָסט גאָלדענע הענט און אַ לאַנגן צונג!..

ער האָט שוין מער ניט געקאָנט פאַרליידן אירע שטעך־ווערטלעך און איז אָפּגעטראָטן פון ברונעם:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז כ׳האָב גאָרניט גערעדט וועגן דיר! און טאָמער יאָ, איז דאָך פאַר־פאַלן. בכלל פאַרשטיי איך ניט: וואָס איז דאָ די שאַנדע?.. ס׳איז דאָך ניט פון אַ קאָזאַק!..

קיין נאַרישע איז ביילקע ניט געווען, געוואוסט ווי צו האַלטן די לייצעס פונם פאַרהייראַטן לעבן, און באַלד איינגעזען: צופיל אָנציען די סטרונע טויג ניט. זי וועט פּלאַצן... און, אַ מילד־געוואָרענע, אַריין

אין שטיבל גרייטן עסן פאַר אים מיט די קינדער, וואָס זיינען שפּעטער אַ ווײַלע געקומען פון שולע הונגעריקע און געמאָנט אָוונט־ברויט.

ביים דערלאַנגען דאָס עסן צום טיש, האָט זי אויסגענוצט די גע־לעגנהייט אָפּצוואווישן דעם פריערדיקן ברוגז און געפּרעגט דעם מאַן:

— ווען רעכנסטו פאָרן אין שטאָט? די קאַנען מילך זיינען שוין פולע. די אייער וועלן קאַליע ווערן, און אין שטוב איז ניטאָ קיין ברויט. אויך דאַרף מען איינקויפן פלייש, קעראָסין, זאַלץ און צוקער.

אייבעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און אויף זיין פּנימל האָט זיך אויסגעגאָסן אַ באַגייסטערונג:

— פּאַ! וועסט מיך מיטנעמען? כ׳וויל פאָרן מיט דיר. איך בין נאָך דאָרטן קיינמאָל ניט געווען.

דער טאַטע האָט אַ ביס געטאָן אַ שטיקל ברויט, אַראָפּגעשלונגען אַ לעפל זופּ און קאַלטבלוטיק צעשלאָגן דעם ייִנגלס באַגייסטערונג:

— וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן. דאַרפסט גיין אין סקול. ווען דו וועסט האָבן וואקיישאָן, וועלן מיר דעמאָלט זען. דערווייל, עס און שווייג!

דאָס ייִנגל האָט אָבער ניט געוואָלט שווייגן. די „שטאָט" האָט שוין לאַנג גערייצט זיין פאַנטאַזיע. ער האָט געוואָלט זען זי און גע־בעטן זיך ביים טאַטן:

— פּאַ! טאַקע דערפאַר וויל איך פאָרן. מיר האָבן וואקיישאָן. היינט איז געווען דער לעצטער טאָג סקול! האָסט דאָך ערשט געזאָגט: „ווען די סקול וועט זיך ענדיקן, וועסטו מיך מיטנעמען".

— איך האָב דאָס ניט געזאָגט! — איז גרשון אַריינגעפאָרן מיטן לעפל אין טעלער, און ס׳איז אים פאַרגעקומען זייער מאָדנע, וואָס סיי דאָס ווייב און סיי דאָס ייִנגל ווילן אים „איינריידן" זאַכן, וואָס ער האָט ניט געזאָגט. — איך האָב בלויז געזאָגט, אַז „דעמאָלט וועלן מיר זען", און צעדריי מיר ניט די ווערטער, ווי די מאַמע דיינע!...

ווי אַזוי ער זאָל דאָס ניט האָבן אַרויסגעבראַכט פון מויל — האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגטע שוין ניט געקאָנט צוריקכאַפּן, און אַוועקגעלייגט דעם לעפל אויפן ברעג טעלער:

— שוין נאָך סקול? איך האָב דאָס גאָרניט געוואוסט! די צייט לויפט — אַ שרעק! מען דאַרף זיך שוין גרייטן צום שניט און קיין סערפּן זיינען ניטאָ! נו, גוט, אייבעלע, מאָרגן אינדערפרי וועסטו מיטפאָרן.

מיטאַמאָל האָט זיך מערעלע צעכליפּעט און מער ניט געוואָלט עסן:

— איך וויל אויך פאָרן!..

ביילקע איז אויפגעבראַכט געוואָרן און צוגעלאָפן צום טיש:

— וועסט אויפהערן וויינען, צי ניט! אַט וועל איך שוין נעמען די בייטש און צעקאַטעווען דיר די ביינער, וועסטו פאַרשפּאָרן צו פאָרן! האָסט געזען? אַ מויד זאָל דיר האַלטן אין איין וויינען?! שטיל זאָל זיין!

פון דער מאַמעס שרייען האָט זיך דאָס קינד צעוויינט נאָך שטאַרקער, געטופּעט מיט די פיסלעך און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי זי זאָל אַריינכאַפּן אמתע פּעטש, נאָר גרשון האָט זי גענומען אויף די הענט, געצערטלט די פולע בעקעלעך און איינגעשטילט זי מיט גוטע רייד:

— שאַ! נו, שאַ! וויין ניט, מיין קינד. וועסט מיטפאָרן...

אינדערפרי האָט ער איינגעשפּאַנט די פערד, אַרויפגעשטעלט אויפן וואָגן די קאַנען מילך, דאָס קעסטל אייער, שטילערהייט אויפגעוועקט דאָס ייִנגל, אַז ער זאָל זיך אָנטאָן, אָפּעסן פרישטיק, און ניט אויפוועקנדיק מערעלען, וואָס איז נאָך געלעגן מיט צעשפּרייטע הענטלעך און שיינענדיקן פּנימל, זיינען זיי אַוועקגעפאָרן אין שטעטל.

אויף מעין סטריט האָט ער אַריינגעקערעוועט די פערד צו דער רעכטער זייט, צוגעפאָרן צום איינציקן מילך־צושטעלונגס־פּונקט, אַראָפּגענומען זיין סחורה פון וואָגן, אַריינגעטראָגן אינעווייניק און, איבערלאָזנדיק די פערד, אַריין צו זיין לאַנדסמאַן אין געשעפט:

— העלאו, מיסטער פינקלשטיין! וואָס מאַכט איר עפּעס?

פינקלשטיין האָט געהאַלטן אַן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר אין דער לינקער האַנט און די רעכטע אויסגעשטרעקט צום גאַסט:

— העלאו, פרידמאַן! טאַקע אַ גאַסט, כּ־לעבן! וואָס הערט זיך ביי אייך אויפן פאַרם? פאַרוואָס קומט איר ניט אָפטער אַ ביסל?.. אַלץ געוואָלט אַראָפּכאַפּן זיך צו אייך, זען ווי אַ „גאַש־בראַט" קאָן זיין אַ פאַרמער, און ניט געהאַט ווען. זיצט, זיצט. ווער איז דאָס ייִנגל? אַוודאי אייערער, אַ?

— יאָ! — האָט זיך גרשון אַוועקגעזעצט קעגן פינקלשטיינען און איבערגעגעבן אים אין קורצן פון אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטאָן דורך דער צייט:

— איר הערט, מיסטער פינקלשטיין? אין אָנהויב האָב איך טאַקע געהאַט געברענטע צרות פון די רענטשערס. זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרליידן, וואָס עס איז צוגעקומען נאָך אַ האָומסטעדער און בפרט — אַ ייִד. איצט זיינען זיי געוואָרן פריינטלעך און שלאָגן מיר אָפּ די שוועל.

און כאָטש די אַרבעט איז אַ שווערע, איז אָבער אַרום און אַרום פאַרט דאָ אַ סך בעסער איידער אין ניו־יאָרק... איר זעט מיין זון? דאָרטן איז ער געווען געל ווי וואַקס, דאָר ווי אַ שפּאָן, און דאָ? דאַנקען גאָט!..

דער לאַנדסמאַן האָט זיך געשפּילט מיטן גאָלדן קייטעלע ביי זיך אויפן וועסטל, אויפמערקזאַם אויסגעהערט גרשונס דערציילן און אָנגעקוואָלן פון אים:

— פאַר דער קורצער צייט האָט איר אויפגעטאָן זייער אַ סך! איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איר זייט ניט פון די פאַרשלאָפענע יונגעלייט. נאָך מער איז מיר געפעלן, וואָס די רענטשערס זיינען געוואָרן „גוטע ברידער" מיט אייך. איך מוז זיך מודה־זיין פאַר אייך, אַז אויף מיר זיינען זיי מלא רציחה! נאָר מיך אַרט דאָס, ווי די וואַנט! נו? אין אַ פאָר יאָר אַרום וועט אייער באָיטשיק אויסוואַקסן און זיין אַ גוטע „האַנט". וואָס מאַכט עפּעס אייער פרוי?

גרשון האָט זיך געחידושט, וואָס ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט אים דער לאַנדסמאַן „געדוצט" און איצט „אירצט" ער אים... אפשר איז דאָס צוליבן געלט, וואָס ער איז יענעם שולדיק. אַ בעל־חוב דאַרף מען האַלטן אַביסעלע פונדערווייטן — איז דעם פאַרמער אַ געדאַנק אַנגעלאָפן.

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן. מיין פרוי איז אויך אַ דאָרפישע און העלפט אַרויס אין דער אַרבעט... איין זאַך קאָן איך ניט פאַרליידן — דאָס איז דער חוב, וואָס איך בין אייך שולדיק. אירט אָבער מוזן צוּוואַרטן ביז נאָכן שניט...

פינקלשטיינען איז געפעלן, וואָס גרשון האָט דעם חוב ניט פאַרגעסן און, ווי אַ רייכער און „גוטהאַרציקער", האָט ער זיך איצט געוואָלט אַרויסשטעלן און אויספּיינען זיך פאַרן לאַנדסמאַן אין די אויגן:

— וואָס פאַלט אייך גאָר איין צו ריידן וועגן געלט?.. הלוואי וואָלט דאָס געווען דער גרעסטער און איינציקער חוב!.. פאַראַן פאַרמערס, וואָס זיינען מיר שולדיק טויזנטער און איך מאַך דערפון קיין ווענז ניט!.. יאָ, פאַרגעסן צו דערציילן אייך — ליוויי האָט פאַרקויפט זיין פאַרם און איז אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ, און עפּלבוים מיט דער טאָכטער האָבן זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

פון פינקלשטיינס רייד האָט גרשון אַרויסגעלייענט, אַז דער חוב אַרט שוין אים גראָד יאָ, און דאָס דערציילן וועגן ליוויין און עפּלבוימען איז ניט מער ווי אַ מיטל צו „פאַררייידן די ציין"... האָט ער דאָ מער ניט געוואָלט פטרן קיין צייט און, איינהאַנדלענדיק אַ פאָר סערפּן מיט

רויטע הענטלעך און די אַנדערע זאַכן, וואָסביילקע האָט אָנגעזאָגט צו ברענגען, איז ער מיט אייבעלען אַרויס פון געשעפט.

צוריק איז ער געפאָרן אַמעלעך, ווי זיין שטייגער איז געווען: ניט צו טרייבן די פערד, און צום וויפילטן מאָל שוין — באַטראַכט די פעלדער פון ביידע זייטן וועג און געטראַכט, אַז די פריירי האָט ליב דעם אַרבעטנדיקן מענטשן, האָט ליב זיין מי. אַז דורך די באַפרוכפערטע פעלדער ווייזט זיך נאָך גרעסער אַרויס די ליבע, און אַז זיין ביילקע איז שוין איצט אין די הויכע מאָנאַטן... אַז דער ליוווי איז גאָר איבּגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן פון זיין האָומסטעד. דער האָגל האָט אים ניט אויסגעמיטן — — און אַט דער עפּלבוים האָט אויך געמוזט אַוועק קיין ניו־יאָרק; צוליב זיין טאָכטער האָט ער דאָס געטאָן... דאָרט זי חתונה מאַכן פאַר אַ יידישן מאַן...

אויף האַלבן וועג איז פרענק אָנגעפאָרן און אָפּגעשטעלט זיין בריטשקע, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון די „גוטע צייטן״. דער רענטשער האָט אַריינגעשטעלט די לאַנגע בייטש אינם רימענעם האַלטער און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די וואָנצעס:

— העלאָו, פרידמאַן! וואָס הערט זיך ביי דיר? שוין אַראָפּגענומען דעם קראָפּ? ביסט אַ מזלדיקער מענטש: דיין פעלד האָט דער האָגל כמעט ניט אָנגערירט...

ווי אַ שולדיקער, וואָס ער וועט יאָ האָבן אַ גערעטעניש און די אַנדערע האָומסטעדערס וועלן אַפילו קיין קערנדל ניט האָבן, האָט גרשון אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף די געטראָפענע האָומסטעדערס. זיי האָבן דאָך אַזויפיל געלט און מי אַריינגעלייגט אין דער ערד! נאָר וואָס קאָן מען זיך העלפן? דאָס איז דער גורל פון פאַרמער. איין יאָר געלינגט עס און צען — ניט... איך מיט מיין פרוי וועלן מאָרגן אָנהויבן שניידן. דאָס בין איך איצט אין שטאָט געווען און איינגעקויפט צווייַ סערפּן.

דערהערט, אַז גרשון האָט סערפּן געקויפט צום שניידן — האָט אים פרענק אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם, און אַ שפּיי געגעבן אָן אַ זייט:

— וויפיל אַקער האָסטו פאַרזייט?

גרשון האָט די פראַגע ניט פאַרשטאַנען, און געענטפערט:

— אַ פינף אַקער — ווייץ, פיר — קאָרן, אַ דריי אַקער — האָבער און אַ ביסל אַלפאַלפאַ און קלאָווער. פאַראַן אַביסל קוקורוזע אויך. מער האָב איך ניט געקאָנט. ס׳איז דאָך ביי מיר דאָס ערשטע מאָל, ווי דו

ווייסט שוין... דער ווייץ איז גאַנץ געראָטן, דער קאָרן — אויך, אָבער דער האָבער איז ניט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ!

דער רענטשער האָט זיך צוגעהערט צו די ציפּערן און, שמייכלענדיק, אַ קוק געטאָן אויפן יידישן האָומסטעדער:

— הייסט עס אָרום און אָרום אַ וואָסערע פערצן אַקער. דאָס איז פאַרדאַמט ווינציק! וועסט גאָרניט האָבן דערפון. אָבער, ווי גייט עס אַ האָומסטעדער שניידן מיט סערפּן? דאָס איז דאָך ניט יוראָפּ! ס׳וועט נעמען אַ שטיק צייט! אַ רעגן קאָן נאָך אַראָפּגיין, וועסטו זיין „קאַפּוט!"... ביי מיר שטייט אַן אַלטע ביינדע, נאָך גאָר אַ גוטע. ברענג דיינע פערד און נעם זי.

— וואָס הייסט „נעם זי?" אַ מאַשין קאָסט דאָך אַ סך געלט. זי קאָן נאָך קאַליע ווערן! און פאַרוואָס קומט דאָס מיר? איך ווייס, אַז מיט אַ מאַשין וועט דויערן אַ סך ווינציקער. איז אויב דו ווילסט — ליי זי מיר אויס, און איך וועל דיר באַצאָלן פאַרן נוצן.

פּרענקס פּנים האָט זיך אַנגעכמורעט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די בייטש פון האַלטער און אַנגעשריען אויף גרשונען:

— ביסט אַ פול! ווייל, אַז איך וויל, קאָן איך זאָגן: „האָסט געראַטעוועט מיין לעבן". ווען ניט דו — וואָלט איך שוין לאַנג ניט געווען אויף דער וועלט... אָבער ניט דערפאַר טו איך דאָס. איך האָב זיך אָפּגעלערנט פון דיר, אַז „אַ שכן דאַרף מען העלפן"... איז קום איבערדערפרי און נעם די ביינדע!

גרשון האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, באַדאַנקען, געבן צו פאַרשטיין, אַז אייגנטלעך האָט ער אים גאָרניט געלערנט און ניט באַוויזן קיינע מוסטערן ווי צו ווערן אַ בעסערער מענטש. נאָר פּרענקס פלינקע פערד האָבן זיך שוין געטראָגן איבערן וועג, און די רעדער האָבן אַ שטויב צעשטויבט. די בריטשקע האָט זיך געוויגט אויף די רעסאָרן און פון מינוט צו מינוט קלענער געוואָרן, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון די אויגן.

— פאַ, — האָט דאָס יינגל אַ צופּ געטאָן דעם טאַטן ביים אָרבל, — וואָס וויל געבן מר. פּרענק?

דער טאַטע האָט זיך צוגערוקט צום זון, אים געוואָלט דערציילן, אַז דער זעלביקער מיסטער פּרענק איז אַמאָל געווען אַ שלעכטער און ניט ליב געהאַט קיין האָומסטעדער און, אַז איצט איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש... אָבער גרשון האָט זיך געכאַפּט: פאַר אַ קינד דאַרף

מען אַזעלכע זאַכן ניט דערציילן און אַנשטאָט דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אים:

— אַט, גאַרנישט! אַ מאַשין אַזאַ, וואָס שניידט און בינדט.

— פאָ, וועסט מיך מיטנעמען אויפן מאַשין? איך וועל ניט מורא האָבן! וועסט זען...

פונם קינדס פאַרזיכערן אים, אַז ער וועט ניט „מורא האָבן" — האָט זיך גרשון צעלאַכט און דריק געטאָן דאָס ייִנגל צו זיך. ער האָט אַ קנאַק געגעבן מיט דער בייטש, און די פערד האָבן אָנגעהויבן שטעלן פיס.

— אויב דו וועסט צוזאָגן פאָלגן דער מאַמען — וועל איך דיך מיטנעמען.

— איך וועל זיין אַ גוד־באָי, וועסט זען!..

מיט אַ טראַסקעריי איז דער וואָגן אַריינגעפאָרן אין הויף. דער קודלאַטער הונט האָט זיך פריידיק צעבילט, אָנגעלאָפן אַנטקעגן די פערד, באַלד אָוועקגעלייגט זיך אָן אַ זייט מיט איין אויג — געקוקט אויף גרשונען, אויף אייבעלען, און, ווען דאָס ייִנגל איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט ער אַרויפגעלייגט די מאָרדע אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, געלעגן ווי אַ נעבעכל און ראַפּטום אויפגעשפּרונגען, אַ הויב געטאָן זיך צום ייִנגל אויפן ברוסט און געוואָלט אַ קוש טאָן אים אין פּנים:

— גיי אַוועק, קורלי! גיי אַוועק!

ביילקע האָט געשעפּט וואַסער פון ברונעם, אָנגעפילט די קאָרעטע און צוגעטריבן אָנפּאָיען די בהמות.

— וואָס האָסטו זיך געזאַמט אַזוי לאַנג? האָסט כאָטש געבראַכט וואָס איך האָב דיר געהייסן?

דער מאַן האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און מיט צעצויגענע ווערטער געענטפערט:

— איך האָב געבראַכט עפּעס אַזוינס, פון וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געחלומט!..

אינמיטן דרינען איז דאָס ייִנגל אויסגעוואַקסן צווישן טאַטע־מאַמע און אַ צעשטראַלטער פון גליק, וואָס מאָרגן וועט ער פאָרן מיטן טאַטן אויף דער מאַשין, האָט ער איבערגעשלאָגן גרשונס רייד:

— מאַ! דער פאַ האָט אַ מאַשין! מיסטער פרענק האָט אים געגעבן! מאָרגן וועל איך פאָרן אויף איר!..

די מאַמע האָט צעגלאָצט די אויגן אויפן קינד און געוואָרפן פרעגנ־דיקע בליקן צום מאַן:

— וואָס פאַר אַ מאַשין ? וועלכע מאַשין ? וועגן וואָס רעדט ער דאָס ? זאָג שוין ! צי מיר ניט די עצמות !

אַ געלאַסענער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאָרנישט מיט אַ נישט — האָט גרשון אַרויסגעטריבן די פערד אויף פּאַשע, אַריינגעטראָגן די כאָמוטן אין שטאַל, און אַז דאָס ווייב איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ נייגעריקע און געוואָלט דערגיין וועגן דער מאַשין, איז ער צוגעגאַנגען צו איר :

— אַז דו וועסט געבן אַ גוטן וואַרמעס, וועל איך אויסזאָגן...

— ביסט אַ גזלן ! — האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבל פון בלוזקע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעוויקלט פונעם צוזאַמענגעדרייטן בייגל, — דו האָסט קיין האַרץ ניט ! וואָס רייצסטו זיך מיט מיר ?

אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג צום יינגל, אַז יענער זאָל שווייגן, און איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע :

— וועסטו געבן אַ גוטן וואַרמעס און זאָגן, וואָס דו האָסט אָפּגעקאָכט, וועל איך דערציילן, און טאָמער ניט, וועסטו ביי מיר גאָרניט דערגיין !..

— שעמען מעגסטו זיך ! איך באַהאַלט עפּעס פון דיר ? ביסט דאָך ערגער פון אַ קינד ! איך האָב אָפּגעקאָכט אַ געדעמפּטס : פלייש מיט פּאַטייטאָס. איצט ביסטו צופרידן, פרעסער !

— זעסטו ? — האָט ער געשמייכלט דערפון, וואָס ער האָט גובר־געווען דאָס ווייב, — צוליב קאַרטאָפל מיט פלייש לוינט זיך אויסזאָגן דעם „סוד“... פרענק האָט אונדז געליען זייןביינדע. איך האָב אומזיסט געקויפט סערפּן. פאַרשטייסט, וואָס דאָס מיינט ? שניידן מיטן האַנט וואָלט גענומען אַ צוויי וואָכן, צי מער, און מיטן ביינדע קאָן מען אַראָפּנעמען די תבואה אין אַ טאָג מיט אַ האַלב און אפשר צוויי טעג !

— ביסטו זיכער, אַז ער וועט אויסבאָרגן די ביינדע ? די גוים איז ניט צום פאַרשטיין ! איין טאָג זיינען זיי שלעכט — אַ מורא צו שטיין לעבן זיי ! און דעם אַנדערן — ווערן זיי גוט, כאָטש לייג זיי צו אַ פלאַסטער ! מאָדנע מענטשן !..

מאַן און ווייב זיינען אַריין אין שטיבל. ער האָט אָפּגעפרישט דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער און אָװעקגעזעצט זיך ביים טיש :

— וואָס איז דאָ ניט צום פאַרשטיין ? אין יעדן מענטשן איז דאָ אי אַ יום־טובדיקער מענטש און אי אַ וואָכעדיקער, אַ גוטער און אַ

שלעכטער. עס ווענדט זיך אינם שכן אַרויסצורופן פון אים דעם גוטן, צי דעם שלעכטן, די וואַכעדיקייט, צי דעם יום־טוב...

זי האָט אַרויסגענומען דעם טאָפּ פון אויוון, אויף אַ פלאַטשיקן טעלער אַרויפגעלייגט דאָס פלייש, די קאַרטאָפל — אויף אַן אַנדער טעלער, און אַ מאַך־געגעבן מיט דער האַנט אין דער לופטן:

— הער שוין אויף מיט דיינע פאַרדרייטע ריידעלעך! אַ מענטש זאָל דיר קיינמאָל ניט ריידן צו דער זאַך! אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך ניט ביי אים! און רק דאָס באַלבעט! גיי און רוף אַריין די קינדער.

ער איז אויפגעשטאַנען, געלאָזט זיך גיין צום טיר און מיט פּלוצים־דיקער ענדערונג אין קול געזאָגט:

— ווייסט? מיר האָבן שוין מער ניט ווי איין יידישן שכן. ליוויי האָט פאַרקויפט די פאַרם און אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ. אויך דער שניידער איז שוין אין ניו־יאָרק.

פאַרטאָג האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט רייטנדיק אויף סילווערן; דאָופין האָט ער אָנגענומען ביי דער לייצע און אַוועקגעפירט צו פרענקן. שפּעטער האָט ער פון דאָרטן געבראַכט די ביינדע. אין אַ ווײַלע אַרום צוגעשפּאַנט קווינין אין אַן אַרטשיק, און מיט די דריי פערד אין דער ברייט אַוועקגעפירט די מאַשין צו זיך אויפן פעלד, געוואָלט אָנהויבן שניידן און ניט געוואוסט ווי מען הויבט דאָס אָן צו טאָן.

נאָר אָט האָט ער דערהערט דאָס קייקלען זיך פון רעדער, וואָס איז געקומען אַלץ נעענטער און, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ, האָט גרשון געזען: צוזאַמען מיט אַ געדיכטן שטויב האָט זיך געריידלט וואַלערס וואָגן און אָפּגעשטעלט זיך לעבן דער ביינדע.

— גוט־מאָרגן, פרידמאַן!

— אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט יאָר אויף אייך, מיסטער וואַלער. וואוהין פאָרט איר דאָס אַזוי פרי? די קינדער אין סקול דאַרפט איר דאָך שוין ניט פירן. איז וואוהין?

וואַלער איז אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן און פאַרשטייפט אַ פאַסטראָמ־קע, וואָס איז לויז געוואָרן אויף איינעם פון זיינע פערד:

— איך פאָר צו פינקלשטיינען עפּעס איינקויפן, און פון ווייטן נאָך געזען, אַז איר ווייסט ניט ווי אָנהויבן צו אַרבעטן מיט דער ביינדע, בין איך צוגעפאָרן. איר האָט זיך געשטעלט אינדערמיטן. דאָס טויג ניט! מען דאַרף אָנהויבן פון אַ ברעג בייט און גיין אַרום און אַרום. אָט, לאָזט מיך אַרויף אויף דער קאָזלע, וועל איך אייך ווייזן.

ער האָט ניט געוואַרט אויף גרשונס צושטימונג און איז אַרויף

אויף דערביינדע, איבערגענומען די לייצעס, אויסגעקערעוועט די פערד, צוגעפאָרן צו אַ ברעג בייט און אַ צי־געגעבן די לאַנגע, הילצערנע הענטל, און די מאַשין האָט זיך צעטראַסקעט:

— איצט זעט איר ווי מען דאַרף דאָס טאָן? ס'איז ניט יוראָפּ! דאָ שניידט מען ניט מיט סערפּן... דאָ איז אַלץ מיט מאַשינען: „האַרי־אַפּ!" מען דאַרף וויסן ווי אַרומצוגיין אַרום אַ ביינדע... די סנאָפּעס מוזן אַרויספאַלן אין אַ גלייכער ליניע, אַז עס זאָל זיין גרינג זיי צוזאַמענ־נעמען. איר פאַרשטייט? ס'איז אַמעריקע גנבֿ! אַלץ איז אויסגערעכנט צו דער מינוט, צו דער רגע!

גרשון האָט גיך איבערגענומען די „תורה", ווי צו אָפּערירן מיט אַ ביינדע, און ווען וואָלער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער מאַשין, איז אַרויף צו זיך אויפן וואָגן און אַוועקגעפאָרן, האָט גרשון גענומען די לייצעס, אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און שוין, ווי אַ „געניטער פאַרמער", אָנגעהויבן שניידן די תבֿואה.

די פערד האָבן שווער געשלעפּט די מאַשין, געצויגן זי אַרום און אַרום דעם שטח ווייץ. דאָס זעלבע אויך אַרום דעם קאָרן. די ביינדע האָט געטאַראַראַמעוועט, דער הויכער קאַסטן האָט זיך געטרייסלט ווי אין קדחות, די רינגען האָבן זיך געקלאַפּט אָן די ווענטלעך, געשריען און געגעבן צו וויסן, אַז דאָס שניידט אַ יידישער שניטער זיין תבֿואה...

דאָס אָפּגעשוירענע פעלד איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן ברייטער און לענגער. די אַרויסגעוואָרפענע סנאָפּעס זיינען געלעגן, ווי הרוגים, איינער אויפן אַנדערן און געוואַרט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט זאָל זיי צונויפנעמען און אויפשטעלן, גרופּנווייז, אַנטקעגן דער זון צום טריקענען.

ביילקע האָט דערווייל אויסגעמאַלקן די בהמות, צוזאַמענגעקליבן די אייער פון אונטער די הינער, און געגעבן עסן די קינדער. שפּעטער האָט זי אָנגעשעפּט אַ קילן קרוג וואַסער, און מיט אַ קלומיקל „סענד־וויטשעס" אין האַנט איז זי מיט די קינדער אַוועק אין פעלד. מערעלע איז געגאַנגען לעבן דער מאַמען. אייבעלע איז געלאָפן פאָרויס און געשריען צום טאַטן:

— פּאַ! וואַרט אַ ווײַלע! איך וויל פאָרן אויף דער מאַשין!

גרשון האָט אָפּגעשטעלט די פערד, אַרויפגענומען דעם זון צו זיך אויף דער קאָזלע און אָפּגעלאָזט דעם „טאָרמאָז". די מאַשין האָט ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן, רודערן, בראַזגען — פאַרטויבט צו ווערן! די פערד זיינען שווער געגאַנגען אין שפּאַן און דער שניטער האָט אַ געשריי־געטאָן צום ווייב:

—ביילקע! קלייב צוזאַמען די סנאָפּעס און צעשטעל זיי טרי־קענען! נאָר דעם ערשטן סנאָפּ, וואָס ליגט דאָרטן ביים וועג, זאָלסטו ניט טשעפּען!..

דאָס ווייב האָט אַוועקגעלייגט דעם קלומיקל אויף דער ערד, דעם קרוג אַוועקגעשטעלט, איבערגעדעקט אים מיט אַ שמאַטקע, דאָס וואַסער זאָל אָנהאַלטן די קילקייט, און אָנגעזאָגט מערעלען:

— דו זאָלסט ניט אַרומקריכן! זעץ זיך און היט דאָס עסן מיטן וואַסער!

איצט איז זי געגאַנגען פון קופּע צו קופּע, אויפגעהויבן די סנאָפּעס, זיי געשטעלט פּלייצע צו פּלייצע, מיט די בערד אַרויף, און אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָס אָפּגעשניטענע פעלד באַלאַגערט געוואָרן מיט באַגילדעטע, שטרויענע באַלאַגאַנעס. ביילקען האָט דאָס האַרץ אַ ציטער־געטאָן פון פרייד: דאַנקען גאָט! אייגענער ברויט וועט זיין! אפשר וועט מען נאָך קאָנען פאַרקויפן אַביסל תבואה און אַרומצאָלן זיך פון די חובות...

די גאַנצע צייט, וואָס גרשון האָט איצט געאַרבעט, איז ער געווען פאַרטראַכט און ניט אומגעקוקט זיך אויף קיין זאַך, אויסער אויף די פערד. פּלוצים האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן באַרג און באַמערקנדיק טאַמס קבר צופוסנס, האָט ער אויף גיך אָפּגעשטעלט די פערד, איז אַראָפּ פון ביינדע, אַראָפּגענומען אייבעלען פון דאָרט און געבעטן זיין ווייב:

— זיי אַזוי גוט, ביילקע, און ברענג אַהער דעם ערשטן סנאָפּ...

זי האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דאַרף ער עס האָבן דעם ערשטן גאַרב! נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי אים צוגעטראָגן און געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפסטו האָבן דעם ערשטן סנאָפּ?

ער האָט איר ניט געענטפערט. אָנגענומען דעם גאַרב ביים גאַרטל און, אַן ערנסט־געוואָרענער, מיט פּלוצימדיקן טרויער אויפן פּנים, האָט ער געזאָגט צום יינגל און צו ביילקען:

— קומט!

באַלד זיינען זיי שטיין געבליבן לעבן טאַמס קבר, וואָס איז שוין געוואָרן באַוואַקסן מיט ווילדע פלאַנצן. גרשון האָט זיך אַוועקגעשטעלט צופוסנס דעם בערגל ערד און אַרויפגעלייגט דעם גאַרב אויפן קבר:

— טאָם! איך האָב דיר געבראַכט דעם ערשטן סנאָפּ פון אונדזער קראַפּ. נעם אים צו. דאָס איז דיין שכר...

פון דער סצענע איז ביילקע גערירט געוואָרן ביז טרערן. איר מאַנס גוטסקייט האָט איר דאָס האַרץ צענומען, און זי האָט געוויינט:

— ס'איז זייער שיין פון דיר! איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן!..

ער האָט איצט ניט געהערט אירע רייד. זיינע געדאַנקען האָבן זיך אַ טראָג־געטאָן ווייט פונדאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז טאָם איז אים געטריי געווען, כמעט ווי אַן אייגענער טאַטע און צורופנדיק דאָס יינגל, האָט אים גרשון אָנגעזאָגט:

— הער זיך איין, מיין זון. איצט ביסטו שוין אַ גרויסער באַי און מעגסט וויסן, אַז אָט דאָ, אונטערן בערגל ערד ליגט אונדזער ליבער טאָם, ווען די שלעכטע ווייסע האָבן ניט געלאָזט באַערדיקן אויף דער סעמעטערי. זאָלסט דאָס געדענקען!... נאָך איין זאַך וויל איך פון דיר: ווען איך וועל שוין ניט זיין זאָלסטו, אַלע שניט־צייט, ברענגען אַהער דעם ערשטן סנאָפּ פון פעלד און אָפּגעבן אים צו טאָמען. וועסטו מיך פאָלגן?

דאָס יינגל האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע וויל פון אים, נאָר געפילט האָט ער, אַז דער טאַטע זאָגט אים אָן עפּעס אַ גרויסע זאַך. דערפאַר האָט ער זיך געשראָקן, אַן אימה איז אים באַפאַלן און, ניט וויסנ־דיק אויף קלאָר, וואָס ער טוט, האָט ער אָנגעהויבן וויינען:

— איך וועל ברענגען!..

די מאַמע האָט ניט געוואוסט: צי זי זאָל זי אָנשרייען אויפן מאַן פאַר דעם דאָזיקן „ווילדן" פאַרלאַנג, וואָס ער האָט ווי אַרויפגעצוואונגען אויפן קינד, צי ניט. דעם יינגלס וויינען האָט זי אָפּגעריסן פון אָרט. זי איז צוגעגאַנגען, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן:

— וויין ניט, מיין קינד. קום אַוועק פון דאַנען. דערפאַר וועסטו אַ גאַנצן טאָג פאָרן אויף דער מאַשין...

אייבעלע האָט אַ שמאַרע געטאָן מיטן נעזל, אָפּגעווישט עס מיטן אַרבל און געלאָזט זיך גיין נאָך דער מאַמען. אינמיטן וועג האָט ער אויס־געדרייט דאָס קעפּל אויף צוריק, אַ קוק געטאָן אויפן קבר און אויף די נאָך ניט אָפּגעשניטענע בייטן קאָרן, און עס איז אים אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס די זעלביקע ערד וואָס גיט אַרויס לעבעדיקע זאַנגען, באַהאַלט און דעקט צו דעם „אַנקל טאָם", וועמען ער פלעגט ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן און דאָס פאָרן מיטן טאַטן אויף דער ביינדע איז שוין אים ניט איינגעגאַנגען...

דער טאָג איז געשטאַנען אַ הייסער און אַ שווערער. די זון האָט זיך געדראָפּעט אויפן הימל און געפלאַמט גרשונס פנים. פונם כסדרדיקן

אַנטרייבן די פערד, האָבן אים הענט און פיס געבונדן ווי־טאָן. דער גומען האָט געטריקנט און געמאָנט וואַסער:

— אייבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום זון, וואָס איז איצט געגאַנגען מיט דער מוטער צוגלייך, געהאָלפן אויפשטעלן די גאַרבן, און אַלץ ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם קבר מיטן סנאָפּ ווייץ, — אייבי! ברענג אַהער אַביסל וואַסער!

קאַפּיטל XXVI

אַ פּאָר וואָכן זיינען די תבואות געשטאַנען און געטריקנט זיך אין זון. דורך דער צייט האָבן די זאַנגען אַראָפּגעלאָזט זייערע כינעזישע, שיטערע בערדלעך און אַנטבלויזט הארטע און טערפּקע קערנער, וואָס זיינען פון טאָג צו טאָג גאָלדיקער געוואָרן. דאָס פעלד: אַן אָפּגע־שוירנס, מיט קורצע שטייפע שטרויעלעך, האָט איצט קיין באָרוועסע פוס אויף זיך ניט אַרויפגעלאָזט און געשטאָכן די פּיאַטעס, אַריינגעשניטן זיך צווישן די פינגער און פאַרשטעלט דעם וועג.

פון וויטע פעלדער, צי גאָר פון די בערג — זיינען סטייעסווייז פייגעלעך אָנגעפלויגן און אַלע טאָג אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די סנאָפּעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין מנינים, ווי זיי וואָלטן געדאַוונט „פאַר זיך“. די פייגעלעך האָבן געפּיקעט די קערנער. געטאָן האָבן זיי דאָס מיט שמחה, געסווישטשעט דערביי, געזונגען אין כאָרן, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זינגען זיי אַ שיר צום בורא־עולם, וואָס האָט פון זייערטוועגן אָנגעגרייט אַזויפיל קערנער צום פרעסן...

פון די פייגעלעך האָט גרשון געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. דערזען, אַז זיי ווען אויפפרעסן דעם גאַנצן ווייץ מיטן קאָרן, איז ער געפאַלן אויף אַ געדאַנק ווי צו פאַרטרייבן זיי. ער האָט צוזאַמענגעקלאַפּט עטלעכע צלמים, אַרויפגעטאָן אויף זיי רעקלעך מיט היטלען, די אַרבל אָנגעפילט מיט שטרוי — האָבן זיי אויסגעזען ווי מענטשלעכע, צענומענע הענט — און די „סטראַשידלעס“ אָװעקגעשטעלט אין פעלד.

צוערשט האָבן זיך די פייגעלעך טאַקע דערשראָקן, כמאַרעסווייז אַ הויב געטאָן זיך אינדערלופטן און אָפּגעצויגן אין די בערג, אָבער באַלד האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר „אויסקוקערס“. זעענדיק, אַז די „סטראַשידלעס“ באַוועגן זיך ניט, זיינען זיי ווידער אָוועק צוריק אין די בערג און אין אַ שטיקל צייט אַרום איז דאָס פעלד נאָכאַמאָל באַפאַלן געוואָרן מיט גע־פליגלטע פרעסערס, וואָס האָבן פאַרהילכט דעם סטעפּ מיט זייער געזאַנג.

אַז דער מיטל האָט ניט געהאָלפן, האָט גרשון געפּרואווט מזל אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט געבראַכט די ביקס און אַ פּאָר מאָל אויסגע־שאָסן. די פייגעלעך האָבן זיך אַ יאָג־געגעבן מיט אַ געפּילדער העט איבערן קאָפּ, עטלעכע מינוט געקרייזט אין זיג־זאַגן און דערנאָך ווידער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די סנאָפּעס. נאָר איצט איז שוין דער הונט, „קירלי״, געקומען צו הילף זיין בעל־הבית. מיט אַ בילעריי איז ער גע־לאָפן פון איין מנין סנאָפּעס צום אַנדערן און פאַרטריבן די זינגענדיקע פרעסערס.

אַזוי האָט זיך די דאָזיקע סצענע איבערגעחזרט אַלע טאָג. אין אַ מיטוואָך איז גרשון צוגעגאַנגען צו אַ סנאָפּ, אָפּגעריסן אַ פּאָר קערנער, אַריינגענומען אין מויל און צעקייעט. אַ טערפּקע זיסקייט האָט זיך אים צעגאָסן אויפן גומען. דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די תבואה איז שוין אויסגעטריקנט, און דעם זעלבן טאָג נאָך אַריבערגעפירט די תבואה צו זיך — אין באַרן.

קיין דרעש־מאַשין איז ביי אים ניט געווען, און בעטן אויסלייען ביי עמיצן האָט ער ניט געוואָלט. האָט ער גענומען אַ לאַנגן שטעקן, צוגע־בונדן צום עק אַ קיילעכדיק שטיק האָלץ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פונם שטעקן אויף אַ שטריקל, און מיט דעם אָנגעהויבן אויסקלאַפּן די קערנער פון די זאַנגען.

אָט דער פּרימיטיווער דרעשן איז ניט געווען פון די גרינגע מלאכות און געדויערט אַ פּאָר וואָכן. גאַנצע טעג זיינען רוטשאַקעס שווייס געלאָפן איבער דעם פויערס רוקן, נאָר דער געדאַנק, אַז ער דרעשט אייגענע תבואה — האָט אים צוגעגעבן מוט און כוח צו האָרעווען ווי אַן אייזל. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און אַראָפּגעלאָזט אויף די זאַנגען, האָט ער געטראַכט: בעסער צו עסן אייגן ברויט, וואָס מען פאַרדינט מיטן שווייס, איידער פרעמדס, וואָס קומט אָן גרינג...

און כאָטש ביילקעס בויך האָט זיך שוין געהאַט פאַרריסן אויף אַרויף און יעדערער האָט געקאָנט זען, אַז זי טראָגט אַ ניי־לעבן, איז זי אָבער ניט אָפּגעשטאַנען פונם מאַן אַפילו אויף איין שפּאַן. אַרויסגעהאָלפן אים אין דער שווערער אַרבעט און ניט איינגעהערט זיך צו זיין בעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל דאָס ניט טאָן.

ווען דאָס דרעשן האָט זיך ענדלעך פאַרענדיקט און אין שטיבל איז אויסגעגאַנגען דאָס געקויפטע ברויט, האָט ביילקע, אין אַ דאַנערשטיק אינדערפרי, געזאָגט צום מאַן:

— איצט, אַז מיר האָבן שוין, גאָט צו דאַנקען, אייגענעם קאָרן, דאַרף

מען קיין פּאַרטיק ברויט ניט קויפן. נעם אַביסל קאָרן, פיר אַוועק צום מילנער צעמאָלן און איך וועל באַקן אַ געבעקס.

גרשון האָט איינגעשפּאַנט די פערד, אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן אַ פּאָר זעקלעך קאָרן, גענומען אַביסל קליינגעלט אין קעשענע און, מיטנעמענדיק אייבעלעך, אַוועקגעפירט די קאָרן צו דער מיל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון גרעניג סיטי. אין אָוונט האָט ער צוריקגעבראַכט די מעל און אַריינגעטראָגן אין שטיבל:

—ביילקע, זע! די מעל איז ווייס ווי ווייצענע!! דאָס איז אונדזער מעל!.. פאַרשטייסט כאָטש, וואָס דאָס מיינט? — אונדזער מעל!!..

זי האָט אויפגעטרענט דעם פאַרנייטן זעקל, אַרויסגענומען אַ ביסל מעל, אַ פּראָוו־געטאָן צווישן די פינגער, ציטערדיק געגלעט עס אויפן האַנט־פלאַך, און פון גרויס פרייד האָבן זיך אירע פּיסקעס פאַרקרימט צום וויינען:

— דאַנקען גאָט! טאָקע גוטע מעל, גלאַט ווי זייד! דאַנקען גאָט!..

אַז זי האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט די פאַרטרערטע אויגן, האָט זי אַריינגעגאָסן לעבלעך וואַסער אין דער גלייענער דייזשע, אויפגעלייזט דאָס שטיקל טייג, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו אַ ווענטל, אַריינגעשאָטן אַהין מעל און גענומען פאַרמישן אַ ראַשטשינע. דערנאָך האָט זי די דייזשע איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך, די ברעגן אַרומגעכאַפּט מיט אַ שטריקל און געלאָזט די ראַשטשינע איינזייערן איבער נאַכט:

— הערסט, גרשון? פון אייגענע מעל איז אַפילו דער טייג אַנדערש! לאָזט זיך קנעטן! באַרעכן זיך: איך האָב פאַרמישט מער ווי אַ האַלבע דייזשע און די הענט טוען מיר ניט ווי... דאָס איז אַ גוטער סימן...

דורך דער נאַכט איז דער טייג אויפגעגאַנגען הויך און אַרויסגעשפּאַרט פון אונטערן טישטוך. אינדערפרי האָט ביילקע איינגעהייצט דעם אויוון, צוואָשן זיך די הענט, פאַרקאַטשעט די אַרבל ווייט אַריבער די עלנבויגנס און מיט פאַרביילטע פויסטן אַריינגעפאָרן אין דייזשע. אַלע ווײַלע צוגעשאָטן נאָך מעל; צוגעגאָסן נאָך וואַסער, און געקנעט. פונם קנעטן האָבן זיך, אינם טייג, אַלע ווײַלע באַוויזן טיפע „קראַטערס", געקליטאַטשעט און געבורטשעט, ווי אמתע וואולקאַנען־לעכער. אין אָנהויב איז דער טייג געווען געדיכט און דורשטיק, געטרונקען אַ סך וואַסער. אָבער, וואָס מער זי האָט עס געקנאָטן, אַלץ לויזער און נאָכגעביקער איז ער געוואָרן.

דער אויוון האָט געברענט, געוואָרפן טאַנצנדיקע פלאַמען אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט און אָפּגעקופּערט ביילקעס פּנים. אַז דער אויוון האָט זיך גוט אַנגעגליט, האָט ביילקע אַרויסגעשאַרט די קוילן אויפן פּריפּעטשאָק, אַנגעבונדן שמאַטעס אויף אַ שטעקן, איינגענעצט די „פּאָמעלע״ און אויסגעקערט ים. דערנאָך האָט זי אַ שאָט געטאָן אַ ביסעלע מעל אויפן „טשילען״, זען צי דער אויוון איז ניט צופיל אָנגעברענט.

איצט האָט זי אַלע ווײַלע איינגענעצט די הענט און פון דייזשע אַרויסגענומען שטיקער טייג, אויפגעהויבן אין דער לופטן און דאָס אַרומגעפּאַטשט, אַרומגעצאַצקעוועט; אויסגעפורעמט דערפון רונדע לאַבנס ברויט און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, וואָס איז געווען מיט מעל באַשפּרינקלט. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט זי זיי איינציקווייז אַרויפגעלייגט אויף דער נייער לאָפּעטע און אַרײַנגעזעצט אין אויוון. צום סוף אַרויפגעטאָן אַ נאַסע שמאַטע אויף דער זאַשלינקע און דעם אויוון צוגעמאַכט.

גרשון איז דעם גאַנצן טאָג ניט געווען אינדערהיים. אינדערפרי נאָך האָט ער אַוועקגעפירט די ביינדע צו פרענקן אויפן רענטש. אינמיטן וועג איז דער קאַסטן צעבראָכן געוואָרן. די וועגטלעך זיינען זיך צעלאָפן און כאָטש פרענק האָט אים פאַרזיכערט, אַז ס׳איז גאָרניט, דער קאַסטן איז שוין אַלץ איינס אַן אַלטער, האָט זיך אָבער גרשון געפילט שולדיק און איז פאַרבליבן דאָרטן אַ גאַנצן טאָג צו פאַרריכטן די מאַשין.

די קינדער האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער סצענע, ווי די מאַמע באַקט ברויט, און זיינען ניט אַרויס פון שטיבל, ניט אָפּגעטראָטן פון אויוון, געהיט די זאַשלינקע, געוואָלט זי אַוועקנעמען און, אַ קוק טאָן אינעווייניק, זען ווי עס באַקט זיך דאָס ברויט. נאָר די מאַמע האָט זיי געטריבן און ניט צוגעלאָזט נאָענט צום אויוון.

ווען דאָס ברויט האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעבאַקן, און ביילקע האָט אַרויסגענומען די לאַבנס פון אויוון, האָבן זיך די קינדער פונאַנדערגעוויינט, געמאָנט ברויט, מיט אַזאַ געוויין, ווי זיי וואָלטן שוין טעג ניט געגעסן. דאָ איז די מאַמע אין כעס געוואָרן און געכאַפּט אַ שטעקן אין די הענט:

— אַרויס פון דאַנען, פרעסערס! אַז דער טאַטע וועט קומען, וועט מען אָנהויבן דאָס ברויט! דערווייל קאָנט איר עסן די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל! עס וועט אייך גאָרניט שאַדן...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן באַקן און מיטן קאָכן וועטשערע, האָט זי

ערשט גענומען זיך צו דער אַרבעט און אויסגעווישט די שויבן, אויסגע־קערט די צימערלעך, צעוואַשן די דילן און באַשאָטן זיי מיט געלן זאַמד. דעם טיש באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אויבן־אָן אָוועקגעלייגט אָן איי־געגעם לאַבן ברויט, איבערגעדעקט אים מיט אַ סערוועטקע און שפּעטער, ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט זי אַריינגעשטעלט ליכט אין די לייכטער, אָנגעטאָן אַ טיכל אויפן קאָפּ און צום ערשטן מאָל געבענטשט ליכט אין דער פרייערי...

באַלד איז אויך גרשון געקומען. געעפנט די טיר און דערזעענדיק דעם שבתדיקן טיש, מיט די ברענענדיקע ליכט און פאַרדעקטן לאַבן ברויט אויבן־אָן, האָט אים אַ פרייד אַרומגענומען. זיין פנים האָט זיך צעשטראַלט, ווי דאָס פלעגט טרעפן ביי זיין טאַטן אין אָן ערב־יום־טוב, און פון דער טיפעניש פון גרשונס האַרץ האָט אַרויסגעזונגען:

— אַ גוט־שבת!

— אַ גוט־שבת, אַ גוט יאָר אויף דיר! — האָט ביילקע געענטפערט, און אָנגעבייזערט זיך אויף די קינדער הלמאי זיי ענטפערן ניט דעם טאַטן „אַ גוט־שבת"...

צוליב דעם אייגענעם ברויט און דער יום־טובדיקייט, וואָס איז פלוצים אויפגעגאַנגען אין שטיבל, האָט זיך גרשון איבערגעטאָן אין שבתדיקע בגדים, געוואַשן זיך די הענט, צוגעגאַנגען צום טיש און געמאַכט קידוש איבערן לאַבן ברויט.

נאָכן קידוש איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און עפּעס געטראַכט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען די סערוועטקע און פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרברוינטער לאַבן ברויט, אַ באַשפּרינקלטער מיט שוואַרצן קימל און פון די זייטן האָבן אַרויסגעשטאַרצט „שישקעס", און גרשונען אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דער אויוון איז געווען צו־הייס פאַרן טייג.

גרשון האָט דאָס באַמערקט און אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אויפ־געהויבן דעם לאַבן ברויט פון טיש, אים צוגעטראָגן צו זיך, צוגעדריקט צום האַרצן און מיט ציטער אין די הענט אָפּגעשניטן דעם ערשטן אקריי־טשיק, געמאַכט המוציא און, אָנשטאָט אַליין אויפעסן, האָט ער עס אָפּגעגעבן אייבעלען — און, ביי זיך אין האַרצן, געבעטן גאָט, אַז זיין זון זאָל אויסוואַקסן אַ געזונטער, ערלעכער און אַרבעטזאַמער ייד...

פונם אויפגעשניטענעם לאַבן ברויט האָט אַ שלאָג־געטאָן מיט

קאָרענער זעטיקייט. אין שטיבל איז דער יום־טוב נאָך יום־טובדיקער געוואָרן און אָנגעפּילט גרשונס און ביילקעס הערצער מיט דער פרייד פון אייגענער שפע. די ליכט האָבן זיך צעפּלעמלט, צעטריפט און פאַר־שפּרייט שבת־קודשדיקייט. דורך די ניט־פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן די פלעמלעך אַרויסגעציטערט לאַנגע, גאָלדענע לענטעס און אין סטעפּ איז אויפגעגאַנגען דער ערשטער ליכט־געבענטשטער שבת...